STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06302

# IMPRESYES FUN A LEYENER

Ezekiel Brownstone

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל
א. ב.
בראנשטיין

# אימפּרעסיעס
# פון אַ לייענער

פון זעלבן מחבר:

„פון דער פרעמד" (לידער און פּאָעמען), לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, 1929.

„וואַגאַבונדיאַדע" (פּאָעמען און לידער), פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1935.

„לידער פון אַ וואַגאַבונד" (לידער און פּאָעמען), פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1940.

גרייט צום דרוק:

„צווישנפעלקערלעכע מעשה'ס (מעשה'ס און לעגענדעס).

„פופצען פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן" (אַנטאָלאָגיע פון לידער).

„דריי פרויען פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן" (אַנטאָלאָגיע פון לידער).

שער־בלאַט געצייכנט פון ד. מויזיס.

**IMPRESIES FUN A LEIENER**

Copyright 1941

by

EZEKIEL A. M. BROWNSTONE

Los Angeles, California

Printed in U. S. A.

55

M. CESHINSKY, Publisher
2720 West Division Street
Chicago, Illinois

אימפרעסיעס פון אַ לייענער

ע ס י י ע ן

און

איינדרוקן פון ביכער

דעם אָנדענק פון מיין פאָטער

א ה ר ן  מ ש ה

# ה. לייוויק

(צו זיין פופציק יאָריקן יובילייאום)

די טענדענץ פון דער ליטעראטור, אין אַלע אירע פאָרמען — איז, אָפצושפיגלען די אמת׳ן און שיינקייטן פון דעם לעבן דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם וואָרט, אויף אַ קרעאַטיוון אופן. די ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאָר דעם רעגיסטער פון דעם מענטשנס נשמה און געדאַנקען, די קונסט פון אויסדריקן זיינע עמאָציעס און אַספיראַציעס. זי איז אַזוי צו זאָגן די געשיכטע, די איינציקע געשיכטע — פון דעם מענטשנס נשמה.

די גרונט עלעמענטן פון דער ליטעראַטור זיינען אירע קינסטלערישע, סוגעסטיווע און דויערהאַפטע איינגשאַפטן. איר הויפט פונקציע — דער אויפריר, אַריינדרינג און אַנטפּלעקונג פון אונדזערע טיפסטע און אינטימסטע איבערלעבונגען, די עקזאַלטירונג פון אונדזערע עמאָציעס. איר אינסטרומענט איז — דער סטיל. סטיל ווידער, אין טיפערן זין פון וואָרט — מיינט: מ ע נ ט ש. ד. ה. די אומבאוואוסטזיניקע אַנטפּלעקונג פון דעם דיכטערס פערזענלאַכקייט. דאָס מיינט: די פולשטענדיקע דערקענטעניש פון איין מענטשן, וואָס שפיגלט איינזיך אָפּ די געדאַנקען און געפילן פון אַלע מענטשן. ס׳איז דעריבער, בלויז אַט דער אינטענסיווער פ ע ר ז ע נ ל א כ ע ר עלעמענט, וואָס באַשאַפט סטיל אין דער ליטעראַטור. אַזוי ווערט יעדעם קונסטווערק, וואָס האָט אַ דויערהאַפטן ווערט און כאַראַקטער, דאָמינירט פון צוויי גרונט־עלעמענטן: דעם אָביעקט און סוביעקט; דאָס אוניווערסאַלע און פערזענלאַכע. דאָס לעבן פון דעם מענטשן ווערט אין דער ליטעראַטור אַזוי פאַראייניפאַכט און באַפאַרבט פון דעם לעבן פון דעם דיכטער און זיינע פערזענלאַכע דערפאַרונגען, אַז דאָס לעבן פון דעם מענטש בכלל אידענטיפיצירט זיך דורך זיין אַרבעט.

די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור איז דעריבער, אין קורצן — ניט נאָר צו פאַרשאַפן אונדז פאַרגעניגן, נאָר, דער עיקרשט — זיך צו דערגרונטעווען צו דער דערקענטעניש פון דעם מענטשן און פאַר אונדז צו אַנטפּלעקן זיין האַרץ און נשמה.

אין אונדזער ליטעראַטור פאַרמאָגן מיר אַ היבשע צאָל אַזעלכע דיכטער, וואָס האָבן אונדז באַרייכערט מיט גרויסע קינסטלערישע ווערק וואָס טראָגן אַ דויערהאַפטן כאַראַקטער, אַ דאַנק זייער אייגנאַרטיקן סטיל און פאַרנעם. גענוג צו דערמאָנען די מאָטיוון פון קדוש השם, נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פאַטאָס, טראַגיק פון יידישער געשיכטע, מאַרטירעלאָגיע און העראָאיזם פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם אברהם (וואָלט) ליעסין, די בונטאַרישקייט פון מ. ל. האַלפערן, דער הומאָר פון אונדזער אומשטערבלאַכן שלום עליכם, די

„פאָלקסטימלאַכע געשיכטן” פון י. ל. פּרץ און, זיי צו לענגערע יאָר — די ליריק פון מאני לייב'ן, די עפּיק פון י. י. שווארץ, די שאפונגען פון יוסף אָפּאַטאָשו, יעקב גלאַטשטיין און צענדליקער אַנדערע יידישע שריפטשטעלער.

אונדזער יובילאַר ה. לייוויק, געהערט אָבער צו יענע זעלטענע און אייגנאַרטיקסטע דיכטערישע פּערזענלאַכקייטן, וואָס קיין דיכטער פון זיין צייט קען זיך צו אים ניט פאַרגלייכן. זיין איינפלוס אויף אונדזער דיכטונג און געזעלשאַפטלאַכן לעבן, איז אומפאַרגלייכליך גרויס, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט ז י ך א ל י י ן א י נ ג א נ צ ן אוועקגעגיבן אויף דעם מזבח פון ז י י נ ע שאַפונגען. די אייגנאַרטיגקייט פון זיין סטיל — אין דעם דערמאָנטן זין פון וואָרט — און די דויערהאַפטיקע אייגנשאַפטן פון זיינע ווערק באַרעכטיקן זיך דערמיט, וואָס איר קענט היינט לייענען זיינע ווערק פון צוריק מיט עטלאַכע צענדליק יאָר, זיינע „סיבירער מאָטיוון” למשל —מיט דעמזעלבן אימפּעט און אינטערעס ווי דאַן; אין 1939 ווערט איר פון זיי פאַרכאַפּט און באַווירקט, ווי, לאָמיר זאָגן — אין 1919. און דאָס דערקלערט זיך בלויז מיט דעם כח פון ז י י ן ס ט י ל — זיין דיכטערישע פּערזענלאַכקייט.

ה. לייוויק האָט אויסגעבלוטיקט זיין ליד אויף דער פּאַן פון דער טיפסטער מענטשלאַכער טראַגיק.

לייוויק האָט זיין וואָרט גע'טובל'ט, און ער טובל'ט עס איצט נאָך מער ווי פריער — אין די סאַמע טיפסטע גרונטן פון אונדזער טראַגיש יידיש לעבן, וואָס ער האָט דערהויבן צו דעם סימבאָל פון אוניווערסאַלעליידן. זיין רעאַליזם, אויף וויפל לייוויק פאַרמאָגט אים — האָט ער אזוי פאַראיידלט און פאַרטיפט, אז ער האָט אים ממש דערפירט צו סימבאָליק.

לייוויק'ס ליטעראַטור־אַרבעטן, זיין ליד, דראַמע, עסיי און אפילו צייטונגס־אַרטיקל איבער אַ וואָכעדיקער טעמע — זיינען דורכגענומען מיט אַ סאָציאַלן פּאַטאָס און געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר דעם לעבן פון דעם יחיד, וואָס איז די באַזע פאַר דעם לעבן פון דעם כלל.

לייוויק'ס וואָרט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם ער זאָל עס ניט באַקליידן — שפיגלט אינזיך אָלעמאָל אָפּ די דראַמאַטישע קאָנפליקטן פון אונדזער צייט. לייוויק'ס וואָרט באַנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט אליין; דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין דיכטונג באַשאַפט ער אַ סינטעז צווישן דעם נעכטן און דעם מאָרגן, אויף דער באַזע פון דעם פאַרבלוטיקטן און צושרויפטן היינט. זיין טעמאַטיק איז אַ פילפאַרביקע, שפיגלט אינזיך אָפּ און איז אינזיך כולל די נויטן פון דעם כלל און יחיד, מענטש און ייד, וועלט און פאָלק. רו און אומרו, לעבן און טויט, האַס און ליבע, גוטס און שלעכטס, לייב און נשמה, גאולה און

פאַרשקלאַפונג, שטאָט און מדבר, שאָף און שטוב, א מאי דעמאָנס־טראַציע און סאַקאָ און וואַנזעטי, אפילו דאָס טרויעריק באַרימטע „ווייסע פּאַפּיר״ בנוגע פּאַלעסטינע, שוין אָפּגערעדט פון דער טראַגיק פון א הירש לעקערט — וואָרצלען טיף אין זיין דיכטונג. אָט איז אָקאָרשט געווען געדרוקט אין דעם ניו יאָרק׳ער „טאָג״ פון דעם 28טן מאַי, 1939, זיינס א ליד א. נ. „דאָרטן וואו די צעדער״, וואָס קאָן דינען ווי דער גלענצנדסטער ביישפּיל, ווי אזוי אונדזער ה. לייוויק רעאַגירט אויף א צייט־פראַגע דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין וואָרט, אין דער פאָרם פון א ליד:

**דאָרטן וואו די צעדער. פון ה. לייוויק**

דאָרטן וואו די צעדער,
דאָרטן און אויך דאָ —
יאָמערט די גאולה,
שלאָגט די צוועלפטע שעה.
אויף די ווייסע שטיינער
זידן רויטע שטראָמען —
בלוט אין אונדזער גאָרטן,
בלוט אויף אונדזער נאָמען.
טיטוס שפּאַנט פון לאָנדאָן,
זיין געווער — באַטרוג;
אין זיינע געהירן
פּיקט נאָך ניט דער מוק.
וואָס איז פאַר אים עמק ?
וואָס — ירושלים ?
שקר׳דיקע קלאַנגען
מאַכט־רויב צו פאַרשרייען.
אויף דעם גוף פון פעלקער
טאַנצן זיי געפּאָרט,
טאַנצן זיי געאָרעמט —
היטלער און דער לאָרד.
אין דעם לאָרדס צילינדער
דריבלט זיך א דריבל —
ווען דער לאָרד דערביי נאָך
קושט זיך מיט דער ביבל.
פון די אַלטע בלעטער
שרייט ארויס א קול:
שנאָבל־מוק וואו ביסטו ? —
קום צום צווייטן מאָל.
קום און דרינג אריין,

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין

דורך טויערן און טירן,
גלייך אין סאַמע טיף
פון לאָרדישע געהירן.
טיטוס קומט פון לאָנדאָן,
מוק — פון עין חרוד,
מוק — פון גבת, פון חולה,
מוק — פון כפר גלעד,
מוק — אויף צאָן פון אַקער,
מוק — אויף שפּיץ פון פּעדער —
דאָרטן וואו דער מדבר,
דאָרטן וואו די צעדער.

זייער אַ קאָנדענסירט בילד איבער אַ צייט־פראַגע, אויסגעדיכטעט און אויסגעבלוטיקט אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, נאַציאָנאַל־יידיש — אַ גבורה'דיקער אויסגעשריי פון אַן ערשט־קלאַסיקן און אחריות'פולן רעוואָלוציאָנערן דיכטער.

דערפאַר וועקט אין אונדז ה. לייוויק אַלעמאָל אַ גלויבן אין דעם כח פון דעם יידישן וואָרט, וואָס איז אין גרונט געגומען רעוואָלוציאָנער און איז אַלעמאָל בכח ניט נאָר צו ברעכן טראַדיציעס, נאָר, דער עיקרשט—בכח פאַר אונדז אויסצו'חלומ'ען דעם חלום פון אחרית הימים, אין הסכם מיט דער יידישער נבואה, די פאָנען־טרעגערין פון דער ליכטיקסטער אידייע אויף דער וועלט: די אידייע פון אַ יושר'דיק לעבן צווישן מענטשן איבער דער גאָרער וועלט.

לייוויק'ס לידער, פון דעם סאַמע ערשטן ביז דעם סאַמע לעצטן, ווי ליריש זיי זאָלן ניט זיין פאַרטראַכט און דורכגעפּירט — זיינען דורכאויס פּראָבלעמאַטיש. די מעלה אָבער זייערע איז, וואָס זיי טראָגן אויף זיך אַלעמאָל דעם חותם פון לייוויק'ס פּערזענלאַכקייט — אַן אינטערעסאַנטע טעמע פאַר זיך אַליין — וואָס צייכנט זיך אויס מיט דער גרויסקייט פון זיין פּשטות און פּשוטקייט פון זיין גרויסקייט.

צו וועלכן ליד לייוויקס מיר רירן זיך ניט צו, שלאָגן מיר זיך אַלעמאָל אָן אין אַן ענין וואָס איז נוגע דעם לעבעדיקן מענטש אין אונדז, דורך וועלכן מיר אַליין — די לייענער און פאַרערער זיינע — קריגן אַ תיקון און ווערן דערהויבן צו דער זעערישקייט פון אונדזער דיכטער.

ה. לייוויק, וואָס איז דער טיפּישסטער יורש פון אונדזערע קלאַסיקער: מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם — האָט מער פון זיינע צייט־חברים פאַרשטאַנען דעם סוד, ווערט און אָפּקלייב פון וואָרט, אין זיין אָנווענד אויף זיין דיכטונג. באַ לייוויק'ן איז ניט שייך קיין סתם ריידעריי, איבעריקע באַפּוצונגען און פראַזעאָלאָגיע פון יעדן מין. זיין יעדער זאַץ און שורה איז אַלעמאָל אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט

תוכן, וויזיע און פאָרנעם. לייוויק האָט קאָנטיק אינגאַנצן אָנגענומען די פאָרמולע פון אונדזער זיידן מענדעלע מוכר ספרים, בנוגע א ווערק. מענדעלע, ווי איר געדענקט אודאי — האָט אונדז פאַרזאָגט, אַז „אַ ווערק דאַרף מען פיילן און פיילן. מ׳דאַרף אויסקוועטשן דאָס וואַסער פון יעדער שאָפּונג, און אויב נישט — איז עס אָנגעבלאָזן און וואַסערדיק". לייוויק געדענקט עס קאָנטיק אַלעמאָל, און פאַר־ראַט קיינמאָל ניט אונדזער באמת גרויסן זיידען. און אויף דעם סמך פון גיבן אַ פולשטענדיק בילד, אַ מאַקסימום געדאַנק אין אַ מינימום ווערטער — האָט לייוויק ממש אויפגעטאָן וואונדער, אויף דעם געביט פון זיין פערזן־אַרכיטעקטור און לעקסיק. דערפאַר באַ־רעכטיקט זיך זיין אויפזינג אין זיין ליד „וואָרט און זאַכן", אַז —

„כ׳רייס פון ווערטער זיבן פעלן,
שאָלעכצן איך שייל און שייל,
ביז עס גיט אַ לויכט אין העלן
ס׳טיפע קערן אָפּן, הייל".

די עכטקייט און אָנגעלאָדנקייט מיט תוכן פון אַלע זיינע לידער באַשטעטיקן עס.

און דאָס וואָס עס „לויכט אין העלן" אויף פאַר דעם דיכטער, לויכט במילא אויך אויף אין די אויגן פון דעם אַקטיוון און מיטשאַ־פערישן לייענער, וואָס ווערט פון אים באַווירקט, דערהויבן און גע־לייטערט.

לייוויק, דער דיכטער פון קאַמף און הערָאיק, צווייפל און גלויבן, צייכנט זיך אַלעמאָל אויס מיט זיין טיפן ערנסט און ווירקט אויף אונדז תמיד מיט דער מאַגיק פון זיין וואונדערלאַכער דיכטע־רישער פערזענלאַכקייט. לייוויק האָט זיין פּאָעטיש געפיל געלייטערט אין צער, באַם אָנגעזיכט פון אונדזער טראַגיק און גורל, און ליידנ־שאַפטלאַכער בענקשאַפט נאָך דערלייזונג. אָט די בענקשאַפט און ליידנשאַפט זיינע, האָט אים דערהויבן צו דער פּראָבלעמאַטישער און סימבאָלישער דיכטונג פון זיין מאָנומענטאַלן „גולם" און „גאולה קאָמעדיע"; צו דעם פּאַטאָס פון זיין „באַלאַדע פון דענווער סאַנאַ־טאָריום", און צו דער צאַרטער ליריק פון זיין „אַבעלאַר און העלואיז", און אַ סך, גאָר אַ סך — אַנדערע קונסט־ווערק, וואָס האָבן אים, אַ דאַנק דער אוממיטלבאַרקייט פון זייער טעמאַטיק און עכטקייט, פאַר־נעם און אחריות, פאַרוואַנדלט אין דעם געוויסן פון אונדזער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור.

לייוויק׳ס ערשטע לידער וואָס זיינען אויפגעקומען אין קלעם פון צאַריזם און אונטער דעם געקלאַנג פון קייטן אויף זיין אייגענעם גוף, האָבן זיך דער עיקרשט אויסגעצייכנט מיט זייער איינפאַכקייט, סימבאָליק, ליריזם, וויזיאָנערישקייט און קאָנצענטרירטן אויסדרוק.

אין א ליד פון יענעם אנהויב־פעריאָד פון זיין דיכטערישער ארבעט, א. נ. „איינגעשמידטע", האָט לייוויק דאָן געזונגען :

„איינגעשמידטע זיינען מיר,
יעדער אין א קאַמער זיצט באַזונדער:
אייגעשפּאַרטערהייט באַם טיר
שטייען מיר און וואַרטן אויף א וואונדער".

איז אָפּגעזען דערפון וואָס די אַלע עלעמענטן און אייגנשאַפטן פון זיינע ערשטע לידער האָבן אים באַגלייט אויף אַלע זיינע דיכטערישע וועגן, און אָפּגעזען דערפון וואָס לייוויק האָט זיי אגב אויך — אין לויף פון יאָרן — פארטיפט און נאָך מערער פאראיינפאַכט און גלייכצייטיק זיי דערפירט צו די העכסטע הויכן פון פערפעקטער פאָרם, איז לייוויק'ן, ווי אונדז אַלע — נאָך אַלץ באַשערט צו שטיין און וואַרטן אויף א וואונדער, ווייל — קאַמער און תפיסה האָבן אפשר געביטן זייער נאָמען און אויסזען, אונטער אַלע אומשטענדן זיינען זיי אָבער לײדער נאָך אַלץ דאָ; פאַרמערן זיך און פארערגערן זיך פון טאָג צו טאָג. זינגט טאַקע לייוויק אין א שפּעטערדיקער תקופה, אין זיין בוך „לידער פון גן עדן" : —

„בעטלער איז נאָך בעטלער,
בלינדער איז נאָך בלינד,
הין־און־הער אַ פעטליע
וויגט נאָך אום דער ווינט". (23)

לייוויק האָט זיך פונדעסטוועגן צום גליק ניט פארלוירן. די רייפסטע לידער פון זיין בוך „לידער פון גן עדן", אָטעמען מיט ג ל ו י ב ן, זייער א ווינשנסווערטער און דאָמינירנדיקער כח אין דעם לעבן פון א דיכטער. אָט זיינען צוויי ביישפּילן:

(1) „דאָס ליד פון טויזנט נעכט, פון טויזנט שויבן : —
מיר דוכט זיך אַלעמאָל — איך הייב ערשט אָן ;
איך שפּיר דאָס פרישע ליכט פון אָנהויב גלויבן,
דעם פלאַטער פון אַן ערשטער יום טוב־פאָן".
(ליד פון טויזנט שויבן)

(2) „די פינצטערע נאַכט קוים ארויסגעקראָכן
אויף דער פערטער טרעפּ גייט־אויף ניי־באַגין,
צוזאַמען מיט דער זון לויכט־אויף ווידער מיין בטחון,
אַ פרישע האָפענונג און אַ נייער זין". (טרעפּ)

און כאָטש ער זינגט וועגן זיך אין אַן אנדער ליד (142) אז —
„האָב נאָך אַלץ זיך אַליין, ווי געטרוימט, ניט געפונען,
כ'שטיי נאָך אַלץ פאַר דיין אָנגעזיכט, לעבן מיינס, שטום"
איז אונדז גוט פון אים צו טראַכטן אין דעם זין פון שפּירן „דאָס פרישע ליכט פון אָנהויב גלויבן" און גלייכצייטיק אים אויך זען צו־

זאמען מיט דער זון", ווי עס לויכט ווידער אויף זיין בטחון — ווי ער אליין דריקט זיך אויס — וואס וועט אונדז, זיינע לייענער און פארערער — אויך האפנטליך באווירקן און באצווינגען, ווי עס האבן אונדז באווירקט און באצוואונגען זיינע ביז איצטיקע שעפערישע, דיכטערישע און דראמאטישע שאפונגען.

## יצחק־לייבוש פרץ — אונדזער זון אין טאגן

(צו זיין 25טן יארצייט)

יצחק־לייבוש פרץ, וואס איז שוין טויט אריבער א פערטל יארהונדערט, איז ביז היינט בא אונדז די פאן, דער פירער פון דער לעבעדיקער יידישער ליטעראטור.

פרץ, דער דיכטער פון קאנטראסטן — איז געגליכן צו דעם אומאויפהערלאכן לעבן אליין, וועמנס זינלאכקייט דריקט זיך אויס אין זיין אייביקער שאפונג און איבערשאפונג. און ווי דער אויפגאנג באנייט ער זיך תמיד מיט פרישן אימפעט יעדן באגינען, און גרייט זיך אלעמאל צו א נייעם אנהויב.

פרץ איז אלעמאל געשטאנען אויף דער שוועל פון א נייעם אנהויב. דערפאר איז בא אים פאראן אזא שפע פון נייע וואריאירונגען און אן אומאויפהערלאכער עקסטאז פון בענקשאפטן און נייע פרואוון, צו דורכאוים נייער פלאנירונג און שפע פון ארבעט.

יצחק־לייבוש פרץ איז אונדזער זון אין טאגן, וואס נערט אונדז מיט גלויבן און רופט אונדז צו מעשים. אונטער דעם שוץ פון זיינע ליכט־שטראלן, ווערן מיר אלעמאל דערהויבן צו דעם אויפשטייג פון נייע נשמה־רעגונגען. היינטצייטיקע יידישע שרייבער באדארפן אין אים נישט נאר געפינען א גלויבן אין דעם אומאויפהערליכן כח פון אונדזערווארט וואס ער האט אין אונדז פארזייט, די אייביקע געשטאלטונג פון אונדזער נאציאנאלן קיום — נאר זיי באדארפן זיך דער עיקרשט בא אים לערנען ווי אזוי צו באשאפן און איבערשאפן א ווערק, כאטש די מערסטע פון אונדזערע שרייבער, עס זאל אונדז צו קיין גנאי ניט זיין — איבערהויפט דער יונגערער דור שריפטשטעלער אונדזערע, דא און אומעטום — האבן בדרך כלל נישט ליב זיך צו לערנען, און יאגן זיך בלויז צו דרוקן. דערפאר אפשר הערשט בא אונדז אזא שפע פון נישט אויסגעטראגענע וואסערדיקע ווערק אין אונדזער ליטעראטור, וואס ווערן בטבע געשריבן, נישט געשאפן מיט בלוט און מיט נערוון . . .

פרץ, די אומרו און ליכטיקסטע פערזענלאכקייט פון אונדזער גאנצן היינטצייטיקן קולטור־בנין — איז דערפאר אונדזער פאנען־טרעגער, ווייל שוין אין די אכציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט

איז דער וויכטיקסטער קרעדאָ פון זיין אַקטיוון און שעפערישן לעבן געווען: „. . . איך וועל שאַפן א יידישע ליטעראַטור, ריידן און שרייבן צום פאָלק אויף זייער שפּראַך . . .״ און קיינער ווי ער, פאַר־און־נאָך אים — האָט עס אַזוי בולט נישט באַוויזן, מסירת נפש׳דיק דורכגעפירט און פאַרקערפּערט אין קאָנקרעטע מעשים און שעפערישע ווערק, וואָס זיינען פאַרבליבן ווי די שענסטע מוסטערן פון א ליטע־ראַטור לדור דורות.

פּרץ, וואָס איז צו אונדז געקומען ווי א משכיל מיט א פּראָגראַם פאַר בילדונג: „אונדזער פּראָגראַם איז — בילדונג; מיר ווילן בילדן דאָס פאָלק, מאַכן אויס נאַרן — קלוגע, אויס פאַנאַטיקער — געביל־דעטע מענטשן; אויס ליידיק גייער און לופט־שלינגער — אַרבעטער; נוצלאַכע, אָרנטלעכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר זיך, און דעם כלל קומט דערפון א טובה אַרויס.״ — האָט בא זיינע ערשטע טריט אין אונדזער ליטעראַטור און קולטור־לעבן שוין געזוכט א סינטעז צווישן ייד און מענטש, און געשטרעבט צו פאַרבינדן דעם גורל פון דעם יידישן מאַסן־מענטש מיט דעם גורל פון אַלע לענדער און פעלקער.

פּרץ׳ן האָט אַלעמאָל אינטערעסירט דאָס גאַנצע פאָלק. ווי אַן אמת׳ער פאָלקס־ דיכטער האָט ער זיך געפרייט מיט זיינע פריידן און דערגרייכונגען, און זיך אויך משתתף געווען מיט זיינע דורכפאַלן און ליידן. פּרץ איז אָבער גלייכצייטיק אויך געווען דער ערשטער קלאַסי־קער אונדזערער, דערצו נאָך אין א צייט ווען אונדזער ליטעראַטור איז נאָך געווען אין טאָגן, אין דער פאַרוואָרלאָזטער סביבה פון רע־ליגיעזן פאַנאַטיזם — וואָס האָט אַרויסגעפירט דעם יחיד, מיט אַלע זיינע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען אין אונדזער ליטעראַטור, אין קעגנ־זאַץ צו מענדעלעס פאַרטיפן זיך אין די נויטן און הילפלאָזיגקייט פון אונדזער כלל.

פּרץ איז געווען א זעלטענער מתמיד און מיט דעם אינטואיציוון כח פון זיין דינאַמישער פערזענלאַכקייט, האָט ער זיך אויף תמיד פאַר־פעלזיקט אין אונדזער געשיכטע, פאַרצווייגטער און צעצווייגטער לי־טעראַטור, וועמענס בויער ער איז געווען און פאַרבליבן — און דער־מיט אליין פאַר זיך אויפגעבויט דעם שענסטן מאָנומענט, וואָס וועט האָפנטליך גובר זיין אַלע אונדזערע שונאים מיט איר עצם עקזיס־טענץ, און בייקומען אַלע קאַטאַסטראָפעס.

און כאָטש פּרץ האָט אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן געזונגען:

„. . . אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען<br>כ׳זאָל פאַר גויים גויאיש זינגען<br>נישט פאַר יידן, נישט „זשאַרגאָן״ ! —<br>קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן !״

האָט ער עס אָבער דערנאָך אינגאַנצן פאַרלייקנט, מיט דער פיל־פאַרביגקייט פון זיין פאַרצווייגטער קינסטלערישער אַרבעט אויף יידיש, נישט אויף זשאַרגאָן! באַ דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט ער עס אַזוי פאָרמולירט: „. . . איין פאָלק יידן — זיין שפּראַך איז יידיש. און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און פעלקער."

און דאָס וואָס יצחק־ליבוש פּרץ האָט געוואָלט, דאָס האָט ער דורכגעפירט אין לעבן. דער פּועל יוצא דערפון איז, ווי שוין אויבנדער־מאָנט — אַ צעצווייגטע און פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור, וואָס ער פירט אַלעמאָל באַרג־אַרויף, אויב נישט נאָך העכער . . .

דער אומרואיקער גרויס־גייסט אונדזערער, יצחק־ליבוש פּרץ — זוכט און בויט זיך אַלעמאָל איבער. און זוכנדיק פירט ער אונדז אַלעמאָל צו אַלץ ווייטערע צילן און אַלץ נייע און נייערע דערגרייכונגען.

און דאָס וואָס פּרץ פּרעדיקט פאַר אַנדערע, פירט ער פריער פון אַלץ דורך באַ זיך אין דער היים. ער לאָזט זיך למשל באַאיינפלוסן פון די אייראָפּייאישע ליטעראַטורן, עקספּערימענטירט ער פריער פון אַלץ מיט זיך אַליין: ער שאַפט ליטעראַטור־ווערק אין די פאַרשידנסטע פאָרמען, באַאַרבעט זיי צענדליקער און צענדליקער מאָל; באַרייכערט זיי מיט אַלץ נייע און נייערע ניואַנסן און כאַראַקטעריסטישע געדאַנקען־און־בילדער־רייכע פּרץ־צוויטן, און שטעלט אַזוי איין אַ פּרץ־נוסח אין זיינע ליטעראַטור־אַרבעטן, וואָס רעגן, וועקן, מאָנען און עפענען פאַר דיר אַ טיר צו דער מיסטעריעזער לאַבאָראַטאָריע פון דעם קינסטלער, וואָס אונדזערע היימישע שריפטשטעלער האָבן ליידער ביז איצט נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן אויסצונוצן.

און אַזוי אָ זוכנדיק, עקספּלואַטירט ער כמעט אַלע ליטעראַטור־פאָרמען (דעם לענגערן ראָמאַן נישט אַריינגערעכנט). ער אייגנט צו זיך צו די קורצע דערציילונג, וואָס ער דערהויבט אַגב צו אַבסאָלוטער מייסטערשאַפט ; ער פאַרהיימישט זיך צו דער הומאָרעסקע און סאַטירע; באַמייסטערט די אַלעגאָריע, מעשה און לעגענדע; דער־הויבט די פּובליציסטיק צו דער פייערלאַכקייט פון יום טוב אין־און־איבער וואָך; לייטערט און דערפירט אונדזערע פאָלקס־געשיכטן צו דער אַבסאָלוטער קונסט פון ז י י נ ע „פאָלקסטימליכע געשיכטן"; פאַראייגנט זיך צו אונדזער עפּאָס, פאָלקסטימלעכער ראָמאַנטיק, און גיסט איבער אונדזערע מגילות אין אונדזער באַליבטער כלי — יידיש — אין אַזוי פיל וואַריאַנטן; עקספּערימענטירט מיט דער סימבאָלישער דראַמע, דיאַלאָג; מייסטערט אויס די עסיי, פאַר־מעסט זיך אויף ליטעראַטור־קריטיק, ליד און קינדער־ליד, און ער גע־

פינט נאָך גענוג צייט איבערצומייסטערן פראַגמענטן פון אונדזערע נביאים, דערצו נאָך אין א פּאָעטישער פאָרם — גיט זיך אָפּ, ווען נויטיק — מיט וויסנשאַפטלאַכע איבערזעצונגען, שוין נישט צו דער־מאָנען זיינע פּאָעטישע איבערזעצונגען — און איז דערצו נאָך געזעל־שאַפטליך אקטיוו!

און כאָטש מ׳קען באַשטימט נישט אָנווייזן אויף זיין דורכאויס פּרצ׳אישער ספּעציאַליטעט אין דער ליטעראַטור, האָט ער אָבער דאָס געווינס, וואָס כמעט יעדע, פאַרהעלטניסמעסיק קליינע ליטעראַטור־אַרבעט זיינע אין זין פון כמות — אין וועלכער פאָרם עס האָט זיך בא אים ניט אויסגעפּיבערט — איז אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט דער עשירות פון זיין בילדעררייכקייט און אינטעלעקטועלן אויפבליץ, און דאָס האָט זיין אַרבעט דערפירט צו דער האַרמאָנישער גאַנצקייט פון א זעלטענעם אַרקעסטער, און שפּעטער ערשט געפונען א גאַר גרויסן רעזאָנאַנס אין דעם זעלטענעם אויפשפּיל פון די פילפאַרביקסטע סטילן אין אונדזער הײנטצייטיקער ליטעראַטור. מען קען מיט א ריינעם גע־וויסן זאָגן, אז פּרץ, וואָס האָט בא אונדז אזוי לײדנשאַפטליך עקס־פּערימענטירט מיט זיין פעדער, האָט זיין טאַלאַנט נישט נאָר נישט צושפּליטערט דורך דעם, נאָר—פאַרקערט, אים באַרייכערט און פאַר־פולקאָמט. די מעלה פון דער בליצנאַרטיגקייט, קורץ־שורה׳דיקן קאָנ־דענסירטן סטיל זיינעם — ליגט, אין דער איבערגעלאָדנקייט פון זיין גייסטרייכן געדאַנקען־גאַנג און אייגנאַרטיקער געמיטלאַכקייט. זיין שעפערישע פּערזענלאַכקייט מאַכט שוין כמעט ווי איבעריק בא אים בכלל צו זוכן אַן הויפּט־מאָטיוו.

יצחק־לייבוש פּרץ געהערט צו יענע יחידי סגולה פון אונדזער ליטעראַטור, וועמענס שעפערישער כח האָט אים דערפירט צו דער הויך פון אונדזער צענטראַלסטער פּערזענלאַכקייט, אויף דעם געביט פון ספּעציפיש יידישן שאַפן. אין דעם ליגט זיין נצחון און אונדזער אייגענע דערגרייכונג, און אין דעם ליגט אויך, אויב איר ווילט — דער גבורה׳דיקער הויפּט־העלד פון אונדזער הײנטצייטיקער קולטור און ליטעראַטור: יצחק־לייבוש פּרץ!

דער כח פון פּרצ׳ס שאַפן ליגט אין זיין דינאַמיק. און די גאַנצקייט זיינע, די גבורה פון זיין מייסטערשאַפט — שטאָלצט אָן יעדן צווייפל אַרויס פון זיינע דערמאָנטע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, דאָס אָפּגעשלאָסנסטע ווערק פון אַלע זיינע אַרבעטן.

מיט פּרצ׳עס אינטעלעקטואַליזם קען נאָך בא אונדז קיינער נישט קאָנקורירן; זיין שטול איז נאָך אַלץ נישט באַזעסן פון קיינעם.

זיין ליריק מעג אונדז הײנט אויסזען אַביסל פרעמד. ער האָט אָבער דעם גרויסן פאַרדינסט צו האָבן באַרייכערט אונדזער ליריק, ווי אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט — מיט זיין ספּעציפיש פּרצ׳אישער

גערֿאַנקען־רייכקייט און שיינקייט. און די עקספּערימענטן זיינע מיט די איבערדיכטונגען אין פערזן פראַגמענטן פון די נביאים, זיינען נאָך איצט אויך אַ פּראַכטפולער מוסטער פון דיכטערישער דערגרייכונג.

אויף פּרצ׳ס טעמאַטיק איז זיך שווער אָפּצושטעלן. יעדע גרעסערע און קלענערע אַרבעט זיינע, פאַרדינט אַ באַזונדערע אויספאָרשונג און פאַרטייטשונג. איין זאַך איז זיכער: פּרץ איז אַלעמאָל געשטאַנען מיט די וואָס ליידן. זיי האָט ער געווידמעט זיין טאַלאַנט, און זיי האָט ער אוועקגעגעבן דעם גאַנצן אוצר פון זיין נשמה־רייכקייט. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן אין זיין באַציאונג צו אונדזער היימישער פאָלקס־פרוי, די מאַרטירערין און טרעגערין פון אַלע טעגלאַכע יאָכן. דאָס איז אויך אַ רייך קאַפּיטל אין דער פילפאַר־ביגקייט פון זיין אַרבעט, וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערע אויספאָרשונג.

פּרץ, דער פאָרגייער און בויער פון אונדזער ליטעראַטור — האָט אונדזער וואָרט דערטראָגן צו יענע נשמה־הויכן, וואָס האָבן פון זיך שפּעטער אַרויסגעשטראַלט, ווי אַ דירעקטער פועל יוצא פון זיין אויפשטייג אין אונדזער מאָדערנעם קולטור־לעבן — די ביבל אי־בערדיכטונגען פון יהואש׳ן, די מייסטערישע פערזן פון א. ליעסין, די געשניצטע פיגורן פון יוסף אָפּאַטאָשו, די פּראָבלעמאַטישע דיכ־טונג פון ה. לייוויק, דעם געצוימטן סטיל פון אַ ל. שאַפּירא, און צענדליקער אַנדערע טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער, וואָס שמידן ווייטער די גאָלדענע קייט פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך צו אונדז איבערגעעענטפערט פון די הענט פון י צ ח ק ־ ל י י ב ו ש פּ ר ץ.

פּרץ וואָס האָט זיך געפילט היימיש אין אַ סך פרעמד־שפּראַ־כיקע ליטעראַטורן, האָט ווי אַ צוגאָב צו זיין אויסגעבונדנקייט מיט דער יידישער טראַדיציע, געשיכטע, מעשה און לעגענדע, ער איז בא זיין לעבן שוין אַליין געוואָרן אַ לעגענדע: די לעגענדע פון דער יידישער ליטעראַטור — אויך געהאַט נביאישע אָנונגען און זעאונגען. נאָך אין 1906 האָט ער געשריבן „אין מיין ווינקעלע”: „מיין האַרץ איז מיט אייך. און דאָך . . . און דאָך האָב איך פּחד פאַר אייך. איך שרעק מיך פאַר באַצוואונגענע וואָס זיגן, עס קענען פון זיי באַצווינגער ווערן, און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלאַכן גייסט . . .”

ס׳איז גענוג אַן אויבאויפיקן בליק צו טאָן אויף אונדזער היינט־צייטיקער ווירקלאַכקייט, אויף צו דערשפּירן דעם נביאישן אמת פון די דערמאָנטע קורץ־שורה׳דיקע רייד.

מיר, יידישע שרייבער, לייענער, פאָלקס־אינטעליגענץ און פּשוט׳ע פאָלקס־מענטשן, דאָס גאַנצע פאָלק! — באַדאַרפן האַלטן טייער און הייליק פּרצ׳עס ירושה, די יידישע ליטעראַטור — און אויס כבוד צו זיין אָנדענק, באַדאַרפן מיר זיך באַמיען ווייטער צו שמידן די רינגען פון אונדזער גאָלדענער קייט און גלייכצייטיק זיך איינשטעלן

פאַר דעם כבוד און די נויטן פון אונדזער פאַרפּייניקט פאָלק, וואָס האָט אונדז מזכה געווען מיט אזא ליכטיקער פּערזענלאַכקייט ווי יצחק־ לייבוש פּרץ איז פאַר אונדז געווען און ביז היינט פאַרבליבן, די פּאָן — דער פירער פון דער לעבעדיקער יידישער ליטעראַטור.

# וועגן דער יידישער דיכטונג אין אמעריקא

## (רעפעראַט)

## וועגן דיכטער און דיכטונג בכלל.

### אריינפיר

צוליב דעם וואָס דאָס לעבן פון א מענטשן איז קורץ און נישט דויערהאַפט, האָט דער מענטש, מיט דער הילף פון דעם וואָרט, די ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען — זיך אויסגע'חלומ'ט אַן אַנדער לעבן, אַ חלום אויף דער וואָר. די ליטעראַטור האָט אַזוי צו זאָגן אריינגעפירט דעם מענטשן אין די לאַבירינטן פון זיין אייגענעם נשמה־ לעבן, זיין אינווייניקסטן איך אויסגעטאָן פון אַלע דרויסנדיקע מלבושים, און אים אליין — דעם מענטש אין אים, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין דעם געשטאַלט פון זיין באַשעפער — פאַר זיך אַליין אַנטדעקט.

דאָס איז געווען און פאַרבליבן דער וויכטיקסטער אויפטו פון דער ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען, די דיכטונג אריינגערעכנט.

דאָס וואָס דער מאָדערנער קולטור־מענטש רופט אַן פּאָעזיע וואָרצלט נישט נאָר אין דעם געשריבנעם וואָרט, וואָס באַדאַרף אומ־ באַדינגט לעבן אַן אייגן לעבן, ווי אַ לאָגישער פּועל יוצא פון דעם דיכטערס עמאָציעס און אבסאָלוטער וועלט־אַנשויאונג, נאָר באַדאַרף און מוז מיטגיין מיט דעם דיכטער אויף אַלע וועגן און אומוועגן פון אונדזער אַלגעמיינעם לעבן, פון וועלכן דער דיכטער איז אַן אימפּולסי־ ווער אויסדרוק, וואָס באַדאַרף און מוז אונדז אָנרעגן מיט זיין דיכ־ טערישער ארבעט, וויזיאָנעריש צו זעען עמאָציאָנעל פילן, הערן און מיטלעבן מיט דעם גאַנצן פילפאַרב פון דעם קאָסמאָס — וואָס באַדאַרף באַזינגען אונדזער זיין. דער פּועל יוצא דערפון איז — אז דיכטונג באַ־ דאַרף מען לעבן. דאָס מיינט: איבערלעבן און באַשאַפן, נישט שרייבן.

א דיכטער באַדאַרף נישט נאָר האָבן טאַלאַנט אויף צו קענען פאַרקערפּערן זיינע עמאָציעס, געדאַנקען און געפילן אין ריטמישע גע־ זאַנגען, נאָר — ער מוז אומבאַדינגט האָבן אַ וועלט־אַנשויאונג, באַ־ הערשן די שפּראַך אין וועלכער ער שאַפט, אָפּשפּיגלען אין זיין אַר־ בעט די נאַציאָנאַלע נויטן פון זיין פאָלק, און אין לעצטן ס"ה, אויף

אַן אוממיטלבאַרן אופן אָפּשפּיגלען די צייט אין וועלכער ער לעבט, סינטעטיש פאַרבינדן דעם ה י י נ ט מיט דעם נ ע כ ט ן, און אויף דעם באַזיס פון זיין הייגטצייטיקער דערפאַרונג, פאַר אונדז אויס׳חלומ׳ן די צוקונפט — דעם אחרית הימים, אויב איר ווילט.

טאַלאַנט מיינט: שעפּערישקייט. שעפּערישקייט, אין אונדזער פאַל — מיינט: די קונסט פון קענען דערהויבן דעם לייענער דורך דעם ליד, צו דער זעלטנסטער פון אַלע מדרגות— די מדרגה פון התפשטות הגשמיות. ווער עס דערגרייכט אָט דעם וואונדערליכן ציל, דורך דעם געשריבענעם אָדער גערעדטן וואָרט — דער איז א דיכטער, און גלייכצייטיק אויך — א שותף צו מעשי בראשית.

אין דער וועלט פון קונסט, די דיכטונג אריינגערעכנט — איז פאַראַנען א באַגריף פון קונסט און א באַגריף פון קונץ. צוליב דעם אייגנטליך זיינען אויך פאַראַנען, קינסטלער און קינצלער.

די קונץ פאַרנעמט זיך און רעדוצירט זיך צו מעכאַנישער אַר־בעט.

די קונסט פאַרנעמט זיך און דערהויבט זיך צו אבסאָלוטער שע־פערישקייט, אין דעם דערמאָנטן זין פון וואָרט.

דער קינצלער און פסעוודאָ־דיכטער, דער „דיכטער״ אין קלאַ־מערן — איז ווי דער פאַלשמינצער וואָס גרייט צו זיין אַרבעט פאַר דעם מאַרק און, אַנשטאָט דימענטן פאַרקויפט ער אייך גאָר גלאָז. אונטער דעם צודעק פון גראַמען, אפילו בלאַנקע פערזן — פאַראַדירט ער ווי א דיכטער און פילט אויס די פונקציע פון א לץ, א פּאַיאַץ — וואָס פאַרשווינדט פון אייער באַוואוסטזיין, אזוי גיך ווי דער פאָר־האַנג פון דער בינע פאַלט אַרונטער.

די קונסט ווידער, די דיכטונג וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט דעם אמת פון שיינקייט און שיינקייט פון אמת — ווייס נים און באַדאַרף אויך נישט וויסן פון פאַלשמינצעריי, און אירע מיטלען זיי־נען שוין גאָרנישט קיין מעכאַנישע. זי, די קונסט — די דיכטונג — איז דערפינדעריש אין אירע איכות און זייער באַגרעניצט, נישט פאַר־שווענדעריש וואָלט איך געזאָגט — אין אירע כמות. און דער דיכ־טער, דער כוהן גדול פון דער וואָרער דיכטונג — פּרעדיקט אידייען. ער גרייט זיי אָבער זיכער נישט צו פאַר דעם פאַרקויף פון דעם מאַרק; ער רעמאָדעלירט בלויז דאָס לעבן לויט זיינע אנשויאונגען, קאַפּריזן און קינסטלערישע נייגונגען. ער מ א כ ט נישט קיין לידער, ווי דער קינצלער און פסעוודאָ־דיכטער — ער שרייבט זיי אפילו מיט קיין טינט נישט, נאָר — ער באַשאַפט זיי מיט דעם כח פון זיין אינ־טואיציע, באַפאַרבט זיי מיט דעם בלוט פון זיינע נערוון און, נאָך דעם ווי ער פאַרפולקומט זיי און רונדיקט זיי אויס אין ריטמישע פערזן, צינדט ער מיט זיי אָן די נשמות און די הערצער פון די לייענער, וואָס

ווערן דעם דיכטערס מיטשאַפער, נאָך דעם ווי זיי קומען אין באַריר מיט זיין אַרבעט.

ליד מיינט: געליטערט לעבן, דערהויבנקייט וואָס איז אין גרונט גענומען פרעמד יעדער טאַלאַנטלאָזיגקייט. ליד קומט נאַטירלעך, אוממיטלבאַר — און קוועלט מיט דעם רייץ און אַלע חנ'ן פון קוועלדיק וואַסער.

טאַלאַנטלאָזיגקייט מיינט: דאָס פאַרקערטע. טאַלאַנטלאָזיגקייט פּאַראַדירט געוויינליך אונטער דעם אויסרייד פון אמת, וואָס ווערט שוין במילא פאַרשונדערוועט און פאַרביליקט אין דעם מויל פון יעדער טאַלאַנטלאָזיגקייט, וואָס שלאָגט קיינמאָל נישט מיט קיין געזונטע וואָרצלען, נישט אין לעבן, און זיכער אויך נישט אין דער ליטעראַטור.

טאַלאַנט איבט אויס אַן איינפלוס אויף דער ליטעראַטור און פאַר'יום־טוב'ט דאָס וואָכעדיגקייט פון דעם לעבן, בלויז דורך דעם באַשייד פון דעם ליד.

טאַלאַנטלאָזיגקייט ווידער, איז אַלעמאָל אין דער בחינה פון אַן עקר: אייביק קעמפט עס ווי דאָן קיכאָט מיט די ווינטמילן, און קיינמאָל דערגרייכט עס נישט קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

דער אמת'ער דיכטער זוכט נישט, נאָר ברייננגט מיט זיך סביבה. און מיט דעם באַשייד פון זיין פּערזענלאַכקייט, איבט ער אויס אַן איינפלוס אויף דעם ארומיקן לעבן. און מיט זיין דיכטונג — אויף דער ליטעראַטור אין וועלכער עס איז אים באַשערט צו נעמען אַן אַקטיוו־שעפערישן אנטייל.

דער פּסעוודאָ־דיכטער ווידער, טוט פּונקט דאָס פאַרקערטע: אַלעמאָל פּלאָפּלט ער וועגן סביבה, אין זיין קינסטלערישער אומבאַהאָלפנקייט. און די איראָניע דערפון איז, אז ער אַליין ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן ער שטעלט מיט זיך גופא דאָ פאָר זיין אייגענע קולטורלאָזיגקייט, דער עיקרשט — קינסטלערישע אומבאַהאָלפנקייט.

## באַם ראַנד פון אָנהויב — אונדזערע ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער

דער יחוס־בריוו פון דעם יידישן ליד, אויף פאַרשידענע שפּראַכן, אין פאַרשידענע צייטן און לענדער — ציט זיך נאָך פון די ביבלישע צייטן פון „אז ישיר." דורך דעם געוועב פון לידער, האָט איין דור איבערגענומען די פּאָעטישע ירושה און קולטור פון דעם פריערדיקן דור, אין איר אריינגעקייטלט די רינגען פון אייגענע דערפאַרונגען און דערגרייכונגען און עס איבערגעגיבן דעם צווייטן, דריטן און ווייטן דור, ביז צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג.

דאָס יידישע ליד, ווי די יידישע ליטעראַטור בכלל — טראָגט אויף זיך דעם חותם און טיילט דעמזעלבן גורל פון דעם יידישן פאָלק אין אַלגעמיין. טרייבט מען אונדז פון איין לאַנד — גייען מיר און מיר קומען אָן אין אַ צווייטן. ווערט איבערגעריסן דער פאָדים פון אונדזער ליד אין דייטשלאַנד למשל, גייט עס אויף — צו להכעיס אַלע אומשטענדן ! — אין אַ סך אַנדערע ווייטע לענדער.

דאָ אין אַמעריקאַ, האָט אונדזער יידיש לשון — ווי אַ פאָלקס־שפּראַך — ערשט מיט אַ 40־50 יאָר צוריק זיך נאָך געפונען אין דער בחינה פון אַ זשאַרגאָן. די אינטעליגענץ אונדזערע האָט זיך מיט איר בלויז באַנוצט ווי מיט אַ מיטל פאַר אַ צוועק, וואָס האָט מיט שיין־ליטעראַטור גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן.

דער אימיגראַנטן־שטראָם וואָס האָט זיך דערטראָגן צו די הי‍גע ברעגן, דער עיקרשט פון דעם צאַרישן רוסלאַנד, האָט נאָך אין 1887 אַהער פאַרטראָגן דעם דיכטער א. מ. שאַרקאַנסקי (געבוירן אין קאָוונע, אין 1862 און געשטאָרבן אין ניויאָרק אין יאָר 1905) וואָס האָט נאָך אין 1895 אין ניו יאָרק פאַרעפנטליכט זיין בוך לידער, א. נ. „יודישע ניגונים." און שפּעטער, אין 1911 — זיין בוך „גלות בילדער."

שאַרקאַנסקי׳ס לידער, דער ערשטער דיכטערישער אויפשפּראָץ מיר דוכט, אויף דער היגער ערד — האָבן, ווי די מערסטע לידער פון די נאָכקומענדיקע דיכטער — אויסגעדריקט אַ בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים. זיי האָבן אָבער געהאַט די מעלה פון האָבן געווען גוט פאַרטראַכט און געטראָגן אַ דורכאויס לירישן כאַראַקטער, אין קעגנ־זאַץ צו די לידערייען פון די שפּעטערדיקע פּראָלעטאַרישע דיכטער אונדזערע. אָט איז אַ ביישפּיל פון זיין ליד „פאַרגעסן" :

„איך האָב אַלעמאָל געליבט צוויי אויגן —
וואו זיינען זיי,
די אויגן צוויי ?
ס׳איז פאַרפלויגן ס׳איז פאַרפלויגן.

איך האָב אַלעמאָל אַ האַרץ באַזעסן —
וואו און ווען
איז דאָס געווען ?
כ׳האָב פאַרגעסן, כ׳האָב פאַרגעסן."

דאָס איז אַ מוסטער פון שאַרקאַנסקי׳ס לירישן געמיט אין אַזאַ ווייטן צייט־אָפּשניט, דער פרילינג פון אונדזער לעבן אויף דעם היגן אַמעריקאַנישן באָדן — באַם סוף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

און אָט איז אַ מוסטער פון זיינעם אַ בענקשאַפט־מאָטיוו, פון זיין ליד „דער פאַרוואָגלטער" :

„נאָך בליט דער בוימעלע,

נאָך גרינט דער גערטעלע:
איך דער פֿאַרוואָגלטער,
זוך מיר אַן ערטעלע."

אַט דער מאָטיוו פון בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים איבער דער לענג און ברייט פון אונדזער דיכטונג דאָ אין לאַנד, פון שאַרקאַנסקי'ס אויפטריט אין אונדזער אַמעריקאַנ־ נישׂ יידישער ליטעראַטור ביז צו די טיילווייזע געזאַנגען פון אונדזערע היינטצייטיקע פּראָלעטפּעניקעס.

אין אַלגעמיין אָבער איז די ליטעראַטור פון יענער צייט, אויף וויפיל זי האָט באַ אונדז בכלל עקזיסטירט ווי אַ ליטעראַטור מיט זעלבסט־חשיבות — געווען אַן אויסגעשפּראָכן טענדענציעזע: אַ מיטל אויף איבערצובויען די וועלט. און דער וועג פון אונדזער דיכטונג איז געווען אַ פאַרנעפּלטער.

די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע דיכטונג פון יענער צייט איז געווען און פאַרבליבן אַ „באַוועגונגס־פּאָעזיע." און הגם אַט יענע „דיכטונג" אונדזערע האָט נישט געהאַט קיין עסטעטיש־ליטעראַרישן ווערט, איז זי פונדעסטוועגן געווען און פאַרבליבן פון אַ קולטור־היסטאָ־ רישן שטאַנדפּונקט, זייער אַ וויכטיקער רינג אין דער קייט פון אונד־ זער דיכטונג. זי האָט געקראָגן די גרעסטע פאַרשפּרייטונג אין איר צייט, און צוויי דורות האָבן זיך אויף איר דערצויגן.

מאָריס ווינטשעווסקי, פּסעוודאָנים פון ל. נעוואַכאָוויטש — גע־ בוירן אין 1865, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקאַ אין 1894, זיבן יאָר שפּעטער נאָך שאַרקאַנסקין — האָט צווישן אַנדערע ליטעראַטור־ פאָרמען זיך אויך באַנוצט מיט דער פערזנקונסט, ווי „מיט אַ מיטל אויף איבערצובויען די וועלט" אויף ריין סאָציאַליסטישע יסודות. ער איז אגב באַ אונדז אויך באַקאַנט, ווי דער זיידע פון דער פּראָלעטאַ־ רישער ליטעראַטור אויף יידיש — און מיט זיינע „לידער", אויב מע קען בכלל זיינע גראַמען אָנרופן לידער — אויסגעאיבט אַ גאָר גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער אַרבעטער וועלט פון יענער צייט.

די „לידער" זיינע, ווי פאַרשידן זיי זאָלן ניט זיין אין כאַראַקטער, באַטש מערסטנטיילס דורכאויס סאָציאַלע — זיינען זייער אומבאַהאָלפן און אָרים, טרוקן און אַבסטראַקט, אָז אַן אָנליין אויף אַ בילד, דער עלעמענטאַרסטער הינטערגרונט פון אַ ליד.

דער מאָטיוו פון זיין ליד מעג זיך זיין דער סאַמע הומאַניטאַר־ סטער, און די כונה — די סאַמע זינלעכסטע און בעסטע. לויט דעם אופן אָבער און סטיל ווי דאָס ליד איז פאַרטראַכט און אויפגעשריבן, האָט עס אָבער לײדער מיט קיין דיכטונג גאָרנישט ניט צו טאָן.

און דוד עדעלשטאַט, דער צווייטער דיכטער פון דעם ערשטן און עלטסטן דור פּראָלעטאַרישע שרייבער דאָ אין אַמעריקאַ — וואָס

איז געבוירן געוואָרן אין 1868, אהער אָנגעקומען אין 1882, און גע־שטאָרבן אין 1892 — האָט אויך, ווי ווינטשעווסקי, מער אינזינען געהאַט די ליידן פון די אַרבעטער שרייבנדיק זיינע לידער, ווי די האַר־מאָנישע גאַנצקייט און ריינקייט, שיינקייט און קלאָר פון שפּראַך, פאָרם און סטיל פון פּאָעזיע. דערפאַר זיינען זיינע לידער אַזוי טעכ־ניש שלעכט געבויט, כמעט אומבאהאָלפן — און זייער אָרים אין פּאָעזיע. דער דערפאָלג פון זיינע לידער דערקלערט זיך מן הסתם אויך מיט דעם קולטורעלן מצב פון אונדזער אימיגראַנטן־סביבה פון יענער צייט, וואָס איז, ווי באַקאַנט — דאַן נישט געווען זייער קיין געהויבענער, און טיילווייז אויך צוליב דער מוזיק צו זיינע לידער, וואָס זיינען אָן יעדן צווייפל מער געזונגען ווי געלייענט געוואָרן.

יוסף באָווּשאָווער, געבוירן אין ליבאַוויטש אין 1872, קיין אַמע־ריקאַ אָנגעקומען אין יאָר 1890, געשטאָרבן אין 1916 — איז לויט מיין מיינונג געווען מער דיכטער פון זיינע דערמאָנטע צוויי צייט־חברים — ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט — צוזאַמענגענומען.

באָשאָווערס מאָטיוון זיינען טאַקע צוליב דעם שוין אַליין א סך פילפאַרביקער. ער, וואָס איז אין גרונט געווען דערזעלבער סאָציאַ־לער דיכטער, זינגט שוין אויך פון אינדיווידועלער ליבע און אַנדערע מאָטיוון, ווי נאַטור־לידער. פאַר אים איז שוין גאָר נאַטירלעך ווען ער זינגט אין זיין ליד „פּאָטער געפילן":

„קינדער פון ערד, איך ליב אייך
ווי א פּאָטער, און פאַרגיב אייך
אַלע אייערע זינד."

א זאַך וואָס איז אוממעגלעך געווען בא ווינטשעווסקין און עדעל־שטאַטן. און אַז ער פילט זיך געדריקט און פאַרצווייפלט, צוליב די־זעלבע מאָטיוון ווי עדעלשטאַט און ווינטשעווסקי — זוכט ער, א דאַנק די פּאָטענציעלע כחות פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט — אַן אָנ־לען אַן דער נאַטור:

„ווען כ'האָב פאַרצווייפלט אין דער גרויסער וועלט,
האָב איך א טרייסט געזוכט אין דער נאַטור"—

זינגט ער אין זיין „נאַטור־ליד." ער האָט זיך, מיט אַנדערע ווער־טער — געזוכט צו ראַטעווען א ו י ס ע ר די גרעניצן פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט, וועמען ער מיט זיינע צייט־חברים האָבן זיך געשטעלט ווי א ציל צו באַזינגען אין לידער.

באָווּשאָווערס פּערז איז אַגב געווען א מער טעמפּעראַמענטפולער און זיכער מיט זיך געבראַכט א היבשן באַגאַזש פון קולטור, אויף וואָס עס זאָגט עדות זיין איבערדיכטונג פון שעקספּירס א דראַמע און דער עיקרשט, די נאַטור־לידער זיינע.

אָבער אונדזערע ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער דאָ אין

אַמעריקאַ, האָבן אַלצאַיינס דאָ פאַרנומען דעם אויבנאָן מיט זייער באָמבאַסטיק, און דורך זייער ליד, וואָס האָט אין לעצטן ס"ה מיט זיך פאָרגעשטעלט א צווייפאַכע מיסיע: צו באַדינען דאָס פאָלק ווי מיט אַ מיטל צו אַ צוועק, אויף איבערצובויען די וועלט, און — ווילנדיק צי נישט האָבן זיי אַזוי פאַרזייט די קערנדלעך פון אַ ליטעראַטור אויף יידיש, אויף דער היגער אַמעריקאַנער ערד. אַזוי איז אַ דאַנק זיי באַ אונדז דאָס ליד בכלל אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דינסט פון דעם פראָלע־טאַריאַט, פ אַ ר דער רעוואָלוציע. מיט אַלע זייערע חסרונות — ריין דיכטערישע — זיינען זיי אָבער געווען און פאַרבליבן, דער עיקרשט יוסף באָשוואָווער—דער ערשטער אָנרעג פאַר דעם אויפקום פון דעם קינסטלערישן ליד, אין אונדזער אַמעריקאַניש יידישער לי־טעראַטור.

## ווענן דעם אויפשטייג פון אונדזער ליריק — מאָריס ראָזענפעלד, יהואש און אברהם (וואָלט) ליעסין

די ליריק אונדזערע האָט ערשט גענומען שלאָגן געזונטע וואָרצלען אין אונדזער ליטעראַטור אויף דער היגער ערד, מיט דעם אויפשטייג פון מאָריס ראָזענפעלד — דער ערשטער וואָגיקער דיכטער אין אונד־זער אַמעריקאַניש יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט זיין „סוועט שאָפּ" און ליריק דעם ערשטן גבורה'דיקן שטויס געטאָן אונדזער ליד צו וועלטלעכן פאַרנעם, און אויסגעקעמפט פאַר אונדזער דיכטונג אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע.

עס האָט זיך געפאָדערט גענוג קינסטלערישער כח בייצוקומען די איבלען פון יענער צייט און נישט אריינפאַלן אין דעם קאָשמאַר פון באָמבאַסטישער גראַמענפלעכטעריי. יואל סלאָנים האָט דאָן, לויט מ. ל. האַלפּערנ'ס אַ געלונגענעם אויסדרוק — „געשאַרשקעט מיט שטורעם", און י. אַדלער האָט „געזענפּטיקט מיט ווינטלעך און פּרוכת־הימלען." מאָריס ראָזענפעלד, און שפּעטער אויך ה. רויזענבלאַט — איז געווען איינער פון די גאָר ערשטע באַשאַפער און אָנזאָגער אויף דעם אויפקום פון אונדזער ליריק. דער ערשטער, ראָזענפעלד — האָט איר פּשוט אליין באַשאַפן, און דער לעצטער — ה. רויזענבלאַט — האָט גענומען דעם יידישן פאָלקס־טאָן און פאַרוואַנדלט, אין יענער צייט — אין דיכטונג. יענע צייט קען דעריבער באַצייכנט ווערן ווי אַן איבערגאַנגס־צייט פון זינגעוודיקער פּראָפּאַגאַנדע־אומבאַהאָלפּנקייט, צו ריינער דיכטונג.

אַזוי הויבט אָן אונדזער ליד זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס. עס הערט אויף, ווי באַ די דערמאָנטע פּראָלעטאַרישע פאָרגייער אונד־זערע — צו ז י י ן אַ מיטל און ו ו ע ר ט אַ ציל פאַר זיך אַליין. און פון דער מינוט אָן וואָס אונדזער ליד ווערט אַ ציל פאַר זיך אַליין,

דאָ, אין אמעריקא, באַפרייט זיך עס באַלד פון א סך יאָכן און אָנגעוויקלטן שימל; דער טענדענציעזער הינטערשלאַק פון אונדזער ליד, וואָס האָט זיך ביז איצט כמעט ווי געוויקלט אין דער אומהיימלעכקייט פון א וואולגאַריזירנדיקן זשאַרגאָן — לייזט זיך ביסלעכווייז אויף ווי א רויך, און אונדזער שפּראַך טרעט אריין אין דער סטאַדיע פון ווערן א זעלבסט־רעספּעקטירנדיקע וועלטלעכע שפּראַך מיט א פּאַרצווייגטער ליטעראַטור, און אונדזער לייענער פאַרהיימליכט זיך שטופנווייז אויך צו נישט־טענדענציעזער דיכטונג. און באַלד, נאָך אָט דער באַפרייאונג און אויפוואוקס פון אונדזער לשון — באַווייזן זיך יהואש און אברהם (וואַלט) ליעסין.

יהואש, וואָס איז אַהער אָנגעקומען אין דעם יאָר 1890, טיילט דעם גורל פון א דיכטער וואָס האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק אויף א שעפערישן אופן צו באַרייכערן אונדזער שפּראַך און שטאַרק פאַרטיפן אונדזער דיכטונג. ער, יהואש, וואָס איז בא אונדז געווען אַן אינטעלעקטועלער דיכטער מיט א שטאַרקער נייגונג צו אינזיכיזם, האָט אין אונדזער דיכטונג אריינגעבראַכט גאָר א סך נייע מאָטיוון און פאָרמען. יהואש איז ניט נאָר אַן אידייען־דיכטער, נאָר דער עיקרשט אויך א זעלטענער מאָלער פון דער נאַטור און ביז גאָר אײדעלער זינגער פון עראָטיק. זיינע באַלאַדעס און פאָלקס לעגענדעס האָבן אים דערפירט צו זיין ראָמאַנטיזם פון „פאָרן אין לאַנד פון די טרוימען״:

„דער הימל פול שטערן, די פעלדער פול שניי,
מיר ביידע אין ענדלאָזע רוימען —
דאָס שליטעלע קלינגט, און דאָס הארץ אין מיר זינגט:
מיר פאָרן אין לאַנד פון די טרוימען.״

פון א גאָר באַזונדערן באַדייט איז אָן יעדן צווייפל יהואש׳ס איבערדיכטונג פון אונדזער תנ״ך, די אייגנאַרטיקסטע דערגרייכונג פון אונדזער שפּראַך און דיכטונג, וואָס פאַרדינט — ווי יהואש אַליין — א באַזונדערע באַהאַנדלונג פון א פאַכמאַן אויף דעם געביט.

אברהם (וואַלט) ליעסין, וואָס איז אַהער אריבערגעקומען אין 1897 — האָט מיט זיין קלאַסיש־לירישן ליד באַשאַפן א סינטעז צווישן ריינער ליריק מיט סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק, אויף דער פּאָן פון א פּאַטאָס וואָס האָט ווי ארויסגעפיבערט פון זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

ליעסין האָט גלייך בא דעם אָנהויב פון זיין שאַפן זיך פאַרנומען מיט סאָציאַלער דיכטונג. אזוי ווי ער איז אָבער געווען א גרויסער ליריקער, האָט ער טאַקע גלייך באַם אָנהויב אויסגעמידן די אלע באַנאַליטעטן פון אונדזערע ערשטע פּאָרגייער פון דער סאָציאַלער דיכטונג דאָ בא אונדז אין לאַנד. ער האָט די טיפקייט פון זיין ליריק פאַרבונדן מיט דער עשירות פון זיין לעקסיק. זיין סאָציאַלע ליריק אידענטיפי־

צירט זיך מיט די רעאַלע נויטן, קאַמף און ליידן פון אונדזערע מאַסן.

ליעסין וואָס איז אגב געווען א זעלטן גייסטרייכער מענטש, אַן אמת'ער תלמיד חכם — מיט א גאָר רייכער ערודיציע, האָט דעם סאָציאַלן עלעמענט פון זיין דיכטונג פאַרבונדן מיט דעם נאַציאָנאַלן. ער האָט דורך זיין ליד אונדז געגיבן נישט נאָר זיך־אַליין, נאָר, דער עיקרשט — אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן אָפּגעשפּיגלט דעם מאָטיוו פון קידוש השם און מאַרטירעאָלאָגיע, און אזוי איז ער געווען און פאַרבליבן דער דיכטער פון העראָאיק, די גרויסע דיכטערישע פּערזענליכקייט — דער רוקנביין פון דיכטונג.

מיט דעם אויפקום פון יהואש און ליעסין אין אונדזער דיכטונג, האָט זיך בא אונדז מיטאמאָל באַקומען א יידיש וועלטליך ליד, מיט א דורכאויס אוניווערסאַלן אינהאַלט.

די דיכטונג אונדזערע איז אָבער נאָך אַלץ א כאַאָטישע. טאָקע נישט קיין צופעליקע, אָבער זיכער נישט קיין אָרגאַניזירטע. אָבער באַלד, נאָך דעם אויפשטייג פון אונדזער ליריק — קומט אויף די גרויפּע „יונגע", דער פאַרבנרייכסטער בלי־פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאַניש יידישער דיכטונג.

## וועגן דער גרופּע „יונגע" און אירע אויפגאַבן.

די „יונגע", ווי יוגנט בכלל — הויבן אָן א קאַמף פאַר ברעכן טראַדיציעס און פאַרלייקענען די אַלטע. אונדזער לעבן דאָ אין לאַנד נעמט אָן אן אייגענעם פּנים און ווערט ביסלעכווייז גינסטיק פאַר דעם קינסטלערישן אויפקום פון דעם יידישן דיכטער.

עס קומט מיטאמאָל פאַר א קאָלאָסאַלער איבערברוך : דאָס טענדענציעזע ווערט מיטאמאָל אינגאַנצן באַזייטיקט, און עס טרעט אויף דער לאָזונג פאַר א פרייען אויסוואַל פון מאָטיוון, פאַר דער טעמאַטיק פון דעם ליד. עס קומט די אזוי גערופענע טעאָריע פון קונסט לשם קונסט, און דאָס ליד אונדזערס ווערט דערווייל דערפירט צו אייגענער חשיבות און הויבט ערשט איצט אָן צו ווערן דער אמת'ער צוועק פאַר ז י ך אליין.

אָבער — די גרופּע „יונגע", ווי באַקאַנט — האָט דאָך קיין עפנטלאַכע פּראָגראַם פון ארבעט קיינמאָל נישט פאַרעפנטליכט. ס'איז אָבער אַלצאיינס אינטערעסאַנט צו ווייסן, ווי אזוי זיי אליין — די „יונגע" אונדזערע — האָבן פאַרט רעאַגירט אויף דיכטונג בכלל און, ז י י ע ר ארבעט בפרט. וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אויף עטלאַכע מינוט און זיי אַליין לאָזן ריידן וועגן דעם, לויט די אויסצוגן וואָס איך האָב ארויסגענומען פון זייערע דעראינערונגען און באַשרייבונגען, אין דעם זאַמלבוך „זישא לאַנדוי."

שרייבט זישא לאַנדוי : „די פּאָעטן בא אונדז האָבן געהאַט רום

און כבוד און לאָרבערקראַנצן  א ו י ס ע ר  זייער ליד. אין דער פּאָעזיע באַ די גוים וואָלטן אַזעלכע „פּאָעטן" קיין איין טאָג נישט געלעבט. דעריבער איז אונדזער רום, כבוד און אונדזערע לאָרבער קראַנצן בלויז אין  א ו נ ד ז ע ר  ל י ד,  ווייל  אויסער דעם ליד איז דער מאַרק, דער יאַריד . . .

„מיר זיינען אין יענע טעג אויך געווען יונג אין יאָרן, האָבן אונדזערע קריטיקער אונדז אויף דעם פּשוטסטן אופן באַצייכנט מיט דעם שיינעם נאָמען „יונגע."

דערפון נעמט זיך דער נאָמען — „יונגע."

און מאַני לייב שרייבט: „די קונסט האָט פיינט דעקלאַמאַציע.

„אין יענע טעג ווען אונדזער פּאָעזיע איז געווען א „פּאָעזיע" פון סקאַרבאָווע ווערטער, אָן לעבן, גרילצענדיק, אָן געשמאַק און אָן אמת'ער פּאָעזיע; ווען אונדזער פּאָעזיע איז געווען א 'פּאָעזיע' פון 'גע־דיכטע' . . ."

„. . . פון אונדז דאַרף זיך אָנהויבן די יידישע פּאָעזיע פון דעם ריינעם קינסטלערישן וואָרט.

„און אין יענע טעג האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע פּאָעזיע פון ריינעם קינסטלערישן ליד.

„שרייבן לידער איז קונסט. „געדיכטע" האָבן געקענט שרייבן אַלע, אפילו ניט באַרופענע. שרייבן לידער קען נאָר א פּאָעט א קינסט־לער, וואָס ווייס די נאַטור פון וואָרט, פון גערעדטן און געזונגענעם וואָרט.

„דאָס געזונגענע און גערעדטע וואָרט איז טאַקע ניט געווען אין אונדזער פּאָעזיע פון געדיכטע. האָבן מיר, אָנפאַנגער, ניט געהאַט פון וואָס צו לערנען.

„אונדזער פּאָעזיע האָט אין יענע טעג אויף אייביק פאַרענדיקט מיט דער פּאָעזיע פון „געדיכטע" און איז געוואָרן א פּאָעזיע פון קינסטלערישן ליד. אין דעם האָט אונדז געהאָלפן די גויאישע פּאָעזיע און דאָס יידישע פאָלקסליד.

„וואָס מיר דאַרפן טאָן אין אונדזער פּאָעזיע, איז ערשט מאַכן אָן אָנפאַנג, ארויספירן די פּאָעזיע אויף איר נאַטירלעכן וועג. וואָס פּאָעטן אין אַנדערע שפּראַכן האָבן געטאָן מיט הונדערטער יאָרן צוריק טוען מיר איצט. און באַ אונדז דאַרף עס זיין ניי און מאָדערן.

„אמת'ע פּאָעזיע קומט פון קאָנקרעטער דערפאַרונג און דורך עקזאַקטן אויסדרוק פון וואָרט. אמת'ע פּאָעזיע קומט דורך פּשטות, דורך קלוגער פּשטות."

אזוי האָט געבאַקצייכנט דער סאַמע שטילסטער און צאַרטס־טער ליריקער אונדזערער — מאַני לייב !

און ראובן אייזלענד, פון דערזעלבער גרופּע „יונגע" — שרייבט :

„די שטאַרקסטע איבערלעבונגען און טיפסטע עמפינדונגען מאַכן נאָך אַלץ ניט קיין גוט ליד. ווען מען ווערט קינסטלערישער רייכער, דערגייט מען — און אָפטמאָל דורך גרויס פּיין — דעם סוד, און א סך מער ווי איינדרוק, איבערלעבונג און עמפינדונג, דאַרף מען האָבן אויסדרוק. דאָס פּאַסיקסטע וואָרט אויף דעם פּאַסיקסטן אָרט, האָט נאָך קאָלרידזש געפאָדערט. וואָס דאָס מיינט שוין ממילא טאָן, ריטם און פאָרם, גילטיק בלויז פאַר דעם געגעבענעם ליד און ניט פאַר קיין אַנדערן.

„דער נאָמען „יונגע" — א שפּאָט־נאָמען פאַר א גרופּע יונגע שרייבער וואָס האָט נאָך אין 1907 געהאַט די „חוצפּה" צו דערקלערן, אַז מען דאַרף דאָס ביסל ליטעראַרישע כחות אין אַמעריקא באַפרייען פון דער אַפּטרופּסות פון די צייטונגען, און זיי האָבן געזוכט צו שאַפן אַן אייגענעם ליטעראַרישן ווינקל אין די דינע העפטלעך פון דעם חודש זשורנאַל „די יוגענד." שפּעטער האָט מען אַזוי באַצייכנט אַלע אויף אַנדערשקייט פּרעטענדירנדיקע שרייבער. ערשט מיט דער אויסקריסטאַליזירונג פון אונדזער גרופּע האָט דער נאָמען געקראָגן א באַשטימטן באַדייט — די ערשטע ליטעראַרישע שולע בא יידן. א שולע, וואָס איז קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען מיט קיין געשריבענע פּראָגראַמען און דאָך האָט זי געהאַט א קענטיקע פיזיאָנאָמיע וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון גאַנצן אַרום, און אַרויפגעלייגט אַזא שטעמפּל אויף דער יידישער דיכטונג, אַז ווייטער שרייבן ווי מען האָט געשריבן איידער זי איז געקומען, האָט מען מער נישט געקאָנט.

„די ערשטע באַוואוסטזיניקע קינסטלער־גרופּע אין דער יידישער דיכטונג. אונדזער קוק, אונדזער וועלט־באַנעם און אונדזער צוגאַנג צו מענטש און וועלט איז געווען א קינסטלערישער.

„אונדזער פאָדערונג: צוגיין צו יעדער דערשיינונג מיט אָפענע אויגן און אַן אָפענעם מח און פּרוּוון זי אויפסניי דערקענען. נישט אַזוי פיל מיט דעם שכל, ווי דורך די חושים. נישט לאָגיש, נאָר אינטואיטיוו פּסיכאָלאָגיש.

„בא אונדזער אָנקום איז די יידישע דיכטונג געווען אין דינסט בא אידייען און באַוועגונגען, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע. די דיכטער זיינען געשטאַנען הויך, האָבן פאַרנומען זייער א חשוב'ן אָרט. אָבער די דיכטונג איז, ווי יעדע דינסט, געווען טיף אין דער אדמה. מיר האָבן פּראָקלאַמירט איר פרייהייט און איר רעכט אויף אַן אייגן זעלבסטשטענדיק לעבן. מיר האָבן פאַרקינדיקט, אַז די דיכטונג דאַרף נישט לעבן אין זכות פון וועלכער עס איז אידייע, ווייל זי לעבט אין איר אייגענעם זכות. זי האָט איר אייגן אָרט און אייגענע פונקציעס אין לעבן. דעריבער איז זי ניט מחויב, ניין, — טאָר נישט נעמען אויף זיך קיין אַנדערע פונקציעס, ווייל דערמיט פעלשט זי קעגן זיך אַליין.

„מיר האָבן איינגעזען אז מיר מוזן טאָן צוויי זאַכן: פון איין זייט זוכן זיך אַליין צו דערקענען און דערגרונטעווען, כדי מיר זאָלן זיין ביכולת צו דערקענען די וועלט, און פון דער אַנדערער זייט מוזן מיר אָפּרוימען דאָס גאַנצע מיסט, די אַלע ווילדע ערטער, וואָס נישט דערוואַקסענע דיכטערלינגען און נישט דערבאַקענע צייטונג־שרייבער האָבן צונויפגעקליבן אין פאַרשידענע פרעמדע הויפן, און וואָס פון זיי זיינען דאָס אויסגעבריט געוואָרן יענע מליצה'דיקע אויסגוסן, וואָס האָבן בא אונדז דעמאָלט געגאָלטן פאַר דיכטונג.

„מיר האָבן אונדזער דיכטונג רייכער געמאַכט, ווייל מיר האָבן מיט אונדזער ד ר א נ ג צ ו א י י ג ע נ ע ר ד ע ר ק ע נ ו נ ג פאַר איר געעפנט אזוי פיל טויערן און טירלעך פון דעם אינערליכן יחידישן לעבן.

„גייענדיק צו דער אַלטעגלאַבקייט זיינען מיר געקומען אפשר צום וויכטיקסטן פאַרדינסט פון די „יונגע" — פשטות. ווייל ערשט דאָס האָט מעגליך געמאַכט, אז יידיש זאָל ווערן א פיינער דיכטערישער אינסטרומענט."

פון אָט די קוואָטאַציעס פון די דריי פאָרשטייער פון דער גרופּע „יונגע" שטאָלצט ארויס די נישט־געשריבענע פּראָגראַם פון די „יונגע", „די ערשטע ליטעראַרישע שולע בא יידן", ווי ראובן אייזלענד באַצייכנט איר מיט רעכט.

„אונדזער פּאָעזיע האָט אין יענע טעג, ווי מאַני לייב וויל האָבן — אויף אייביק פאַרענדיקט מיט דער פּאָעזיע פון „געדיכטע" און איז געוואָרן א פּאָעזיע פון קינסטלערישן ליד." די גרופּע „יונגע" האָט אזוי צו זאָגן ערשט געמאַכט „אַן אָנפאַנג" און ארויסגעפירט „די פּאָעזיע אויף איר נאַטירלעכן, ריכטיקן וועג." די גרופּע האָט, לויט ראובן אייזלענד — „געהאַט א קענטיקע פיזיאָנאָמיע וואָס האָט זי אויסגעטיילט פון גאַנצן ארום, און ארויפגעלייגט א שטעמפּל אויף דער יידישער דיכטונג, אַז ווייטער שרייבן ווי מען האָט געשריבן איידער זי איז געקומען, ה אָ ט מ ע ן מ ע ר נ י ש ט ג ע ־ ק אָ נ ט." איינע פון אירע קאַרדינאַלסטע אויפגאַבן איז אויך געווען, אָפּצוראַמען „דאָס גאַנצע מיסט, די אַלע ווילדע ערטער, וואָס נישט דערוואַקסענע דיכטערלינגען און נישט דערבאַקענע צייטונגס שרייבער האָבן צונויפגעקליבן אין פאַרשידענע פרעמדע הויפן."

אין דעם איז באַשטאַנען איר אויפגרויס און אויך איר נצחון.

ווער זיינען אָבער געווען די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער גרופּע „יונגע", און וואָס האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט?

די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער גרופּע „יונגע" זיינען געווען די „גרויסע פיר", ווי י. י. סיגאַל האָט זיי אמאָל אָנגערופן. זיי זיינען: זישאָ לאַנדוי, מאַני לייב, ה. לייוויק און מ. ל. האַלפּערן.

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין

## זישאָ לאַנדוי, מאַני לייב, ה. לייוויק און מ. ל. האַלפּערן — די ווירקטיקסטע פאָרשטייער פון דער גרופּע „יונגע".

זישאָ לאַנדוי איז געווען א לירקער. ער האָט געשריבן אין אַן איינפאַכן סטיל און פאַרמאָגט א פאַלקסטימלעכן טאָן. ער איז געווען א זעלטענער עסטעט און זיך שטאַרק גע'חנ'דלט מיט זיין אָנגעהעריגקייט צו דער טעאָריע פון „קונסט לשם קונסט." ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון דעם פּאַראַדאָקס און אין זיין וואויליינגעריש־קייט אמאָל אויסגערופן: „מיר, די וואוילע יונגען און מוטיקע אוואַנטוריסטן, מיר מעגן טרעטן מיט אונדזערע פלינקע פיס יעדע לאָגיק און קולטור און באַגיין זיך מיט די אַלע שטאַנדפּונקטן, מיינונגען און איבערצייגונגען — סיי פרעמדע, סיי אייגענע — ווי מיט קינדערשע שפּילצייג." זישאָ לאַנדוי איז אָבער אַלצאיינס געווען און פאַרבליבן דער מייסטער פון פאָרם און זייער א סך בייגעטראָגן צו דעם אוצר פון אונדזער פּאָעזיע. זיין וועלט איז אַן אילוזאָרישע, דערפאַר אפשר אַזאַ שיינע. ער זינגט אין זיין ליד „וועק מיך ניט" אזוי:

„וועק מיך ניט, לאָז רואיק אויף דער סאָפע ליגן,  
מיט קאַלטע הענט דאָס מידע אויג פאַרשטעלט,  
און אויף די בלייכע ליפּן זאָל זיך וויגן, וויגן —  
מיין קעניגרייך איז ניט פון אָט דער וועלט.  
אוי, וועק מיך ניט, אוי לאָז מיך דרימלען, דרימלען —  
קיין איינציק בלימל ווערט דאָרט ניט פאַרגעלט,  
דאָרט שפּרייטן שטראַלנדיק זיך זיבן הימלען —  
מיין קעניגרייך איז ניט פון אָט דער וועלט!"

זישאָ לאַנדוי, דער עסטעט — האָט אַן יעדן צווייפל נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אַלץ וואָס לעבט וועלקט און מוז פריער אָדער שפּעטער איינגאַנצן אונטערגיין. האָט ער זיך דעריבער, אין זיין קונסט — אויסגע'חלומ'ט א „קעניגרייך" וואָס איז נים געווען פון „אָט דער וועלט" און, ווי אים האָט זיך געדוכט — „קיין איינציק בלימל ווערט דאָרט ניט פאַרגעלט."

מאַני לייב ווידער, דער מוזיקאַלישסטער לירקער אונדזערער — האָט מיט זיין פאַרב און טאָן, מיט די מאָטיוון פון איינזאַמקייט, דער עיקרשט — מיט דער ראָמאַנטיק פון זיינע סלאַווישע מאָטיוון, יידישע באַלאַדן און ביז גאָר געראָטענע קינדער־לידער, אונדזער ליד דערהויבן צו אבסאָלוטער שיינקייט. אָט איז א מוסטער פון זיין ארבעט:

„שטילער! שטילער! רעדט ניט הויך!  
שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך.  
איינגעבויגענע אין פּיין,  
שווייגט און האַלט דעם אָטעם איין!

פון דער טיפער נאַכט ארויס
און פון קיינעם ניט געהערט,
וועט ער אויף אַ ווייסן פערד
קומען שטיל צו אונדזער הויז.
פון זיין לויטערן געזיכט
און זיין קלאָרן ווייסן קלייד,
וועט אויף אונדז די פרייד,
פאַלן וועט אויף אונדז זיין ליכט.

דאָ ווילט זיך מאַכן אן איבעררייס און פרעגן: וואָס וועט זיין אויב די אילוזיע וועט צערינען, דער גואל וועט נישט קומען און מיר וועלן בלייבן אָפּגענאַרט? אויף דעם ענטפערט אונדז מאַני לייב אין זעלבן ליד זיינעם:

אויב מען האָט אונדז אָפּגענאַרט,
און מען האָט אונדז אויסגעלאַכט,
און די גאַנצע לאַנגע נאַכט
האָבן מיר אומזיסט געוואַרט,
וועלן מיר אין אונדזער בראָך
בויגן זיך צום האַרטן דיל,
און מיר וועלן שווייגן שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך.״

דער ענטפער איז אוודאי נישט צופרידנשטעלנד, און מאַני לייב׳ס אויספיר איז דאָ זיכער נישט קיין גערעכטער. אין אָט דער פאַרלוירנקייט, אומזיכערקייט און האָפנונגסלאָזער רעזיגנאַציע זיינער, וואַרצלט אָבער פאַרט זיין דיכטערישע עכטקייט, אין א ראַם פון פאָעטישער שיינקייט. „שטילער! שטילער! רעדט ניט הויך!״ — איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דיכטערישן בייטראַג צו אונדזער דיכטונג, וואָס אינטערעסירט מיך דאָ.

ה. לייוויק, דער דריטער פון די „גרויסע פיר״ דיכטער — האָט זיין דיכטערישע פערזענלאַכקייט דערפירט צו דער סאַמע צענטראַלס־טער פיגור אין אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור.

לייוויק האָט אין זיין ליד אריינגעבראַכט א טאָן פון דערהויבנ־קייט. ער, מער פון אנדערע — האָט מיט זיין טראַגישער באַציאונג צו דעם לעבן, סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און מענטש פּראָבלעמאַטיק, וויזיאָנערישקייט, סימבאָליק, ליריק און בענקשאַפט נאָך דערלייזונג, שטאַרק פאַרטיפט אונדזער דיכטונג און איר דערהויבן צו אן אוניווער־סאַלן פאַרנעם.

אין זיין ליד „אויף סיבירער וועגן״ זינגט לייוויק:

„מיר גייען צוויי טעג שוין, דריי הונדערט אין צאָל,
מיר האָבן, ווער ווייס ווען, געזינדיקט אַמאָל;

מיר האָבן פאַרגעסן די זינד שוין פון לאַנג,
און גאַרן אויך רוען אין זונען־פאַרגאַנג.
נאָר ס'הערט ניט אויף שלאָגן די שטראָפנדע האַנט,
די טרייבט אונדז צו גיין נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד."

און קיינער, ווייל איך זאָגן — קיינער וועט ניט לייקענען דעם אמת פון אונדזער ביטערן גורל, וואָס „טרייבט אונדז צו גיין נאָכאַנאַנד", אָן אַן אויפהער און אָן אַ סוף.

מ. ל. האַלפּערן, דער פּערטער פון די „גרויסע פיר" פון דער דערמאָנטער גרופּע „יונגע" — איז דער מענלאַכסטער, טעמפּעראַמענטפולסטער און גרויסשטאָט'ישסטער פון אָט דער גרופּע. דער פּאַרנעם פון זיינע געהאַמערטע שורות איז באמת אייגנאַרטיק, פול מיט אינדיווידועלן פּאַטאָס און סאַרקאַזם.

מ. ל. האַלפּערן איז אי אַ ליריקער און אי אַן עפּיקער. ער איז נישט נאָר טעמפּעראַמענטפול אין זיין אַרבעט, נאָר ער באַזיצט אויך די עכטקייט פון צאָרן און גאַליקן געלעכטער. זיין גראָטעסקיעזער צוגאַנג צו מענטשן, זאַכן און געשעהענישן, אָטעמט מיט דעם פּאַרנעם פון אומפאַרגלייכלעכער אייגנאַרטיגקייט בא אונדז. זיין טראַגיק, ווי לייוויק'ס — איז אַ דורכאויס יידישע, דערצו איז ער נאָך בא אונדז דער סאַמע ערשטער, און ביז איצט אויך וואָגיקסטער בונטאַר. און צו וועלכער אַרבעט זיינער איר רירט זיך ניט צו, אַזאַ איינדרוק האָב איך אַמווייניקסטן — קוקט אַלעמאָל ארויס זיין
„ברייטע נאָז און טייוולס־ברעמען,
ציין און ליפּן וואָלפיש ווילד."

אזוי האָט אונדזער לעבן דאָ אָנגענומען אַן אייגענעם פּנים און ביסלעכווייז געוואָרן גינסטיק פאַר דעם קינסטלערישן אויפקום פון דעם יידישן דיכטער, וואָס די „יונגע" האָבן אויסגענוצט.

אזוי איז אויפגעקומען די ראָמאַנטיק פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און די בענקשאַפט נאָך איר, וואָס האָט געפינען אַן אויסדרוק אין אונדזער פּרימיטיווער פאָלקס־דיכטונג פון אַ שלמה שמולעוויטש, יוסף יאָפע, מיכל קאַפּלאַן און אַנדערע. און אזוי איז אַ דאַנק דעם אומדירעקטן אָנרעג פון די פון פריער דערמאָנטע פּראָלעטאַרישע דיכטער אונדזערע, אויפגעקומען דאָס געזאַנג פון די „יונגע": זישאָ לאַנדוי'ס פּאַראַדאָקס און פאָלקסטימלעכער טאָן; די וואונדערלעכע סלאַווישע מאָטיוון און ליריק פון מאַני לייב'ן; לייוויק'ס סיבירער לידער, ראָלניק'ס דאָרף, מ. ל. האַלפּערנ'ס מאָטיוון פון דער גרויס־שטאָט און זיין גראָטעסק, י. י. שוואַרצ'ס עפּיק און אַ סך, גאָר אַ סך אַנדערע אַרבעטן פון אַ היבש ביסל אַנדערע טאַלאַנטירטע דיכטער וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דערזעלבער גרופּע „יונגע". אין לעצטן ס"ה איז דער פאַרדינסט פון די „יונגע" געווען, דער פאַר־

דינסט פון האָבן געווען א שעפערישע, אויב נישט די סאַמע שעפע־רישסטע — צווישן־שטופּע גרופּע און בריק צו א נייערער, מער קערנדיקער און זיכער מער פּערפעקטער פּאָעזיע; א מער געוואָג־טערע, טיפערע און עכטערע פּאָעזיע, סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם.

שפּעטער צו איז זיך די גרופּע „יונגע" צעפאַלן. און אָפּגעזען דערפון, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך געמאַכט שבת פאַר זיך אליין און אזוי ארום, אין די מערסטע פאַלן — דערפירט די אייגענע פּערזענלעכקייט צו אַן אייגענער געשטאַלט אין אונדזער דיכטונג, האָט אָבער איר השפּעה אויף אונדזער דיכטונג זיך קיינמאָל ניט אָפּגע־טאָן. און מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אז ביז איצט באַמערקן זיך נאָך אירע איינפלוסן אויף אונדזער ליד.

מלחמה־צייט און שפּעטער באַווייזן זיך א סך נייע דיכטער, פון וועלכע עס טיילן זיך ארויס, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי מיט זיין דאָאיגקייט, א. לוצקי מיט זיין טויטער וועלט, נפתלי גראָס מיט זיינע פּסאַלמען און דאָבוש און א סך, גאָר א סך אַנדערע טאַלאַנטפולע דיכטער, ווי י. י. סיגאַל און אַנדערע. און באַלד באַווייזן זיך די באמת יונגטלעכע אינזיכיסטן, וואָס זיינען ביז היינט די לעבעדיקסטע דיכטער גרופּע אין אונדזער דיכטונג.

## אינזיך — די לעבעדיקסטע דיכטער גרופּע אין אונדזער דיכטונג.

די אינזיך גרופּע איז שוין יאָ געקומען מיט אַן אָפיציעלער פּראָגראַם פאַר אונדזער דיכטונג, וואָס זי האָט גלייך באַ איר אויפ־שטייג אין אונדזער היגן לעבן עם פאַרעפנטליכט אין דער קאָלעקטיווער זאַמלונג א. נ. „אינזיך", אין דעם יאָר 1920. אין זייער פּראָגראַם־ארטיקל אין דער דערמאָנטער זאַמלונג האָבן זיי אומגעפער אזוי פאָר־מולירט זייער וועלטאַנשויאונג און פּראָגראַם פאַר ארבעט :

„די וועלט איז דאָ און מיר זיינען א טייל פון איר. פאַר אונדז עקזיסטירט אָבער די וועלט בלויז אויף אזוי פיל, אויף וויפל זי שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדז, אויף וויפל זי ר י ר ט א ו נ ד ז אָ ן. די וועלט איז א ניט־עקזיסטירנדיקע קאַטעגאָריע, א ליגן, אויב זי האָט ניט מיט אונדז קיין שייכות. זי ווערט אַן אקטועלע זאַך בלויז אין אונדז און דורך אונדז.

„אינזיך" מיינט: אריינקוקן אינזיך און פון דאָרט, פון דער אייגענער נשמה און פון דער וועלט, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם דיכטערס נשמה, זינגען און דיכטן.

„מיר, די אינטראָספּעקטיוויסטן, ווילן אין דער ערשטער ריי גיבן דאָס לעבן, דאָס אמת'ע, אויפריכטיקע און גענויע — אויף אזוי פיל

ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדז גופא, אויף אזוי פיל, ווי עס טרעט אריין אין באַהעפטונג מיט אונדז.

„מיר האַלטן, אז דאָס ליד פון יעדן דיכטער מוז קודם כל זיין זיין אייגן ליד. עס מיינט: אז דער דיכטער זאָל יעדעס מאָל טאַקע גיבן דאָס, וואָס ער אליין זעט און ווי ער זעט.

„פאָרם און אינהאַלט איז איינס און דאָסזעלבע. א ליד וואָס מען קאָן איבערזיינגען אין אַן אנדער פאָרם איז קיין ליד ניט, קיין פּאָעזיע.

„דער אַלגעמיין באַקאַנטער עלעמענט פון פאָרם איז דער ריטם. יעדעס ליד מוז זיין ריטמיש. ריטם איז דער סוד פון גאַנצן לעבן. און די קונסט וואָס איז ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון לעבן, מוז זעלבסטפארשטענדליך אויך זיין ריטמיש.

„וואָס פאַר א ריטם זאָל האָבן א ליד?

„יעדעס ליד מוז האָבן אַן אינדיווידועלן ריטם. דער ריטם פון א ליד מוז זיין אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו אָט דעם ליד. איין ליד קאָן ניט האָבן דעמזעלבן ריטם וואָס אַן אַנדער ליד. יעדעס ליד איז אין דער ווירקלאַכקייט אַן איינצל־דערשיינונג, אַן אוניקום.

„מיר פאַרלאַנגען אינדיווידועלן ריטם, ווייל בלויז דורך אים קאָן זיך אַנטפּלעקן דער אמת, וואָס מיר זוכן און ווילן אויסדריקן.

„דער פרייער פערז איז ניט קיין מוז פאַר אינזיכיסטישע לידער. עס זיינען מעגליך אינזיכיסטישע לידער אין רעגלמעסיקן ריטם. מיר גלויבן, אז דער פרייער פערז איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר דער אינדיווידואַליטעט פון דעם ריטם.

„פאַר אונדז איז אַלץ פּערזענליך. מלחמות און רעוואָלוציעס, יידישע פּאָגראָמען און די אַרבעטער באַוועגונג. אין יעדן פאַל זינגען מיר וועגן זיך, ווייל דאָס אַלץ עקזיסטירט בלויז אויף אזוי פיל, אויף וויפל עס איז דאָ אין אונדז, אויף וויפל עס ווערט אינטראָספּעקטיוו אויפגעפאַסט.

„דער מאָדערנער פּאָעט איז ניט, און קאָן ניט און דאַרף ניט זיין קיין נאַאיווער הימל־קוקער, וואָס ווייס פון גאָרניט אויסער זיין לידל. דער היינטצייטיקער פּאָעט איז א מענטש מיט מענטשן גלייך און דאַרף זיין אַן אינטעליגענטער מענטש. אלס פּאָעט באַדאַרף ער קאָנען זען און פילן, וויסן און באַגרייפן און זען מיט זיינע אייגענע אויגן, און זיין אומשטאַנד דאָס געזעענע, געפילטע און פאַרשטאַנענע אַרויסצוגיבן אויף אַן אייגענעם, אינערליך אויפריכטיקן אופן.

„באַ אונדז איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישן אינטעלעקטועלער פּאָעזיע און געפילס־פּאָעזיע. מיר ווייסן בלויז פון איין אונטערשיד: צווישן עכטקייט און פאַלשקייט, צווישן אמת׳ער אינדיווידואַליטעט און שאַבלאָן! אין ערשטן פאַל ווערט געבוירן פּאָעזיע, אין צווייטן

— מעג עס זיין ווי שטימונגספול — בלויז לאקריץ און פאלשע גלעק־לעך."

דערפון זעען מיר, אז דער אינזיכיזם, וואס באטראכט זיך מיט רעכט ווי א ריכטונג אין דער ליטעראטור וואס האלט זיך נאענט צום לעבן — פאדערט דערפאר, „אז די שפראך פון אונדזערע לידער זאל זיין אזוי נאענט צו דער גערעדטער — אין בוי און אין פלים — ווי נאר מעגליך." לויט די ביז איצטיקע רעזולטאטן פון זייער ארבעט, פון קיין אויסנאמען רעדט זיך דא ניט — האבן אבער די מערסטע אינ־זיכיסטן, מיט אלע זייערע פארדינסטן, און דער אינזיכיזם מיט זיין נייעם קאמף, מיט זיין פרישקייט און ענערגיע, מיט זיין „גלויבן אין דער שעפערישקייט פון דעם יידישן ווארט, קינסטלערישער אומרו־איגקייט און אינערליך גייסטיקער רעוואלוציאנערישקייט" — לויט דער אפשאצונג פון ה. לייוויק — האט גרויסע פארדינסטן דערמיט, וואס זיי האבן אריינגעבראכט נייע פארמען אין אונדזער דיכטונג — האבן די מערסטע אינזיכיסטן, זאג איך, דוקא ניט פארשטאנען, אז די ערשטע פליכט פון א דיכטער איז, צו ריידן דיזעלבע שפראך וואס איז פאר דער מאסע צוגענגליך, און אין די מערסטע פאלן האבן זיי געגעבן פונקט דאס פארקערטע. זיי האבן קאנטיק נישט פארשטאנען אז ווען עס באשאפט זיך א מחיצה צווישן דעם פאלק און דיכטער, ווי עס איז דער פאל מיט די מערסטע אינזיכיסטן, כאטש זיי לייקענען עס געוויינליך — דערווייטערט זיך דאס פאלק פון די נעמלאכע דיכטער און עס בלייבט בלויז א קליינער שיכט פון אריסטאקראטן, וואס מיר האבן זיי בטבע אין אונדזער צייט ניט ליב — מיט א יחוס־בריוו, וואס איז אגב מער אויסגעטראכט ווי רעאל — און גארניט מער. דא אבער, איז ווינשענסווערט צו באמערקן — פארלירן זיכער די קינסט־לער; דאס פאלק הערט זיי פשוט אויף צו פארשטיין. און אין דעם פאל פון דעם אינזיכיזם, זיינען די אינזיכיסטן מיט זייער גאנצן טומל ארום זיך, כאטש ביז איצט די סאמע לעבעדיקסטע דיכטער־גרופע אין אונדזער אמעריקאניש־יידישער דיכטונג — פארבליבן וויים, זייער וויים פון דעם פאלק. א זעלטענע אויסנאם צווישן זיי איז אן יעדן צווייפל יעקב גלאטשטיין. די פאעזיע זייערע האט לײדער ניט דורכגעפירט אין לעבן זייער אייגענע התחיבות בנוגע דעם ענין שפראך. בא די מערסטע פון זיי איז דער שפראך ענין געוואלדיק פארנאכלע־סיקט געווארן און זיך פארפלאנטערט אין דעם פלאנטער פון אומ־פארשטענדליכקייט.

די וויכטיקסטע און אקטיווסטע פארשטייער פון דער אינזיכיסטי־שער שולע אין אונדזער דיכטונג זיינען: יעקב גלאטשטיין, א. לעיע־לעס און ב. אלקוויט.

ס'איז אויך ווינשענסווערט צו באמערקן אז אויף דעם געביט פון

פּראָזע האָבן זיך די לעצטע יאָרן ארויסגערוקט צום פאָדערגרונט פון דער גרופּע אינזיכיסטן, דער זייער טאַלאַנטפולער פּובליציסט זכריה שוסטער, ב. אַלקוויט און יעקב גלאַטשטיין, מיט זייער אייגנאַרטיקער בעלעטריסטיק.

## פּראָלעטפּען.

באַלד, נאָך דעם ווי די אינזיכיסטן האָבן זיך אזוי צוזאָגן אריינגע'עקשנ'ט מיט אזא יוגנטליכן ברען אין אונדזער אמעריקאַניש־יידישער דיכטונג — זיינען אויפגעקומען א היבשע צאָל טאַלאַנטפולע פּאָעטן בא אונדז, יחידים און קלענערע גרופּעס. יעדער איינער פון די נייע אויפגעקומענע פּאָעטן, האָט אויך זיין אייגענעם אופן עפּעס בייגעשטייערט צו דעם פילפאַרביקן אוצר פון אונדזער דיכטונג, וואָס האָט שוין צוליב דעם אליין זיך געהאַלטן אין איין באַנייען און באַנייען. זיי אַלע האָבן זיך אָבער צוזאַמען נישט אויסגעשטאַלטיקט אין קיין איין גרעסערער אָדער קלענער דיכטער־גרופּע ווי די „יונגע", קיין ריכטונג און קיין שולע נישט באַשאַפן. שפּעטער ערשט, דערצו נאָך צוליב ריין פּאָלימישע סבות און דוקא נישט צוליב קיין נייערער און מער מאָדערנער עסטעטיש־קינסטלערישער וועלטאַנשויאונג — האָט זיך באַוויזן דער „פּראָלעטפּען" (פּראָלעטאַרישע פּאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן), מיט זיין אייגענעם געזעלשאַפטלעכן פּנים, ווי א דירעקטער פּועל יוצא פון די דראַמאַטישסטע קאָנפליקטן אין אונדזער היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער פּראָלעטפּען האָט געהאַט דאָס מזל זיך צו באַווייזן אין אן עפּאָכע פון גאָר גרויסע סאָציאַלע געשעהענישן, כאָטש די הענט פון דעם פּראָלעטפּען זיינען ניט לאַנג און ניט שטאַרק גענוג געווען, די אַלע קאָנפליקטן אויפצונעמען און קינסטלעריש זיי צו פאַרדייען.

דער פּראָלעטפּען האָט זיך באַם אָנהויב פון זיין אויפקום גענומען דעם גרינגסטן וועג פון ווידערשטאַנד, כאָטש זיי האָבן געקאָנט לערנען א סך פון די דערפאַרונגען פון די „יונגע" און אינזיכיסטן — און בלויז איבערגענומען דעם שאַבלאָן פון אונדזערע ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער. דערפאַר איז זיין פּאָעזיע מערסטנטיילס געווען און פאַרבליבן א שאַבלאָנע, דעקלאַראַטיווע און באָמבאַסטישע. דער גרעסטער פאַרדינסט פון דעם פּראָלעטפּען איז, וואָס ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, אז א דיכטער באַדאַרף זיין באַטייליקט אין אַקטיווקייט, אָפּשפּיגלען די קאָנפליקטן פון זיין צייט — און זיין אַקטיווקייט זאָל ווערן דער קוואַל פון שאַפנדיקער ענערגיע. די ענערגיע פון דעם פּראָלעטפּען איז אָבער לײדער נישט געווען קיין שעפערישע און, זיי האָבן מערסטנטיילס זייער ליד צוריקגעפירט צו דער „פּאָעזיע" פון „סקאַרבאָווע ווערטער, אָן לעבן, גרילצנדיק, אָן געשמאַק און אָן

אמת'ער פּאָעזיע." אין זייער דיכטונג, וואָלט איך געזאָגט — האָט אויפגע'גלגול'ט די פון אָנהויב דערמאָנטע פּאָעזיע פון „געדיכטע."

דער פּראָלעטפּעץ האָט פאַרבונדן זיין גורל מיט יענער קונסט, וואָס פאַרבלייבט שטענדיק אין דער פאַרבינדונג מיט דער אַקציע. דער פּראָלעטפּעץ, ווי געזאָגט — איז אָבער מערסטנטיילס פאַרבליבן באַם ליטעראַטור־שאַבלאָן, וואָס אונדזער דיכטונג איז שוין לאַנג אריבער־געוואַקסן, מיט דער אויסנאַם פון איין מעינקע קאַץ, וואָס האָט ווייט אריבערגעשטיגן די רעטאָריק פון אַלע זיינע פּראָלעטפּעץ חברים, כאָטש אויך זיין ליד — דאָס פּראָלעטאַריש ליד זיינס — וויגט זיך אין דעם שפּינוועב פון א גרויען מיסטיציזם. זיין אינטואיציע איז אָבער א מער אויסגעשפּראָכענע און פירט אים באַרג־ארויף, צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון א דיכטערישער פּערזענלאַכקייט.

דער אמעריקאַניש־יידישער פּראָלעטפּעניק האָט ביז ניט לאַנג צוריק, כמעט ווי נישט געוואוסט פון דעם נייעם קונסט־אויפשטייג אין דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט שוין לאַנג צוריק געוואָרפן דעם לאָזונג: „גענוג זיך גרויסן מיט דעקלאַראַטיווער פּאָעזיע. מען מוז זיך אומקערן צום ליד! מ'דאַרף אפילו איבערנעמען די פּאָעטישע ירושה"! דאָס איז געווען א פאָדערונג פאַר פּאָעטישער פאָרם, פאַר ראָמאַנטיזם און אויך פאַר דער פאַרשריגענער עמאָציע.

דער פּראָלעטפּעץ וואָס האָט אין אַלע זיינע גלגולים געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם פּאָליטישן ליד, האָט ניט פאַרשטאַנען און פאַר־שטייט אויך איצט ניט, אַז „דאָס פּאָליטישע ליד איז א שלעכט ליד" און, אַז „די ליטעראַטור — לויט איליא ערענבורג — פאַרלירט איר כאַראַקטער אין יענעם מאָמענט, ווען די פּאָליטיק פירט איר באַ דער נאָז" און, אַז „דאָרטן וואו עס איז נישטאָ קיין פרייהייט פון דער קינסטלערישער פּערזענלאַכקייט, איז אויך ניטאָ קיין מעגלאַכקייט פון קינסטלערישן אמת".

דערפאַר האָט אויך דער פּראָלעטפּעץ ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון אויסבלוטיקן און אויסוואַרימען א ווערק, פון שאַפן און איבער־שאַפן א ווערק לויט דעם מוסטער פון א י. ל. פּרץ. גענוג צו דער־מאָנען די אַרבעטן פון א אהרן קורץ וואָס זיינען געשריבן און ארויס־געגעבן געוואָרן איבער א טעמאַטיק וואָס דאָס לעבן אליין האָט נאָך ניט געהאַט גענוג עס אויסגעקריסטאַליזירט (איך האָב דאָ אינזינען זיינע לידער וועגן דער „ען. אַר. איי.", דעם פּאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע, און ענלאַכעס). דערפון אַזאַ שפּע פון אַזוי פיל „לידער" פּאָלי־טישע באַ די פּראָלעטפּעניקעס, וואָס זיינען ווייט פון צו זיין לידער אָן קלאַמערן . . . אין דעם זין איז דער פּראָלעטפּעץ געגאַנגען און גייט נאָך איצט אויך אין די פוס־טריט פון אונדזערע ערשטע אמעריקאַ־נישע יידישע פּראָלעטאַרישע דיכטער, ווענס „פּאָעזיע" איז געווען און

פאַרבליבן ווי „א מיטל צום צוועק." היינט צו טאָג אָבער, ווען קונסט־ווערטן ווערן איבערגעשאַצט, באַדאַרף דער פּראָלעטפּען פאַר־שטיין און וויסן, אַז שאַפן אַ קונסט־ווערק מיינט, באַצווינגען דעם מאַ־טעריאַל; אריינדרינגען אין דעם אינערלעכן לעבן פון די פּערזאָנען אָדער געשעהענישן וואָס מיר באַשאַפן; פּאַראויסזען דעם גאַנג פון דער צייט דורך דער פּאָטענץ פון אונדזער עמאָציאָנעלן לעבן, באַזירט אויף די סאָציאַלע כחות פון אונדזער צייט; די זעאונג איבערגיבן — איבערשאַפן אין דיכטונג — אויף אַ בילדלאַכן, קאָנדענסירטן און קלאָרן אופן; ארויפלייגן אויף די פּערזאָנען אָדער געשעהענישן, וואָס מיר באַשאַפן אין אונדזער ליד — דעם שטעמפּל פון דער געזעלשאַפט און צייט אין וועלכער מיר לעבן, און דורך דעם ווערן די קינסטלער, דער אוואַנגאַרד פון דעם גייסט, די הענט, אויגן און אויערן פון דער געזעלשאַפט. ווייל דיכטונג — ווי געזאָגט — פּריידיקט אפשר אי־דייען, זיי ווערן אָבער זיכער ניט צוגעגרייט פאַר דעם פאַרקויף אויף דעם מאַרק. דיכטונג באַצוועקט, צו רעמאָדעלירן דאָס לעבן, לויט די אַנשויאונגען פון דעם דיכטער. דיכטונג, זאָל געדענקט ווערן! — לויט אונדזער פאַרשטאָרבענעם יצחק לייבוש פּרץ — מוז זיין אָריגינעל, אַ פּערזענלאַכע שאַפונג; פּאָעזיע מוז און באַדאַרף זיין — פּערזענלאַכקייט. דיכטונג מוז מען אויך לעבן. דאָס מיינט: איבערלעבן און באַשאַפן, ניט ווי די פּסעוודאָ דיכטער טוען — ש ר א ב ן. די פּריוועלעגיע פון דעם היינטצייטיקן דיכטער בכלל און פּראָלעטפּען דיכטער בפרט, באַדאַרף דעריבער זיין, ניט נאָר אָפּצור־שפּיגלען די קאָנפליקטן פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן, נאָר — זען ווייטער און איבערלעבן טיפער, וואָס די אַנדערע — די ניט־קינסטלער — זעען ניט און לעבן ניט איבער. דורך דעם בלויז אליין וועלן זיי בארופן זיין צו ווערן (דערווייל זיינען זיי עס נאָך ניט!) די אזוי גערופענע „אינזשענערן פון דער נשמה." דערפון לערנען מיר אויך, אז קיין קונסט איז ניט מעגליך אָן דער פאַרבונדענער מאכט פון ט א ט און ט ר ו י ם. איינע דערגענצט און באַדאַרף דערגענצן דאָס צווייטע. „מ'מוז טרוימען אום שפּעטער אויך צו קענען האַנד־לען." פונדאַנען אפשר שפּיצט ארוים דער קריטישער און זיכער גע־זונטערער צוגאַנג פון די פּראָלעטפּענישע ליטעראַטור־קריטיקער צו די פּראָלעטפּענישע דיכטער די לעצטע צייט. און אז משה קאַץ למשל, פאַרגינט זיך שוין צו שרייבן וועגן י. א. ראָגטש'ן, אז זיינע „גוטע לידער ווערן אָפּט קאַליע דורך זייער גוט געמיינטע אָבער מע־כאַניש צוגעגעבענע פּליכט־מאָטיוון", מעג דאָ פון מיר געזאָגט ווערן, אַז אויב דער פּראָלעטפּען, ווי איך האָב שוין באַוויזן — גייט אין די פוס־טריט פון אונדזערע ערשטע אמעריקאַניש יידישע פּראָלעטאַרישע דיכטער, וואָס האָבן זייער ליד געשטעלט אין „דינסט פון דעם פּראָ־

לעטאַריאַט״, אגב — זייער אַן אידעאַלע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע — וואָלטן זיי, צוזאַמען מיט אַט דער ליכטיקער אידייע, אויך געמעגט אויסנוצן די שפּראַכלאַכע און פאָרמען דערגרייכונגען פון דעם יידישן ליד, און איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון זיך ארונטערוואַרפן די דערמאָנטע שאַבלאָנען, אפילו ריין פּראָלעטאַרישע — פון זייער ליד, וואָס פּאַסן זיך בשום אופן מער נישט אריין אין דער צייט אין וועלכער מיר לעבן, און זיכער ניט אין אונדזער אמעריקאַניש יידישער דיכטונג, וואָס האָט זיך אליין דערפירט צו יענער הויך פון שלמות צו וועלכער אירע בויער און שעפער האָבן פון תמיד אָן געשטרעבט און גע׳חלומ׳ט.

## א. לוצקי

דער דיכטער א. לוצקי, איז איינער פון יענע וואונדער פון אונד־זער פאַרצווייגטן יידישן לעבן, וואָס איז ווי דורך א נס ארויפגעשוואו־מען צו דעם פאָדערגרונט פון אונדזער ליטעראַטור, און וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין אירע גבול׳ן.

אין די טעג פון אונדזער דור הפלגה, ווען געשיכטע ווערט גע־שאַפן אימפּולסיוו, און יעדע דערגרייכונג פון אונדזער פּילפאַרביק לעבן ווערט איבערגעשאַצט און אָפטער אונטערגעשאַצט און פאַר־לייקנט, און מיט יעדן נייעם ווינט בייטן זיך באַגריפן, איז לוצקי צו אונדז געקומען און אָנגעשלאָגן אַן איינגענעם טאָן אין אונדזער יידישער דיכטונג, וואָס איך באַטראַכט פאַר איינע פון די זעלטנסטע, אויב איר ווילט — פענאָמענאַלע מדרגות אין דעם לעבן פון א יונגן דיכ־טער.

א. לוצקי האָט פאַרשטאַנען דעם זין פון שפּראַך, און מיט דער חריפות פון א גאָט געבענטשטן קינסטלער האָט ער אינטואיטיוו זיך אריינגעלעבט אין דער פשוטקייט פון אונדזער פאָלקס שפּראַך, וואָס איז מיט דער הילף פון זיין פעדער דערפירט געוואָרן צו שלמות.

די וויכטיקסטע עלעמענטן פון א. לוצקיס שאַפן זיינען, פאָרם, פאַרב און ריטם. און אויב ער איז טעמאַטיש פאַר אונדז ניי, און אָפטמאָל אויך ניט קלאָר, שטערט עס אונדז פונדעסטוועגן ניט זיך צו קוויקן מיט דעם שפּילעוודיקן געזאַנג פון זיינע לידער, וואָס שפּרוד־לען מיט יוגנטליכן רייץ און שיינקייט פון יעדער שורה זיינער.

קיינער ביז לוצקין האָט נאָך ניט באַוויזן, אזוי יוגנטליך שיין זיך אריינצולעבן אין יענע עלעמענטן פון לעבן, וואָס ווערן ממש באַלעבט און קריגן אויך א תיקון דורך דעם געזאַנג פון זיינע לידער. א שפּענדל, צי „צוויי פּאַפּירן״, א קנעפּל צי עפּעס אנדערש — ווערן פון אים אזוי באַלעבט, אז איר האָט דעם אבסאָלוטן איינדרוק, אז דאָס איז א טייל פון אייער רוחניות׳דיקן זיין, די קרוין פון דער יצירה.

א. לוצקי נעמט־אויף זאַכן מיט דעם צויבער פון א ראַדיאָ אַפּאַ־ראַט; ער ווייסט דעם סוד פון אריינבלאָזן א לעבעדיקע נשמה אין א טויטן גוף, און דערנאָך גיין ווייטער, מיט דעמזעלבן זינלאָזן רייץ און כישוף פון דעם פּלאָנטער פון דער צייט.

א. לוצקי'ן איז ניט פרעמד קיין איין עלעמענט פון אונדזער עמאָ־ציאָנעלן לעבן; פרייד און אומעט, שטילער ווי און טרויער, לעבן און טויט, זיינען פארקערפּערט אין אַלע זיינע לידער וואָס אָטעמען מיט דער זעלטנסטער דינקייט פון א פיינעם ליריקער, וואָס האָט אינזיך גלייכצייטיק די פאַרטראַכטקייט פון פיינעם הומאָר, וואָס האָט זיך דער עיקרשט פאַרקערפּערט אין זיינע פּאָרטרעטן פון אונד־זערע יידישע שרייבער, וואָס געפינען זיך לידער ניט אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג, א. נ. „לעבעדיק און פריילין.״

א. לוצקי איז ווייט פון רעטאָריק און אים איז פרעמד די פּאָע־טישע פּראָזעאָלאָגיע. דורך דער אבסאָלוטער נאַטירלעכקייט פון זיין פערזן־געבוי, דערפירט אָפט לוצקי זיין ליד, מיט דער הילף פון גע־זונטן הומאָר — צו יענעם אייגנאַרט פון דער פערזנקונסט, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון ז י י ן פערזענלאַכקייט.

לוצקיס וואָרט לעבט און אָטעמט מיט דעם לעבן פון דעם קאָס־מאָס, און אפילו דאַן ווען ס'איז פאַר אייך ניט קלאָר — טעמאַטיש — וואָס ער וויל, ווערט איר אויך פון זיין ליד פארכאַפּט, און איר גיסט זיך האַרמאָניש און עמאָציאָנעל מיט אים צונויף.

לוצקיס לידער צייכענען זיך דער עיקרשט אוים מיט זייער בילד־ליכקייט, און די „טויטע וועלט״ זיינע שפּרודלט מיט דעם לעבעדיקן ריטם פון זיין אייגן לעבן. יעדער עלעמענט פון זיין „טויטער וועלט״ קריגט בא אים א וואונדערליכן תיקון אין דער פאָרם פון א רוח חיים.

לוצקי איז דאָס וואָס מיר רופן, אַן אריגינעלער דיכטער מיט אַן אייגענעם סטיל, וואָס געהער בלויז אים אליין. און אויב ער אליין דערמאָנט אָפט אין לעבן, ניט אין דער לימעראַטור — אויף יעדן שריט און טריט, אין אברהם רייזין, האָט אבער ביז היינט צו טאָג זיך נאָך ניט באַוויזן קיין איין דיכטער בא אונדז, וואָס זאָל אונדז דערמאָנען אָן אים אליין, אין לוצקין — אין דער ליטעראַטור. אין דעם זין, איז ער אַן יעדן צווייפל, אומפארגלייכליך. און איך וויל דאָ אויסדרוקן מיין וואונטש, אז ער וועט אויך אזוי פארבלייבן אין דער צוקונפט.

לוצקיס ליד גרעניצט זיך אָפט מיט דעם פאָלקס־ליד אונדזערן. און פונקט ווי דאָס פאָלקס־ליד איז פאר אונדז אָפט אויפּפאָלנד, צו־ליב דער אומגעהובלטקייט פון זיין פערזנגעבוי, און עס קריגט ערשט א תיקון ווען עס ווערט פאר אונדז געזונגען, אזוי קריגן אויך לוצקיס לידער טיילווייז ערשט דאַן א תיקון ווען ער באַלעבט זיי פאר אונדז

מיט זיין אימפראָוויזירן, וואָס איז גלייכצייטיק א זעלבסטשטענדיקע קונסט אַן־און־פאר זיך.

לוצקים „באָם רבינס טיש" און די „קאַפעליע" זיינע, זיינען מוס־טערן פון אייגנאַרטיקע געזאַנגען וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלייכן אין דעם אוצר פון אונדזער יידישער דיכטונג.

## ל. מלאך און זיין בוך „דן דאַמינגאָס קרייצוועג"

בראַזיליע איז אין דער אידישער ליטעראַטור אונדז ביז איצט באַ־קאַנט, הויפּטזעכלעך דורך די צופעליקע אַרבעטן פון צופעליקע באַ־זוכער; זעלטן ווען עס דערטראָגט זיך צו אונדז א דירעקטער גרוס, דורך די קינסטלערישע אַרבעטן פון אַן היימישן תושב, וואָס זאָל אַגב אויך באַזיצן די קינסטלערישע פּאַטענץ פון איינזאַפּן אינזיך און גלייכצייטיק איבערדיכטן אין בולטע קאָלירן, נישט נאָר די קרענקלעכע סביבה פון די „טמאים", וואָס איז אגב טיילווייז אינטערעסאַנט אויב קינסטלעריש געמאָלן — אַן און פאַר זיך, נאָר בכלל פאַר אונדז איבערדיכטן בילדלעך דאָס לעבן פון דעם יונגן יידישן ישוב אין זיד־אַמעריקאַ.

ל. מלאך געהער אויך נישט צו די, וועמענס וויג זאָל האָבן גע־האַט דעם גורל צו שטיין אונטער דעם גלי פון דער זיד אַמעריקאַנער זון, וואו דער גורל האָט פאַרוואָרפן און פאַרמשפּט צו בלייבן, א היבשן טייל פון אונדזער וואַנדער פאָלק. ער האָט אָבער יאָ געהאַט דאָס מזל זיך דאָרטן צו פאַרוואָרצלען איבער א צענדליק יאָר און דוקא דאָרט דורכצומאַכן די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין ליטעראַריש קינסט־לערישער אַנטוויקלונג, כאָטש ער האָט נאָך אין 1915 דערוויזן צו דעביוטירן מיט זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן אין נאָמבערגס וואַכנבלאַט.

עס זיינען פאַראַן שריפטשטעלער, וואָס באַגרעניצן זיך אַלע מאָל אויף איין געביט אין דער ליטעראַטור, און בייטן קיינמאָל נישט זייער פאָרם. נישט אַלע פון זיי באַווייזן אָבער דעם וואונדער פון א מאני לייב למשל, וואָס האָט מיר דוכט קיינמאָל נישט פאַרביטן די פּאָעטישע פאָרם פון שרייבן און דאָך פאַרבליבן איינער פון אונד־זערע בעסטע מייסטער אין דער יידישער דיכטונג. אַנדערע שריפט־שטעלער ווידער, אַזעלכע ווי יצחק לייבוש פּרץ, דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, שלום עליכם, יהואש, לייוויק און אַנדערע, האָבן זיך קיינמאָל נישט באַגרעניצט אויף איין געביט און איין ליטעראַריש קינסטלערישע פאָרם, און גלייכצייטיק דאָך באַוויזן זיך צו פאַרפּול־קאָמען אויף מער ווי איין געביט אין דער ליטעראַטור. ס'איז גענוג צו דערמאָנען איין לייוויקן, שוין אָפּגערעדט פון אזא פאַרצווייגטן און פּראָבלעמאַטישן דיכטער ווי יצחק לייבוש פּרץ — איינער פון

אונדזערע גייסטרייכע פּאָעטן, און גלייכצייטיק אויך א פיינער עסייאיסט און פּראָבלעמאַטישער דיכטער־דראַמאַטורג.

ל. מלאך געהערט — לויט די מוסטערן פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן — צו יענער קאַטעגאָריע שריפטשטעלער, וואָס זוכן אַלעמאָל אין זייער דיכטערישער אומרו, נייע, פון זיי אַליין נאָך נישט קיין צעאַקרעטע פעלדער, און קיינמאָל באַגרעניצן זיי זיך נישט אויף איין געביט אין דער ליטעראַטור. שטעלט אים למשל נישט צופרידן די באַלאַדע — ווענדט ער זיך צו דער ליריק; פילט ער זיך נישט אַזוי היימלעך אין די שעפערישע אַרבעטן פון זיין ליריק — גייט ער איבער צו דער דערציילונג, דראַמע, עסיי, ראָמאַן און אַנדערע פאָרמען פון שרייבן, וואָס שטעלן אַלע צוזאַמענגענומען מיט זיך פאַר אין דעם לעצטן סך הכל, אויב נישט קיין קאָמפּליצירטן — אַן אינטערעסאַנטן שריפטשטעלער. אַזוי האָט ער שוין ביז איצט דערוויזן אַרויסצוגעבן א ראָמאַן אין פערזן א. נ. „אין פּוילן"; א באַנד באַלאַדן, א. נ. „אַמאָל, אַמאָל"; דראַמאַטישע דיאַלאָגן א. נ. „אַפּפּאַל"; א דראַמע א. נ. „איבערגוס"; א ביכעלע קינדער לידער, זיין לעצטער ראָמאַן — „דן דאָמינגאָס קרייצוועג", און ער פאַרמאָגט נאָך א גאָר היבשן באַגאַזש פון ליטעראַרישע אַרבעטן אין מאַנוסקריפּט, ווי זיין „מויד פון לוד־מיר", דערציילונגען, לידער, עסייען און אַנדערע אַרבעטן.

ס'איז מיר לײדער ביז איצט ניט געלונגען זיך איינצולעבן אין אַלע זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס איך האָב ערשט דערמאָנט, צוליב דעם וואָס אין אונדזערע מקומות זיינען זיי פּשוט נישט בנמצא — און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז מיר אַבסאָלוט שווער זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, און פאַר אייך אויסמאָלן א פולן פּאָרטרעט פון דעם שריפטשטעלער ל. מלאך, אין הסכם מיט דעם פילפאַרב פון זיינע אַרבעטן. עס איז פאַר מיר אפילו שווער צו קאָנסטאַטירן, וועלכע פאָרם פון זיינע ליטעראַריש קינסט־לערישע אַרבעטן איז ביי אים די געלונגנסטע, און צי ער האָט זיך אי־בערהויפּט פאַרפולקאָמט אין איינער פון זיי, צו דער צופרידנשטעלונג פון אונדזערע אייגענע באַגריפן וועגן אָט די פאָרמען פון דער ליטע־ראַטור, וואָס ל. מלאך האָט מיט אַזאַ יוגנטלעכן אימפּעט אַזוי עקס־פּלואַטירט. איין זאַך איז פאַר מיר אָבער יאָ קלאָר, און דאָס איז, אַז אין ל. מלאכן האָבן מיר א באַגאַבטן און אינטערעסאַנטן שריפט־שטעלער, וואָס לאָזט זיך אידענטיפיצירן דורך דער גרעסטער צאָל פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אין וועלכער פאָרם זיי זאָלן נישט זיין געשריבן, און וואָס אַטעמען מערסטנטייל, אויב נישט אַלע — מיט א ביז גאָר פיינער באַציאונג צו אונדזער מין מענטש.

אין א פּריוואַטן געשפּרעך האָט מיר ל. מלאך, למשל, דערקלערט אין א גאַנץ באַשיידענעם טאָן, אַז זיין באַציאונג צו מאַלעריי איז,

ווי די באציאונג פון א פשוטן באָאבאכטער אָן דער מינדסטער פּרע־טענזיע פון מבינות דערויף. האָב איך אָבער צופעליק אויפגעמישט דעם זשורנאַל „זעגלען" פון ב. איירעס און זיך דאָרטן אָנגעשלאָגן אין זיינער אַן עסיי, א. נ. „דאָס פּרימיטיווע אין דער קונסט" — וועגן דעם מאַלער לאַזאַר סעגאַל — און געשמוינט פון זיין עניוותדיקער דערקלערונג צו מיר, וועגן דעם ענין מאַלעריי. די דערמאָנטע עסיי איז פריער פון אַלץ אויפגעשריבן אין אַ פיינעם סטיל, מיט אַ זעל־טענער שפּראַכלעכער קלאָרקייט, און צווייטנס איז זי דורכגעזעלט מיט דער עכטקייט פון א פיינער ערודיציע און געלונגענעם אויסטייטש פון ל. סעגאַלס מאַלערישע ארבעטן.

ל. מלאכס טיפּן, די, למשל, פון זיין גאָר לעצטן ראָמאַן א. נ. „דאָן דאָמינגאָס קרייצוועג" — זיינען געמאָלן מיט קינסטלערישער אומרו, קרעפּטיקער בילדלעכקייט און פּסיכאָלאָגישער פּשוטקייט. די מערסטע פון זיינע טיפּן, ווי דער הויפּטהעלד פון זיין לעצטן ראָ־מאַן — דאָמינגאָ — זיינען באַזעלט מיט „ענערגיע צו מעשים, וואָס האָט אין דאָניאַן געזאָטן, ווי זיין בלוט וואָלט געקאָכט אונטער אַן הייסן פייער".

„דאָמינגאָס קרייצוועג" איז פריער פון אַלץ געמאָלן אויף דער פּאָן פון דעם זיד־אַמעריקאַנער לעבן, וואָס אָטעמט מיט דער פרעמדקייט פון דעם אימיגראַנטן לעבן אַנטקעגן דעם אויפגאַנג פון דער זיד אַמע־ריקאַנער זון. דאָמינגאָ אליין געהערט צו יענעם ווינקל, פון אונדזער שטעטלדיקן אָפּפאַל, וואָס בלויז ערשטקלאַסיקע קינסטלער וואָלטן זיך געמעגט צו אים צורירן. צו ל. מלאכס לויב זאָל דאָ אָבער גלייך געזאָגט ווערן, דאָס עס איז אים געלונגען אין אַ היבשער מאָס ארויס־צופירן דאָמינגאָן וואָס „האָט קיינמאָל נישט געקענט זיך כאַפּן וועגן אַ זאַך, אויב מען האָט אים נישט דערציילט קלאָר און דייטלעך" — פון זיין פּרימיטיוון מטושטשן צושטאַנד, ווי א קינד פון שלום אשס קוילער געסל, אויב ניט נאָך קיין ערגערס — אריינבלאָזן אין אים א זעלטענעם לעבנס פּאָרטראַכט, אַן אינטואיטיוון — כאָטש ער איז פאַר אים אליין נישט קלאָר געוועזן, און ער — דאָמינגאָ — האָט אים בלויז געשפּירט בחוש — און מיט דער צייט אין אים אפילו דערוועקט א פאַרלאַנג, (א באוואוסטזיניקן) „צו רו, ארבעט און גע־מיטלעכקייט." און אז ל. מלאך ברענגט זיין העלד אריין אין דער שול פון די „טמאים" יום כפּור, און דאָניאַ טרעפט דאָרט אין א זייטיקן חדר די „מענער" שפּילן אין קאָרטן, ברויזט אין אים אויף דער צאָרן פון פּראָטעסט, און ער לאָזט זיך פון דאָרטן אַנטלויפן. און אז ער באַמערקט א פרוי מיט אַן ערנסט פּנים — אין דער זעלבער שול — וואָס טיילט זיך אויס מיט אַלץ, אפילו מיט דער קליידונג — פון די אנדערע, און מ'דערציילט אים, אז „מ'האָט ערשט אויף איר געמאַכט

א ברכה", שווידערט ער אויף ווי אין א קאָנוואולסיע און ער רוט שוין נישט, ביז ער זוכט איר אויף, און ער מאַכט אַן ערנסטן פּאַרזוך איר ארויסצוראַטעווען פון די הענט פון די „טמאים". און אַז עס געלינגט אים לײדער נישט דאָס צו טאָן, לײדט ער דערפון מיט די לײדן פון יענע שטומע נשמות אונזערע, וואָס יצחק לייבוש פּרץ האָט פאַר־קערפּערט אין איינער פון זיינע זעלטנסטע פאָלקסטימלעכע געשיכטן „נסים אויף דעם ים". דערמאָנען מיר זיך אַז דאָמינגאַ וואָרצלט מיט אַלע זיינע חושים אין א סביבה פון אבסאָלוטן אָפּפאַל, און ל. מלאך קנעט אים קינסטלעריש פאַר אונדזערע אויגן אויס, אין דער סביבה פון זיין ראָמאַן, ווען מען הינטערגרונט עס איז די סביבה פון „טמאים", מיט א טרויעריק באַרימטער „נאַציאָנאַלער קראַנקהייט" — און ער דערפירט אים ענדלעך צו דער מדרגה, ווען „דעם דאָקטאָרס רייד האָבן זיך אין אים אַליין אָנגעצונדן, האָבן אויפגעפלאַמט און אויפגעלויכטן, ער האָט נישט בלויז די אַלע אויפ־געקלערטע רייד דערפילט, נאָר ער האָט די קלאַנגען דערזען, געזען די באַדייטונג פון ווערטער אין געשטאַלט און אין בילדער; ער האָט געטראַכט דורך וויזיעס, און דערהערט דעם קלאַנג פון רייד אין פאַרבן." דערמאָנען מיר זיך דאָס אַלץ, מוזן מיר לאָגישערווייז קומען צו דעם באַשלוס, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א ביז גאָר פיינעם שריפט־שטעלער, וואָס שטיצט זיך נישט אויף קיינעם, בלויז אויף דעם סכום און קוואַליטעט פון זיינע אייגענע קינסטלערישע אַרבעטן — און נוי־טיקט זיך אויך נישט אין קיינעמס הסכמה דערויף.

„דאָמינגאָס קרייצוועג" באַשטייט בכלל פון א גאַלעריי פון טיפּן, וואָס אייניקע פון זיי לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. אזוי, למשל, שטעלט מיט זיך פאַר כואַנע, אָדער די „פאַדלע" ווי דאָמינגאַ רופט איר אין זיין פשוטקייט — א פּראָפעסיאָנעלע פרוי — איינע פון די רירנדסטע און צאַרטסטע באַשעפענישן, וואָס זיינען מיר באַקאַנט פון דער ליטעראַטור. און דער גרעסטער וואונדער פון „דאָמינגאָס קרייצ־וועג" איז דער, וואָס דווקא ער, א קינד פון דעם שטעטלדיקן אָפּפאַל — קומט ארויס א ריינער און א געלייטערטער, כמעט אַן עניו — פון דער סביבה פון „טמאים" אין בראַזיליע.

ל. מלאכס „דאָמינגאָס קרייצוועג" לײדט אויך פון א סך דעפעקטן, און דאָס ברענגט מיך ארויף אויף דעם געדאַנק, אַז ל. מלאך לײדט בכלל פון אַן איבערפּראָדוקציע פון ליטעראַרישע אַרבעטן; ער פאַר־לירט זיך כמעט אין דעם לאַבירינט פון זיינע אומצייליקע און פילפאַכע אַרבעטן, און אין זיין לעצטן ראָמאַן האָבן זיך אריינגעכאַפּט עטלעכע קאַפּיטלען, וואָס גרעניצן זיך מיט געוויינלעכן צייטונגס־רעפּאָרטאַזש, וואָס שטערט אגב קינסטלעריש דעם איינדרוק פון דעם ראָמאַן אַלס א גאַנצן. זיינע לידער און באַלאַדן לײדן אויך, אויף וויפל איך געדענק

זיי — ווייל אין בוך פאָרם האָב איך זיי נישט געלייענט — פון א גע־וויסער צעצויגנקייט און באַנאַליטעט, דערפאַר אָבער זיינען זיי אַלע, איבערהויפּט די פון אים באַארבעטע לעגענדן אונזערע — דורכגעהעלט מיט א פאָלקסטימלעכער פשוטקייט און זעלטענער מענטשלעכקייט, מיט וואָס יעדער שריפטשטעלער און אויך די ליטעראַטור אין וועלכער ער שאפט, מעג שטאָלצירן.

# אלטער עסעלין

(צו זיין פופציק יאָריקן יובילייאום)

לכבוד אונדזער יום טוב, מיין טייערער חבר עסעלין, וועל איך ברעכן א מנהג און אדרעסירן דעם איינדרוק פון דיינע לידער, דירעקט צו דיר. אונדזער לאַנג־יאָריקע אינטימע פאַרבינדונג איז מיך דערצו מתחיב, און איך וויל טאַקע האָבן דעם פאַרגעניגן נישט צו ריידן אבסטראַקט וועגן דיר, נאָר האָבן די אילוזיע, אז מיר זיצן איצט ביידע באַ א ווייס־געדעקטן טיש, ווי עס פאַסט זיך צו א יום טוב — און טאַקע דו אליין פאַרנעמסט מיינע רייד וועגן דיר.

דו האָסט דיינע באַקיינער געשליפן מיט חריפות איבער א לעבן

„. . . וואו צאַנקען ביז פערציק
איז וואונדער,
וואו טרוקן ברויט איז יום טוב . . .“

ווייל איך דאָ זאָגן, אזוי קלאָר און אָפן ווי מעגליך — אז באַ מיר אין די אויגן ביסטו אליין א וואונדער, אין הסכם מיט דער טראַגיק פון דיין עסעלינישער דיכטונג. און דיין יום טוב איז אויך מיינער און אונדזער אלעמנס יום טוב.

דו, וואָס האָסט געזונגען :

„. . . איך בין פון שטאָלצע נישט געקומען,
וועל מיט שטאָלצע לייט נישט גיין,
נאָר ווען דער לעצטער רוף וועט קומען,
וועל איך מיט מיינע ברידער גיין.“

האָסט דערפירט דיין ליד צו דעם אוממיטלבארסטן אמת פון דיין לעבן, וואו

„. . . פינצטערניש שפרייט זיך איבער מיינע ווענט . . .“

און דערפאַר געפונען א גרויסע טרייסט, כאָטש דו ווילסט דוקא האָבן אז

„. . . טרייסט, די לידער דערציילן,
איז פאַר דעם טרייסטער ניטאָ.“—

אין

„. . . א דימענט וואָס לויכט אין מיין פינצטערער ליד,
אין אַ טרער וואָס ברענט אין מיין תפילה צו גאָט.“

ווייל — וויפל פון אונדז קענען זיך טאַקע איבערנעמען מיט א

דימענט אין ליד? און כאָטש דו האָסט ביז דיין איצטיקן עלטער בלויז דערוויזן זיך צו דערשלאָגן צו דער עפנטלאַכקייט מיט צוויי דינע העפטלעך לידער, האָסטו אָבער דאָס געווינס איבער אַ סך פון אונדזערע דיכטער פון אונדזער דור, וואָס דער טראָפּ פון דיינע לידער איז אַלעמאָל געשטאַנען אויף די א י כ ו ת פון ד י י ן ליד, און נישט אויף די כמות. און דאָס איז בלויז מקוים געוואָרן אין דעם זכות דערפון, וואָס די דיכטונג האָט בא דיר אַלעמאָל געמאָנט „נאָך בלוט" — נישט קיין טינט! — ווי אַ צונאָב צו דיין לעבן, וואָס איז — ווי דו שרייבסט — „. . . אין בלוט שוין געשטאַנען . . .". דערפון אפשר נעמט זיך אויך דיין באַשיידנקייט צו לאָזן זיך דערקענען ווי

„. . . דעם קלענסטן,
אין רייע — דער לעצטער, אַ ריינער."

דאָס געזאַנג וואָס ווערט געהייליקט פון דעם דיכטערס בלוט, די פאַרוואַנדלונג פון דיין לעבן אין דער עכטקייט פון דיין ליד — רופט ארויס דרך ארץ און פּסיכישן צובונד צו זיין דיכטער. און ארויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט פון דיין דיכטערישן קרעדאָ, ביסטו גאָרנישט אזוי „אָרים" ווי דו מיינסט, כאָטש דיין היים שטייט בפירוש אויף „אָרימגאַס". און כאָטש דו זינגסט פון דעם „אומגליק" וואָס קלעפּט אויף דיינע ווענט, איז דער גלויבן דיינער, דער אָפּטימיזם אויב דו ווילסט — נישט נאָר אַן ערך וויכטיקער, נאָר בפירוש ו ו אָ ג י ק ע ר און ק ר ע פ ט י ק ע ר פון דיין פּעסימיזם. נישט אומזיסט האָסטו געזונגען:

„. . . איך הייל נישט מיין צווייפל מיט ביכער,
איך הייל איִם מיט גלויבן אין זיך . . ."

ווייל אָט דער גלויבן אין זיך, איז דער סאַמע עצם און וויכטיקסטער מקור פון דיין שעפערישן אויפשטייג אין אונדזער דיכטונג.

און אויב ס'איז אמת, ווי דו זינגסט — אַז, „דער שענסטער איז דער איינזאַמער", ביסטו מיט דיין קלעם, אָן יעדן צווייפל, איינער פון אונדזערע שענסטע, אויב נישט דער סאַמע שענסטער — דיכטער אויף אונדזער יידנגאַס, אויף אונדזער אַמעריקאַניש יידישער פּראָווינץ. פון דיר ווייסט מען און מע רעדט; דיך לייענט מען און מע הערט זיך צו צו דיין וואָרט, וואָס איז אגב, נישט נאָר ניט קיין לאַסט, נאָר — דער עיקרשט, אַ וואָגיקער בייטראַג צו דעם אוצר פון אונדזער שיינקייט. דיר גלויבט מען ווען דו זינגסט אין דיין „באַלאַדע פון אַן איבעריקן", אַז

„. . . פאַראַנען וואונדערשיינע ווערטער — נעם באַגראָב זיי, און ס'איז ליד,
הערסט זיי, זינגסט זיי, און פאַרגעסן. נאָר פאַראַן אַזאַ מינוט —
הערסט ווערטער האַרבע, שווערע, טו אַ שניט — שפּריצט בלוט,

שטענדיק ברענען זיי אין אויער, זיי פאַרגעסטו קיינמאָל ניט . . ."

און דו האָסט באמת די „וואונדערשיינע ווערטער" פון וועלכע דו רעדסט, דערהויבן צו דער מדרגה פון דיכטונג — צו ליד, מיט דעם כח פון דיין לירישן פּאַטאָס, דינאַמיק און געוויסנהאַפטן איינשטעל; דו האָסט די „וואונדערשיינע ווערטער" באַשפּריצט און באַהויכט מיט דעם בלוט און טראַגיק פון ד י י ן לעבן, וואָס איז מיר אַזוי נאָענט און אייגן.

דו האָסט אַלעמאָל בלויז געוואוסט און געגלויבט אין איין ריכטונג, וואָס

„. . . די ציט זיך פון זיידן נאָך זיידן

און טונקלט ווי דימענט דורך שטויב . . .".

ווער ווייסט, אפשר נעמט זיך טאַקע דערפון דער דירעקטער און פּשוט'ער צוגאַנג דיינער צו וועלט און מענטש, און די פּאָעטישע שמד־שטיק פון אַמאָליקע און היינטצייטיקע דיכטער. דערפאַר אפשר האָסטו אפילו נישט אָנגעהויבן צו זינדיקן — ווי אַ סך פון אונדז האָבן עס לייַדער יאָ געטאָן — מיט דער אַקראָבאַטיק פון מאָדערניסטישן פּערזנגעבוי ; אַלעמאָל ביסטו געגאַנגען מיט דעם וועג פון „זיידן נאָך זיידן", כאָטש דו זינדיקסט יאָ אָפּט — אפשר טאַקע צופיל און אויך צו אָפּט — מיט אינטעלעקטועלן אָנשטרענג, צו פאַררונדיקן אַ טייל פון דיינע לידער, אויף וועלכע דו ציסט אַרויף באַוואוסטזיניק אַן איבע־ריקע לאַסט, די לאַסט פון אינטעליגענטישן אָנשטעל און שווערן סטיל — וואָס שטאַרצט ווי אַ דאָרן דאָ און דאָרטן אַרויס פון דיינס אַ ליד, וואָס פאַרטונקלט אַגב, מיט איר שווערקייט — די היימישע־פאַרהיי־מישטע פשטות דיינע, וואָס וויל אַגב נישט, באַדאַרף נישט, און קען טאַקע אויך נישט פאַרטראָגן די אַרויפגעצוואונגענע שווערקייט פון דיין איבערטריבענער אינטעלעקטואַליטעט און טעכנישע האַרעוואַ־ניע, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ שווער־וואָגיקער, אין אונדזער דיכ־טונג — נישט אַסימילירבאַרער, כמעט פרעמדער לעקסיק, וואָס איז אין גרויסן ווידערשפּרוך צו דיין רייצנדיקער פשטות. דיין וועג איז און באַדאַרף זיין, ווי דו דריקסט זיך אויס — „פון זיידן נאָך זיידן", און עס טאָר דיר באמת נישט גיין". . . אין פּאָזעס און מינעס, אין צאַצקען זיך מיט דער פּען . . ." ! דאָס איז געווען, איז און באַדאַרף פאַרבלייבן דער הויפּט שטיץ־פּונקט פון דיין דיכטערישן קרעדאָ.

ד י י ן אמת וואָרצלט אין דער אמת'דיגקייט — נישט אויסגע־טראַכטקייט — פון דיין פּאַטעטיק, וואָס זינגט־אויף אַזוי קול דממה דקה'דיק אין דער געשליפנקייט און קלוגשאַפט פון דיינע פערזן.

דו זינגסט :

„. . . איך אַן, ווי זעלטענע אַנען,

פון זאַכן דעם פיינערן זין ;

איך שטאַם, איך ווייס שוין פונוואַנען
כ׳געהער — איך ווייס שוין וואוהין . . .״

צו אַנען „ווי זעלטענע אַנען״ איז טאַקע א גורל׳דיקע ברכה, מיט וועלכער דיכטער פון אלע קונסטן מעגן שטאָלץ זיין און זיך אפילו איבערנעמען. דאָס וויסן אָבער „שוין וואוהין״ האָט דיך מיר דוכט, אַביסל צו פרי פאַרצויבערט; דאָס האָט אפשר טיילווייז געפּענטעט דיינע הענט און דיך אָפּט דערפירט צו דער נאָר וואָס דערמאָנטער אינטעלעקטואליטעט און טעכנישער האָרעוואַניע, וואָס באַגרעניצט במילא דעם רייץ פון זוכן און אויך די פּסיכאָלאָגישע מעגלאַכקייט, צו באַהערשן אַ נייע טעמאַטיק, באַזיגן נייע פאָרמען און דעם פּרואוו צו באַהערשן בכלל, נייע טעכנישע מיטלען, און אין לעצטן ס״ה — שוואַכט עס אָפּ די העלזעערישע וויזיעס פון אַ דיכטער.

דו ביסט געווען און פאַרבליבן איינער פון אונדזערע געציילטע ריטער פון שיינקייט פון דעם זישא לאַנדוי טיפּ, דיר צו לענגערע יאָר — נאָך דער גרופּע „יונגע״. ביז איצט, נאָך דיין פּאָקן און מאָזלען ביז צו דיין 50 יאָריקן יובל — איז דיין גבורה׳דיקער אויפגעשריי: איך פאַרגעטער די שיינקייט! און דו ביסט הונדערט מאָל גערעכט און מער, ווען דו קאָנסטאַטירסט אזוי הויך ווי מעגליך, אז „. . . מיט טאַט האָב איך גאָרנישט געטאָן . . .״, כאָטש דוקא דו האָסט פאַרמאָגט אַלע פּאָטענצן זיך ארויפצוכאַפּן אויף דעם קלאָמפּערשט מאָדערניסטישן וואָגן פון פּראָלעטאַרישקייט, וואָס וואָלט בא דיר במילא ארויסגעקומען א סך אוממיטלבאַרער, געראָטענער און עכטער, ווי בא אַלע פּאַטענטירטע פּראָלעטאַרישע פּסעוודאָ־דיכטערלינגען פון אונדזער ברוטאַלער צייט צוזאמענגענומען (זע: „איך בין אָרים״ און אנדערע ענלאַכע לידער). דיר איז אָבער קאָנטיק צוגעטיילט געוואָרן א מער פיינלאַכער, דערפאַר טאַקע אפשר אַ בעסערער און מער דאַנקבאַרער גורל — דער גורל פון זיין א וויזיאָנער וואָס חלומ׳ט ווי א ישעיה. דערפאַר האָסטו זיך אויסגעלערנט ווי אזוי דיינע ווערטער צו באַ׳דמ׳ען און „. . . דערנאָך מיט אייגן בלוט זיי נערן . . .״ און — מיט אייגענעם ציין־געקריץ, וואָלט איך צוגעגעבן — זיך אריינבייסן אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש.

שעפערישע מענטשן, אין אַלע צייטן און דורות — האָבן זיך אָפּט געפונען אונטער דעם איינפלוס פון אַנדערע דיכטער. און פונקט ווי אַנדערע, פאַר דיר — האָבן זיך נישט געשעמט מיט דעם איינפלוס פון אַנדערע דיכטער אויף זייער אַרבעט, באַדאַרפסטו זיך אויך נישט שעמען מיט דעם משה לייב׳ישן איינפלוס אויף דיינע לידער. משה לייב, דיר צו לענגערע יאָר — האָט אויף דיר געהאַט אַ שעפערישע השפעה. דער בעסערער אָפּקלייב פון דיין דיכטערישער אַרבעט, געהערט אָבער צו ד י ר אַליין; דורך דעם אייגנאַרט פון דיינע מיט

בלוט־געשריבענע לידער האָסטו, עסעלין, באַוויזן „קלאָר דיין פּנים פאַר דער וועלט"; דיין ליד און דיין נאָמען, איז געווען און פאַרבליבן ריין. און ווייל ס'איז „ניטאָ קיין מאָס און וואָג פאַר דיכטונג־קונסט" (זע: „בערנאַרד לואיס"), ווילן מיר איבערלאָזן צו די פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיקער און געוויינלאַכע נאַראָנים צו באַשטימען, צי דו ביסט יאָ אָדער נישט א גרויסער דיכטער. פאַר מיר פּערזענליך, און איך מיין אַז אויך פאַר דיר, מיין חבר — זאָל זיין צופרידנשטעלנד און גענוג צו קאָנסטאַטירן מיט דיינע אייגענע ווערטער, אַז

„. . . אין טרויער, אין פרייד — נאָר אין גלויבן,
און ווער עס האָט אויגן — זעט:
עס האָט זיך פון נידער דערהויבן
אַ קנעכט, אַ קנעכט אַ פּאָעט . . .".

און דאָס זיין „א קנעכט א פּאָעט" — א קנעכט פון דער ריינסטער דיכטונג — און האַלטן ריין דאָס ליד און דעם נאָמען, איז מיר דוכט די העכסטע דערגרייכונג פון א דיכטער.

דאָ מיין טייערער חבר, שטעל איך אַוועק א פּונקט. לאָמיר איצט בשותפות אויסשווייגן דאָס ליד פון אונדזער חבר'שאַפט, און אויס'חלומ'ן דאָס ליד פון אחרית הימים.

צו דיין 50 יאָריקן יובל — דאָס בעסטע פון דעם בעסטן, וואָס דו ווינטשסט זיך נאָר אליין: אריכת ימים און — דערלעבן צו זען די דערלייזונג פון אונדזער צום טויט פאַרפּייניקט פאָלק, און — א שפע פון שעפערישע לידער, וואָס זאָלן דיך אויף תמיד פאַרגלידערן צו דעם סאַמע אויבנאָן פון אונדזער שוין איצט פאַרצווייגטער יידישער דיכטונג.

## וועגן לייענען

„רעכן זיך מיט דער מיינונג פון
אויטאָריטעטן באַם עפענען א בוך,
האָב דיין אייגענע מיינונג ווען דו
פאַרמאַכסט עס. און האָב דעם מוט
צו פאַרמאַכן עס נאָך די ערשטע עט־
לאַכע בלעטלאַך !"

(ש. ניגער „געקליבענע שריפטן", באַנד א. 47.)

אָפטמאָל קומט מיר אויס צו אַנטלויפן פון ביכער, ווי פון מענטשן — בשעת די גאַס טומלט זיך מיט־און־אַרום זיי. איך האָב רעמאַרק'ס מלחמה־בוך למשל געלייענט, לאַנג נאָך דעם ווי דער טומל אַרום דעם איז אריבער און צו א סך אַנדערע, שטאַרק רעקלאַמירטע ביכער — האָב איך זיך ביז היינט צו טאָג נאָך ניט צוגערירט.

פאַרוואָס ?

ווייל דער אינטערעס צו לייענען א בוך קומט זעלטן ווען צו מיר אויף דעם אָנרעג פון דער גאַס, וואָס וואָרצלט מן הסתם אין דעם אָפּרוף פון דער קריטיק, צי גאָר רעקלאַמע, לויט דעם נוסח פון אַמעריקאַ — נאָר וואַקסט בא מיר אַליין ארויס, אויף דער פּאָן פון מיינע אייגענע נויטן; נויטן, וואָס גרעניצן זיך מיט א בענקשאַפט צו אומבאַקאַנטע וועלטן, אידייען און בילדער, מענטשן און חלומות, אויסגע׳חלומ׳טע פון דיכטער און איבערגעגעבן אין אַזאַ געלייטער־טער פאָרם, וואָס דערפירן מיך צו דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות.

אַלעמאָל ווען איך גיי צו צו א ביכער־אַלמער נעמען א בוך, ווייס איך אומגעפער אין פאָראויס, וואָס פאַר א בוך איך האָב אינזינען צו לייענען. איך ווער צו דעם ביכער־אַלמער צוגעצויגן פון א געפיל פון עמאָציאָנעלן הונגער, ווי עס ווערט למשל צוגעצויגן צו א רעסטאָראַן־טיש א מענטש, בא דעם אָנפאַל פון פיזישן הונגער. און וואָס עס טרעפט בא דעם רעסטאָראַן־טיש, פּאַסירט אויך אָפט בא דעם ביכער־אַלמער. א ביישפיל וועט קלאָר מאַכן מיין געדאַנק :

א מענטש קומט אריין אין א רעסטאָראַן, מיט דער כונה צו עסן א וועגעטאַרישן מאָלצייט (דער באַטרעפענדער מענטש מוז דווקא ניט זיין קיין פּרינציפּיעלער וועגעטאַריער, צו וועלן הנאה האָבן פון א וועגעטאַרישן מאָלצייט). מיטאַמאָל דערזעט ער, און עס פארשמעקט אים א היימישער פליישׂ־מאכל. פאַרגעסט ער אויף א מינוט אָן דעם וואָס ער האָט פריער אינזינען געהאַט צו באַשטעלן, און ער באַשטעלט דווקא דאָס לעצמע — דעם פליישׂ־מאכל. און אז עס טרעפט (עס זאָל נישט טרעפן וואָס עס קען יאָ פּאַסירן!) אָפּטמאָל, אז דער אַפּעטיט איז גאָר א גרויסער, באַשטעלט דער הונגעריקער מענטש אויך דעם ערשטן, אָריגינעל פאַרטראַכטן וועגעטאַרישן־מאכל, אָבער — ווי א טפל צו דעם עיקר, צו דעם פליישׂ־מאכל.

אַזוי קומט מיר אָפט אויך אויס צו פאַרבייטן די יוצרות, בא דעם ביכער אַלמער אין דער ביבליאָטעק. איך קום אריין מיט דער כונה צו נעמען א בוך פּאָעזיע. און אז איך שלאָג זיך צופעליג אָן אָן אומ־באַקאַנטן פּראָזע־בוך, וואָס רעגט מיין פאַנטאַזיע, צוליב דעם מחבר אָדער תוכן פון דעם בוך — נעם איך עס און לייען עס, אויף דעם אָנרעג פון מיין אייגענעם פאַרלאַנג — עמאָציאָנעלן הונגער — כאָטש געקומען בין איך מיט דער כונה צו נעמען א באַנד פּאָעזיע.

פאַרוואָס איז עס אַזוי ?

איך טו עס מן הסתם דערפאַר, ווייל דער מענטש ווערט קאָנטיק נישט נאָר רעגירט פון דעם מאָגן־אַפּעטיט, וואָס „באַוועגט דאָס ריזיקע מענטשנטום”, לויט ערענבורג׳ס קלוג אויסגע׳חלומ׳טן לאַזיק רויטש־וואַניעץ — נאָר, ער ווערט אויך קאָנטיק רעגירט פון א סך אַנדערע

כחות און אפעטיטן, אויף דער באַזע פון זיין קאָמפּליצירט עמאָציאָנעל לעבן.

און אַז איך טרעט שוין צו צו לייענען אַ בוך און איך פאַרמאַך עס נישט „נאָך די ערשטע (פאַרוואָס דווקא ערשטע? מ׳קען עס דאָך פאַרמאַכן אויך אינמיטן אָדער אפילו ווייטער?) עטלאַכע בלעטלעך", ווער איך אויף אַ מערקווירדיקן אופן צונויפגעוואַקסן מיט דער באַשאַפענער אַטמאָספערע און אינהאַלט פון דעם בוך און איך ווייס אַפּט אַליין ניט — בשעת דעם לייענען — ווי איך שפּריייז אַפּט אַוועק, אויף דעם אָנרעג פון דער באַשאַפענער אילוזיע פון דעם דיכטערס עבודה — ווייט און העכער, אריבער די ראַנדן פון דעם אינהאַלט און באַשאַפענער וועלט אָדער וועלטן פון דעם באַטרעפענדן ווערק.

שוין בא די ערשטע טריט מיינע אין דער וועלט פון גייסט, בא די ערשטע פסוקים פון דער ביבל, בא דעם ספר בראשית — געדענק איך, ווי מיין כח הדמיון האָט מיך אַוועקגעטראָגן ווייט און העכער איבער דער ערד, וואָס „איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען אויפ׳ן געזיכט פון תהום". ביז היינט געדענק איך נאָך, ווי איך בין דאַן מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם באַשאַפענעם תהו ובהו אין וועלכן איך אַליין בין אויפגעלייזט געוואָרן פאַר מיין אייגענעם באַוואוסטזיין און געוואָרן אַ טייל פון דעם גייסט פון גאָט, וואָס „האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן". און אַז גאָט האָט געזאָגט: „זאָל ווערן ליכט. און עס איז געוואָרן ליכט", לויט דער דיכטונג פון דעם ספר בראשית — האָב איך זיך אַליין אין דער באַשאַפענער ליכטיגקייט געפונען... און אַז דעם רבינס קאַנטשיק האָט מיך אַרויסגעפּאַטשט פון דער באַשאַפענער וויזיע, האָב איך זיכער ניט געוויינט צוליב די ניט־געגרעכטע פּעטש פון מיין רבי׳ן, איך האָב אָבער זיכער יאָ געוויינט, צוליב דער צושטערטער אילוזיע פון דער מעשה בראשית...

אַן ענלאַכע דערפאַרונג האָב איך אויך אָפּט באַם לייענען גוטע נאָוועלן, ראָמאַנען, דראַמען, סקיצען, דערציילונגען און לידער, וואָס ווערן געשריבן און דאַרפן געשריבן ווערן — לויט בעל מחשבות׳ן — „מיט בלוט און מיט נערוון", וואָס האָבן אַ טענדענץ פון איין זייט צו פאַרכאַפן דעם לייענער; אים אַריינצוקנעטן אין דער באַשאַפענער וועלט פון דעם דיכטער און ווערן אַ טייל פון איר. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי אויך אַ טענדענץ, און דאָס איז אַזוי וויכטיק אויב נישט נאָך וויכטיקער ווי דאָס ערשטע — אַריינצוברענגען קלאָרקייט אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם לייענער. די פּראָבלעמאַטיק פון שעקספּיר׳ס „האַמלעט" למשל, רעגט דעם לייענער אינטעלעקטועל. די ראָמאַנטיק ווידער פון צערוואַנטעס׳עס „דאָן קיכאָט" פאַרשיכור׳ט אים טיילווייז (איך זאָג טיילווייז, ווייל אָפּגעזען פון דעם סאַטירישן פּרצוף פון דאָן קיכאָט, איז דאָס בוך דער עיקרשט דורכגע־

זעלט מיט א פּראָבלעם פון אַן אוניװערסאַלן כאַראַקטער: דאָס פּראָבלעם פון יושר, גלויבן און אָפּטימיזם.) און פאַרטונקלט פאַר דעם ליכט פון זײן באַװאוסטזײן, די אײגענע אומגעבונג זײנע, װאָס דאָס מײנט: האַרמאָנישער צענױפגוס פון דעם לעבעדיקן לײענער מיט דעם רוח החיים פון דעם טויטן צערװאַנטעס. די עטיש־עסטעטי־שע אויפגאַבע פון יעדן „מיט בלוט און מיט נערװן" באַשאַפענעם קונסט־װערק!

באַם לײענען אַ בוך װער איך באַהערשט פון דער באַשאַפענער אילוזיע פון דעם דיכטער, דער דיכטער אַלײן טרעט אָבער אָפּ אין הינ־טערגרונט. אָפּט קוקט ער צו מיר אַרויף פון צװישן די שורות; עפּעס שושקעט ער מיר אַרײַן אין די אויערן. איך װאָלט געזאָגט: דאָס ניט־דערזאָגטע, װאָס דער לײענער דאַרף אַלײן קענען אַרײַן־און־אַרויסלײע־נען אין זײן װערק, שושקעט ער מיר דירעקט אין די אויערן אַרײַן, בשעת איך — שעפּערישער לײענער — לײען עס. און דאַן ערשט דערפיל איך אים און זע אים מיט אַלע מײנע חושים — דעם באַשאַ־פער — מאָמענטנװײַז, אין זײן גאַנצער קלאָרקײט. עס טרעפט אָבער אויך, אַז איך זע ניט דעם מײנסטער פון דעם װערק בשעת איך לײען עס; דער סיפּור המעשה שװינדלט אפילו אװעק פון מײן באַװאוסט־זײן, אין לויף פון דעם לײענען — און מיטאַמאָל, באַם סוף — כאַפּ איך זיך אויף װי פון חלום און איך אַז, זע און פיל דעם דיכטער אַרום זיך, אין זײן פולער גרויס.

פאַרװאָס איז עס אַזוי?

װײַל די טענדענץ פון אַ קונסטװערק איז, צו באַהערשן אַלע חושים פון דעם לײענער. דער לײענער װאָס האָט די פּאָטענץ זיך אײַנצו־לעבן אין אַ קונסט־װערק מיט אַלע חושים, דערזעט ערשט — בפועל ממש — דעם דיכטער, נאָך דעם װי ער האָט זיך אײַנגעלעבט אין דעם דיכטערס אַרבעט און ער האָט זיך־אַלײן אויפסניי געפונען. דאַן ערשט, נאָך דעם לײענען — װערט ער אגב אויך באַזעלט פון אַ קרי־טישן אויפשטראַל אין שײכות מיט דעם געלײענטן.

דער סטיל און סביבה פון אַ געשאַפענעם װערק, איז אָפטמאָל װיכטיקער פון דעם װערק גופא. די קנײטשן און פאַלדן, דער טפל — איז װיכטיקער פון דעם ספּור המעשה — דעם עיקר.

ביכער, װי מענטשן, מיט דער אויסנאַם פון געניאַלע װערק, װאָס זײנען בכלל אַ זעלטנהײט — װערן מיט דער צײַט, לפנים — פאַרגעסן. טויטע ביכער האָבן אָבער דעם װאונדערלאַכן גורל, אויפ־צוױטויכן אין דעם דמיון פון דעם לעבעדיקן מענטשן, װי אַ דערמאָ־נונג אָן דעם װאָס האָט זײ פאַרטראַכט און אויסגע'חלומ'ט „מיט בלוט און מיט נערװן" און װאָס װאַרפן אַ רעגנבויגן־שטראַל אויף דעם פּאָרט־

שריט פון דער וועלט, וואָס ווייסט כמעט ניט פון קיין אָנהויב און האָט אויך ניט קיין סוף...

# דער ליטעראַטור־קריטיקער איז אויך א שריפטשטעלער

צו דעם 50־יאָריקן יובילייאום פון אונדזער ליטעראַטור קריטיקער און שריפטשטעלער ש. ניגער

דער ענין קריטיק איז אין זיין אויפמיש אין אונדזערע פּעריאָדישע אויסגאַבן, נישט דערפירט געוואָרן צו דער נויטיקער חשיבות. דער סוביעקטיווער צוגאַנג צו דער קריטיק, האָט דעם ענין פאַרשמאָלקעפּיקט און פאַרפלאַכט, און אין דעם לעצטן ס"ה איז פון אים בלויז פאַרבליבן דער נאָך מעם פון א שטורם אין א גלאָז וואַסער.

וועגן די אויפגאַבן און דער נויטיגקייט פון ליטעראַטור קריטיק בכלל, איז בא אונדז לעצטנס זייער א סך געשריבן געוואָרן פון דיכטער־עסייאיסטן, געקריוודעטע שריפטשטעלער, מיט־און־אָן טאַלאַנט — פּסעוודאָ־דיכטער און, דער עיקרשט, פון קליינשטעלטדיקע פּעדאַנטן, ליליפּוטן, וואָס דאָס לעבן אליין האָט זיי געקריוודעט און ארייננעבראַכט אין דער נישט היימלאַכער ראָל פון א פאַרמעסטן זיך קעגן דער ליטעראַטור־קריטיק, א שעפערישער עלעמענט אין דער ליטעראַטור — אויף אן אומבאַהאָלפענעם אופן.

די ליטעראַטור־קריטיק איז די לעצטע יאָרן בא אונדז געוואָרן דער אָפיציעלער אדרעס פון דער אומבאַהאָלפנקייט אליין, אין אלע אירע פאָרמען — פאַר זידלערייען, בטלנ'ישן פּילפּול און פאַלשן אָנשטעל, וואָס פּ אָ ד ע ר ט קלאַמפּערשט, אין קיינעמס נאָמען — א „רעוויזיע" פון די פונדאַמענטאַלע אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס ווערט שוין אגב כמעט ווי אינגאַנצן מבטל און פאַרלייקנט, מצד די אומצעליקע פאַלשע וואָרט־משיחים פון אונדזער דור הפלגה.

אונדזער ליטעראַטור־קריטיק אליין, וואָס האָט לײַדער ניט ארויסגעפירט צו איר פאָדערגרונט, צוליב אירע קאָמפּליצירטע און פּראָבלעמאַטישע אויפגאַבן — קיין צופיל פּערזענלאַכקייטן, האָט שוין אפילו אליין ארויסגעבראַכט א גולם־עלעמענט אין אירע אייגענע גבול'ן, וואָס בונטעוועט זיך קעגן איר — דער ליטעראַטור־קריטיק גופא!

די ליטעראַטור־קריטיק, ווי די ליטעראַטור בכלל — פאַרמאָגט קאָנטיק אויך, אין א געוויסער מאָס — אירע פאַלשע משיחים, פּסעוודאָ־קריטיקער־שריפטשטעלער — וואָס פאַראַדירן אין דער ליטעראַטור, אונטער א פאַלשן אויסרייד, פאַקטיש — אויף א פרעמדן אדרעס.

דערפון אפשר נעמט זיך דער קוריאָז אין אונדזער פּעריאָדישער ליטעראַטור, וואָס דער קריטיקער־פּעדאַנט פאַלט אָפּט אָן און באַקעמפט דעם אמת׳ן קריטיקער, וואָס הגם ער איז נישט אומבאַרירבאַר, אים מעג מען אויך קריטיקירן — שטייט ער אָבער גלייכצייטיק פאַרט עקשנות׳דיק אין פעלד, מעשה שריפטשטעלער מיט אחריות — אַלע סעזאָנען פון יאָר, און פירט אַגב געוויסנהאַפט און אומקאָמפּראָמיסלעך דורך זיינע התחייבות׳ן אין דער ליטעראַטור, פון וועלכער ער איז אַ וויכטיקע רינג אין דער קייט.

דער גולם־עלעמענט וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער ליטעראַטור־קריטיק גופא, פאַלט אַזוי זיך צענויף מיט דעם זינלאָזן אָנשטעל פון די דערמאָנטע ליליפּוטן, וואָס זיינען אַזוי אויבנאויפיק און ענלעך איינע צו די אַנדערע, אַז מ׳דאַרף זיך ניט איבעריקס אָנשטרענגען זייערע כוונות צו באַנעמען, אויב מ׳דאַרף זיי איבערהויפּט באַנעמען, צו פּראָוואָצירן די קריטיק אין אָן ארויסרוף, איר צו שענקען, כאָטש אויף אַזאַ אופן — אביסעלע אויפמערקזאַמקייט . . .

אין דעם אָפענעם קאַמף קעגן דער ליטעראַטור־קריטיק, איז דער דיכטער־עסייאיסט און געקריוודעטער שריפטשטעלער, אַזוי גוט ווי דער פּסעוודאָ־דיכטער און קליינשטעטלדיקער פּעדאַנט — אינגאַנצן אריבערגעשפּרונגען דעם גדר פון אַנשטענדיגקייט, און רעדוצירט דעם ענין קריטיק צו דער פלאַכקייט פון פּערזענלאַכער קריוודע און פּערזענלאַכן אָנפאַל אויף דעם ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָבן זיך שוין צוליב דעם אליין במילא אויסגעטאָן פון יעדן געפיל פון זעלבסט־חשיבות און אחריות פאַר דעם וואָרט, און זיך אליין אוועקגעשטעלט אין דעם צענטער, ווי אַ מליץ יושר פאַר אַ ליידיגקייט אין דער ליטעראַטור.

דער דיכטער־עסייאיסט, וואָס איז אַגב מער דיכטער ווי עסייאיסט, אפילו אין די עסייען זיינע — האָט זיך דאָ, ניט ווילנדיק, אַרונטערגעגליטשט פון דעם דרך הישר און בלינד זיך אוועקגעשטעלט אין איין ריי און אויף איין מדרגה מיט דעם פּסעוודאָ־דיכטער און קליינשטעטלדיקן פּעדאַנט, ווען ער אליין באַקעמפט, אין גרונט גענומען, באַוואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק, מיט זיין פּאָזיטיווער ארבעט אין דער ליטעראַטור — די לידער און עסייען זיינע.

דער קריטיקער ווידער איז אָפטמאָל צוליב דעם אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער לאַגע פון אַ דעפענסיוון סאָלדאַט, וואָס האָט זיך מאָמענטאַל פאַרוואַנדלט אין דער פּאָזיציע פון אַן אַגרעסיוון קעמפער, פאַר זיין וואָרט און פאַר זיין אמת אין דער

ליטעראַטור. און לויט זיין געזעלשאַפטלאַכן פּנים — פאַרנעם פון זיין אַרבעט, וואָס באַזירט זיך אויף זיין ליטעראַטור־קענטעניש און עטיש־קינסטלערישער, עסטעטישער וועלטאַנשויאונג — האָט ער דעם אַנגריף קענען זיך פאַרוואַנדלט אין רויך, איבער וועלכן ער אַליין האָט זיך דערהויבן צו דער נאַטירליכער הויך פון זיין באַרוף: צו דעם באַשאַף פון ריינער ליטעראַטור־קריטיק.

קריטיק, ווי א געזעלשאַפטלאַכע פונקציע, ליטעראַטור־פאָרם — איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ליטעראַטור, פון וועלכער זי ווערט באַווירקט און ווירקט אויף איר געגנזייטיק אויך צוריק. דערפאַר איז דער ליטעראַטור־קריטיקער נישט קיין שומר פון א פרעמדן גאָרטן, נאָר א גלייכבאַרעכטיקטער בוים פון דעם גאָרטן גופא. דער ליטעראַטור־קריטיקער איז אויך ניט קיין שומר דערפאַר, ווייל עס האָט אים ערשטנס קיינער ניט אָוועקגעשטעלט ווי א געדונגענעם שומר, און צווייטנס דערפאַר, ווייל ער איז הויפּטזעכליך אַליין געקומען אין דער ליטעראַטור, ווי דער אַלגעמיינער שריפטשטעלער — אויף דעם חשבון פון זיין אייגענעם באַרוף, וואָס איז פריער פון אַלץ און אונטער אַלע אומ־שטענדן, אָפּהענגיק פון זיין אייגענעם ווילן. וואָלט ער אָבער געווען בלויז א „שומר", ווי אַנדערע „חכמים" ווילן האָבן — וואָלט ער גע־דאַרפט זיין אָבליגאַטאָריש, צו שרייבן וועגן יעדער שמות'עריי וואָס שווימט אַרויף אויף דער אַרענא און באַווייזט זיך אין די גבול'ן פון דער ליטעראַטור, מיט דער פּרעטענזיע אַליין צו זיין לי־טעראַטור. גליקלאַכערווייז, איז לעת עתה נאָך ניט אַזוי! דערפאַר איז דער ליטעראַטור־קריטיקער פאַרלויפיק בלויז אָבליגאַטאָריש צו זיין אייגענעם געוויסן, פרייען ווילן, געשמאַק און זשאַנער. דערפאַר שרייבט ער (שאַפט), ווען, וואו, ווי אַזוי, און דער עיקרשט — איבער וועמען ער אַליין געפינט פאַר נויטיק צו שרייבן. דערפאַר איז דאָ אויך ניט וויכטיק דער קליינשטעטלדיקער עליה־מנהג מיט וועלכן דער פּסעוודאָ־דיכטער און פּעדאַנט חנ'דלט זיך אַזוי. ס'איז אַבסאָלוט ניט וויכטיק, צי דער אַלגעמיינער שריפטשטעלער גייט, אין דער לי־טעראַטור — פריער, און דער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז אָן יעדן צווייפל אויך א שריפטשטעלער—לעבן, אָדער הינטער אים, צי פאַרקערט. וויכטיק איז דאָ בלויז די ראָל פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער: די ראָל פון א קרעאַטיוון און קאָנסטרוקטיוון מיטשאַפער און באַשאַפער פון אייגענע ליטעראַטור־ווערטן.

די פּריווילעגיע פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער פאַלט דאָ דעריבער צונויף, מיט דער פּריווילעגיע פון דעם אַלגעמיינעם שריפטשטעלער:

ביידע געהערן זיי צו איין שטאַם; ביידע זיינען זיי צווייגן פון איין בוים — פון דער ליטעראַטור.

און אַז סע קומט דער פסעוודאָ־דיכטער, אָדער דער „פּאָעט״ — מיט צונויפגעשטיקעוועטע טענות קעגן דער ליטעראַטור־קריטיק, צו־נויפגעשטיקעוועט, ווייל ניט אייגן און ניט ניי — וואָס פאָרמירן זיך קונציק אין א געוועב פון שפּינוועבס, מיט דער כונה צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער האָט גאָט אַליין אָנגעכאַפּט בא די פּיס, קומט דער ליטעראַטור־קריטיקער, ווי א מענטש מיט חשיבות און טאָלעראַנץ צו אַלץ אין שייכות מיט ליטעראַטור — לאָזט זיך אים „אַראָפּריידן פון האַרץ״, וויפיל זיין האַרץ גלוסט נאָר אַליין; הערט אים אויס געדול־דיק, כאָטש עס דענערווירט אים אָפט די עם הארצות און אומבאהאָלפנ־קייט פון דעם באַטרעפנדן פסעוודאָ־דיכטער — און שטעלט אים מיט איין שאָס אַוועק אין שאָטן, ווי פּאַרצייטן א חדר־יינגל אין קונע — מיט דער הילף פון עטלאַכע געציילטע פּאַראַגראַפן, אין פולן הסכם מיט דער מאָדערנער עוואַנגעליע פון שריפטשטעלעריי: צו גיבן א מאַקסימום געדאַנק דורך דער פאַרמיטלונג פון א מינימום ווערטער. און אויב דער פסעוודאָ־דיכטער לערנט, ווי געוויינליך — דערפון גאָרניט, איז דאָס זיכער ניט די שולד פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס בייט צוליב דעם ניט אויף קיין האָר אפילו, זיין גייסטיקע סטרוקטור און פיזיאָנאָמיע. דער פסעוודאָ־דיכטער ווידער, ווערט אָבער צוליב דעם ניט קיין דיכטער, נאָר האַלט אויף זיין פּנימלאָזע פיזיאָנאָמיע פון א „דיכטער״ אין געגנזנפיסלעך . . .

קריטיק נעמט קרעאַטיוו אַרום די ליטעראַטור פון אַלע מעגלאַכע ווינקלען, שויבערט־און־טאַשט איר פאַנאַנדער פון אויבן אַראָפּ און צוריק, מיט דער הילף פון לאָגיק, וואָס אַסאַציאירט זיך מיט דעם באַ־שאַפענעם לעבן פון דעם דיכטער, ווי דער פּועל יוצא פון דעם לעצ־טענס עמאָציעס. און כאָטש די ליטעראַטור איז דער וויכטיקסטער אָנלען־פּלאַץ פאַר דער קריטיק, אויף וועמענס רוקנביין עס פאָרמירט זיך איר אייגענער געבוי — פירט זי אָבער פאָרט אַן אייגן לעבן, ווי א זעלבסטשטענדיקער אָביעקט, אָן וועמען איר אַספּיראַנט, די ליטעראַטור — נויטיקט זיך, ווי א פאַרמיטלערין צווישן איר, דער ליטעראַטור און — דעם לייענער. די קריטיק דינט גלייכצייטיק אויך ווי א סטימול פאַר דעם געבוי און אויפוואוקס פון דער ליטעראַטור.

די ליטעראַטור ווירקט אויף דעם לייענער עמאָציאָנעל. די קרי־טיק, מיט איר לאָגיק און געוואונענער קלאָרקייט — ווירקט גלייכציי־טיק אויף ביידע, אויף דעם לייענער, אַזוי גוט ווי אויף דער ליטעראַטור גופא, וואָס באַניט זיך אונטער איר איינפלוס, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם טפל און בלייבט בא דער עשירות פון איר ע י ק ר.

ליטעראטור, ווי א בוים — איז צעצווייגט אויף אַלע מעגלאכע אופנים. א בוים, ווי אַן אָביעקט — איז שיין פאַר דעם מענטשלאכן אויג, אין זיין נאַקעטקייט אין הארבסט, ווי אין זיין באַבלעטערטקייט אום זומער, אין זון ווי אין שאָטן. דערזעלבער בוים אנדערשט זיך אָבער אין זיין אָפּשפּיגלונג אין אונדזער געמיט, ווען אַן אומגעריכטער ווינט שויבערט פאַנאַנדער זיינע צווייגן. דערזעלבער בוים, צו וועלכן מיר זיינען אפשר פריער, פון געוואוינהייט — שוין געווען גלייכגילטיק, הויבט פּלוצים צו אונדז אָן צו ריידן אויף גאָר אַן אַנדערער שפּראַך, באַ דעם אריינמיש און אויפשויבער פון דעם ווינט. מיר ווערן פּלוצים אָנגערעגט, עמאָציאָנעל צו באַנעמען דעמזעלבן בוים אנדערש, גאָר אַנדערש — ווי פריער.

דער ליטעראטור־קריטיקער אין דער ליטעראטור, האָט דיזעלבע שליחות ווי דער ווינט פאַר דעם בוים. מיט זיין אַנאַליטיק, סטיל און וויסן, שויבערט ער פאַנאַנדער א קונסטווערק, מיט דעמזעלבן רייץ און חן, ווי דער ווינט שויבערט פאַנאַנדער א בוים. און דאָס וואָס איז פאַר אונדז פריער געווען פארהוילן, ווערט פאַר אונדז מיט אמאָל קלאָר.

אין דעם ליגט זיין נצחון!

דער קריטיקער האָט די פּאָטענץ זיך איינצולעבן אין א קונסט־ווערק, ווי דער קינסטלער אין זיין עמאָציע. אויף א זיגזאַגישן אופן טראָגט ער צו זיין צושטייער צו א קונסטווערק, וואָס פאַרמירט זיך אין דעם סטיל פון זיין אייגענעם אויסטייטש. זיין אַרבעט ווערט אזוי ארום דערפירט צו דער זעלבסטשטענדיגקייט פון אַן אייגענער דערגריי־כונג, כאָטש ער איז דערצו אָנגערעגט געוואָרן פון דעם קינסטלערישן ווערק איבער וועלכן ער שרייבט.

אין דעם ליגט זיין דערגרייכונג.

אין דעם ליגט אויך זיין עקזיסטענץ־בארעכטיגונג, ווי א זעלבסט־שטענדיקער אָביעקט — ווי א ליטעראַטור־קריטיקער.

דער דיכטער־עסייאיסט ווידער, ווי געזאָגט — איז פריער פון אַלץ, און אַלעמאָל — דיכטער. ער איז אָבער אונטער קיינע אומ־שטענדן ניט קיין ק ר י ט י ק ע ר. ער איז דאָס נישט שוין צוליב דעם אליין, וואָס די דיכטונג אין זיין פּראָזע פאַרנעמט באַ אים דעם אויבנאָן. דער דיכטער־עסייאיסט, מיט א חוש פאַר הומאָר, וועט זיך דעריבער קיינמאָל אַליין ניט באַטראַכטן פאַר קיין קריטיקער שוין צוליב דעם אליין, ווייל עס וואָלט געווען א ווידערשפּרוך צו אים אַלס דיכטער, וואָס וואַרפט בטבע פאַר דעם פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער, אין א מאָמענט פון דערפילן זיך ניט־דערשאַצט, אַנטוישט און געקריוודעט — אַז ער, דער קריטיקער — איז אַן עקר . . .

די עסייען פון דעם דיכטער־עסייאיסט דאַרפן דעריבער אין

בעסטן פאַל באַטראַכט ווערן, ווי דער טיילווייזער קינסטלערישער אַני מאַמין פון דעם דיכטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט באַוואוסטזיניג־קייט אין זיין ליטעראַטור־אַרבעט, דורך דעם אָנווענד פון דער קורצער עסיי — כאָטש זיינע עסייען באַזירן זיך בטבע, ווי אַן אויסרייד פאַר עפנטלאַכער עקספּרעסיע — איבער די אַרבעטן פון אַנדערע דיכטער. אַזעלכע עסייען זיינען אגב, דער דאַנקבאַרסטער מאַטעריאַל און שליסל צו דעם שאַף־קאַמער פון דעם באַטרעפנדן דיכטער־עסייאיסט.

דער דיכטער־עסייאיסט קען אויך ניט באַטראַכט ווערן פאַר קיין קריטיקער צוליב דעם, וואָס ער אַליין לייגט געוויינלעך מער געוויכט, און אַרבעט אויך זיכער מערער — אויף זיינע דיכטערישע אַרבעטן, ווי אויף זיינע עסייען. און דער וואָס וויל זיך ספּעציאַליזירן אויף איין געביט, מוז, נויטווענדיקערווייז — מקריב זיין מיט אַ צווייטן. פון קיין אויסנאַמען רעדט זיך דאָ בכלל ניט.

דער ליטעראַטור־קריטיקער ווידער פילט אויס אַן אייגן אָרט אין דער ליטעראַטור אויך צוליב דעם, וואָס דער טראָפּ פון זיין אַרבעט, דאָס פּאַרטיפן זיך און קלאָר מאַכן ליטעראַטור צו דער בעסטער צופרידענשטעלונג פון זיין ליטעראַטור־וויסן — ווערט אויסשליסלעך געשטעלט אויף ז י י ן ק ר י ט י ק ־ אַרבעט, ווי באַם דיכטער, אויסשליסלאַך און בלויז — אויף ז י י ן ד י כ ט ו נ ג .

דער אָנפאַל אויף דער קריטיק איז בכלל ניט קיין גערעכטער. דער עיקרשט, מצד דעם שריפטשטעלער מיט פּרעטענזיעס אויף אַ ח ר י ו ת פאַר זיין וואָרט. דער ערנסטער שריפטשטעלער נוצט בטבע אויס זיין ענערגיע באַם פּיילן זיינע ווערק ביז צו פּערפעקציע, — באַ זיין שרייבטיש. דאָ הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אפשר אויך אויס, זיין אַרבעט. דער ערנסטער שריפטשטעלער איז בטבע אויך — וויטזיכטיק. מיט זיינע בליקן טיפט ער זיך אַריין־און־אַריבער די גרעניצן פון דער צייט אין וועלכער ער לעבט. ער, מער פון אַן אַנדערן — ווייסט, אַז דער לוין פאַר זיין אַרבעט ליגט קודם כל אין דעם באַשייד, פּאַרטיפונג און שלמות פון דער אַרבעט גופא. די אָנערקענונג קומט בטבע זעלטן און ניט אָפט אין דער ריכטיקער צייט (דאָס איז אגב נישט קיין אַקסיאָמע). אָפט נאָך דעם טויט. אָפטער נאָך — ניט באַ זיך אין שטאָט און אפשר אויך ניט אין דעם אייגענעם לאַנד. אַזוי ווי אָבער קינסטלערישע אַרבעטן זיינען אָבער פריער פון אַלץ אַן אויסדרוק פון זעלבסטדערקענטעניש, איז שווין במילא דער גורל זיינער זיך צופרידנצושטעלן מיט זיינע אייגענע דערגרייכונגען, אויף וויפל זיי באַפרידיקן זיין אייגענעם קריטעריום. און טרייסטן מעג ער זיך אויך דערמיט, וואָס דער ליטעראַטור־קריטיקער איז אויך, און אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — אונטערוואָרפן דעמזעלבן גורל, דעם גורל פון אַן אַקטיוון

אנטיילנעמער און ציגעל־טרעגער אין דער ליטעראַטור—דעם גורל פון א שריפטשטעלער.

# וואָרט

פון דעם גאַנצן אָפּקליב פון אַלע קולטור־ווערטן וואָס דער מענטש האָט זיך דערוואָרבן אין דעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און אין זיין לײדנשאַפטלאַכן באַגער צו באַנעמען די וועלט, איז דאָס וואָרט געווען און פאַרבליבן, דער וויכטיקסטער אינסטרומענט זיינער, אריינצוברענגען קלאָרקייט, זין און פאַרשטענדעניש אין זיין אייגענעם באַוואוסטזיין, פאַר זיין לעבן אויף דער ערד.

מיט דעם כח פון וואָרט האָט זיך דער מענטש דערשלאָגן צו אַלע זיינע דערגרייכונגען, ביז איצט. מיט דעם כח פון דעם וואָרט האָט ער זיך באַשאַפן די אילוזיע פון געטער, און מיט דעמזעלבן כח פון דעמזעלבן וואָרט — זיי אויך אוועקגעשטעלט אין שאָטן...

וואָרט, ווי מוזיק — דערהויבט דעם מענטשן. וואָרט, ווי מענטש — איז בויגזאַם און ווירקזאַם. און פונקט ווי אַ טראָפּן פון ים נעמט אינזיך אריין אַלע עלעמענטן פון וואַסער, אַזוי ליגט אויך אין דער פּאַטענץ פון דעם וואָרט אינזיך אריינצונעמען, אָפּשפּיגלען און פון זיך ארויסצושטראַלן, דעם גאַנצן רייץ פון דעם קאָסמאָס. און דאָס וואָס קען אָפטמאָל ניט דערגרייכט ווערן מיט דער האַנט, ווערט דורך דעם כח פון וואָרט אויף אַ וואונדערלאַכן אופן יאָ דערגרייכט, ווייל וואָרט איז קרעאַטיוו; וואָרט לאָזט זיך באַווירקן און ווירקט אויף דעם מענטשן קעגנזייטיק צוריק, און איז אין דעם לעצטן ס״ה אינזיך כולל די גאַנצע קרעאַטור.

דאָס וואָרט אין דער האַנט פון דעם דיכטער איז ווי ליים אין דער האַנט פון דעם טעפּער; וואָס ער וויל — טוט ער דערמיט. וואָרט אין דער האַנט פון דעם דיכטער אָטעמט און לעבט מיט דעם אימפּעט פון קוועלנדיק וואַסער, וואָס ברעכט דורך אַלע צוימען און קומט אָן דאָרט, וואו עס וויל און באַדאַרף אָנקומען.

וואָרט וואָרצלט און ציט זיין יניקה פון די סאַמע טיפסטע און לויטערסטע קוואַלן פון דעם פאָלקס־לעבן. דורך דער האַנט פון דעם דיכטער ווערט דאָס וואָרט אריינגעבראַכט אין דער סביבה פון אַנדערע ווערטער, ווי אַ קינד צווישן קינדער. דער דיכטער באַקלייד עס מיט זין און מיט אינהאַלט, און דורך זיין באַמיאונג קריגט דאָס ערשט דעם אמת׳ן תיקון. דערפאַר איז וואָרט קיינמאָל ניט גראָב, פונקט ווי וואָרט איז אָן־און־פאַר זיך אויך קיינמאָל ניט איידל געניט. עס געווענדט זיך בלויז אָן דעם, ווי אַזוי, וואו־און־ווער עס שטעלט דאָס וואָרט אַוועק. און פונקט ווי דער מענטש שפּיגלט אינזיך אומ־מיטלבאַר אָפּ די סביבה זיינע אין וועלכער ער וואָרצלט, אַזוי ווערט

אויך דער גורל און דער זין פון דעם וואָרט באַשטימט דורך דער סביבה פון אַנדערע ווערטער.

דאָס וואָרט איז שוין מער ניט אונטערוואָרפן בלויז די קאַפּריזן פון דעם דיכטער, וואָס באַזירן זיך אויף זיין עמאָציאָנעל לעבן. וואָרט איז דער עיקרשט אונטערוואָרפן דעם ווילן זיינעם, וואָס איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אָן די אומשטענדן זיינע — די צייט אין וועלכער ער לעבט. וואָרט דאַרף זיך איצט דעריבער מער ניט קליידן און פּוצן אין די פּער־דערן פון דעם אידילישן לעבן פון אַמאָל, וואָס האָט שוין לאַנג צוריק געקראָגן אַ תיקון אין דער ליטעראַטור.

וואָרט דאַרף און מוז איצט שטיין אויף דער געהעריקער הויך פון ליטעראַטור־חשיבות; פירן אַן אייגן לעבן, אויף דעם סמך פון שטיין מיט דעם פּנים צו דעם לעבן אויף דער ערד — און פּולסירן מיט וועלטלאַכן אינהאַלט וואָס זאָל אינזיך ניט נאָר כולל זיין די נויטן פון אונדזער צייט, נאָר אויך טיילווייז אונדז אַנרעגן צו אַ נייעם לעבן; דערפירן דעם חלום פון אחרית הימים צו די שוועלן פון אונדזערע טעג; זיי באַפליישן און באַבלוטן מיט די זעאונגען פון אונדזערע נביאים.

אונטער יעדן געשריבענעם וואָרט שטייט און באַדאַרף שטיין אַ שעפערישע פּערזענלאַכקייט, אומאָפּהענגיק דערפון צי דער באַטרעפנ־דער שריפטשטעלער לעבט אָדער ער איז שוין אַ שוכן עפר, באַקאַנט אָדער אַנאָנים — און דאָס וואָרט זיינס מוז לעבן, אַריינדרינגען אין דעם בלוט און אין דעם מאַרך פון דעם לייענער, עמאָציאָנעל אים אָנרעגן און דערפירן צו דער מדרגה פון ווערן דער מיטשאַפער פון דעם דיכטער, פאַרוואַנדלען די וויזיע זיינע אין אַ קאָנקרעט בילד.

אַ שריפטשטעלער לאָזט זיך אידענטיפיצירן בלויז דורך דער פּאָטענץ פון דעם וואָרט וואָס ווערט פון אים פאַראייגנט, אומאָפּהענ־גיק פון זיין געזעלשאַפטלאַכער אָנגעהעריגקייט. דאָס וואָרט איז זיין עמוד האש, וואָס פירט אים אויף אַלע וועגן און אומוועגן פון דעם לעבן. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם וואָרט מאַכט ער דורך אַלע זיינע עליות און אויך די ירידות זיינע, אין די אויגן פון דער וועלט.

וואָס גרעסער די פּערזענלאַכקייט פון דעם שריפטשטעלער איז — אַלץ וואָגיקער און אינהאַלטרייכער איז זיין וואָרט, אומאָפּהענגיק דערפון וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט אויף דעם לייענער. ווייל לייענער — דאָס איז שוין אַ זעלבסטשטענדיקער אָביעקט וואָס לאָזט זיך בלויז דאָן פון דעם וואָרט באַווירקן, ווען ער באַזיצט די נויטיקע פּאָטענץ און אויך די נויטיקע אינטעליגענץ, דאָס וואָרט אינזיך אריינ־צונעמען, מיט ליבע און חשיבות דאָס באַנעמען און דערפון נאַטירלי־כערווייז זיך לאָזן באַווירקן.

עס זענען פאַראַן בלינדע לייענער, פּונקט ווי עס זענען אויך פּאַ־

ראַן בלינדע שריפטשטעלער. דער בלינדער שריפטשטעלער האָט ניט קיין חוש און זין פאַר דעם קערנדיקן וואָרט אין דער ליטעראַטור. אַלץ וואָס ער שרייבט אָן, ווערט פון אים פאַרגעטערט און פאַרהייליקט. ער האָט ניט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דעם געזונטן אָפּקלייב פון דעם וואָרט; ער קען ניט אָפּטיילן דאָס גאָלד פון דעם פּסולת אין דער ליטעראַטור, און ער טראָגט אייך אַלעמאָל אונטער זיין אַרבעט, אַזוי ווי עס קומט באַ אים אַרויס: אומקולטיווירט, ניט באַמיסטיקט, און אומבאַשווייסט פון דעם כּח פון וואָכעדיקער לאַבאָראַטאָרישער אַר־בעט אַרום דעם יום טוב פון ליטעראַטור, וואָס איז שעפעריש אָן און פאַר זיך און וואָס איז אַבסאָלוט נויטיק אין דעם פּראָצעס פון שאַפן אַ ליד, נאָוועלע אָדער דראַמע, וואָס קאָן גאָר אַנדערש ניט דערפירט ווערן צו שלמות. די דאַנקבאַרקייט פאַר אַזאַ וואָכעדיקער לאַבאָראַ־טאָרישער אַרבעט אין דער ליטעראַטור דריקט זיך אויס אין דער אַק־טועלער דערגרייכונג פון דעם וואָרט, וואָס וואָרצלט אין דער טענדענץ, אַרויסצוברענגען אַ מאַקסימום געדאַנק דורך דער פאַרברידערונג פון אַ מינימום ווערטער. דער וואָס דערגרייכט אָט דעם ציל — דער איז אָן צווייפל אַ דיכטער, און דאָס וואָרט זיינס איז דויערהאַפט און אייביק.

עס איז היינט צו טאָג ניט גענוג צו האָבן אינטואיציע, וואָס דאָס איז אגב אָן־און־פאַר זיך נויטיק. מ'דאַרף ניט און מ'טאָר זיך ניט פאַר־לאָזן, בלויז און אויסשליסלעך אויף אינספּיראַציע. ס'איז אַבסאָלוט נויטיק צו בלוטיקן און שווער צו אַרבעטן אויף דעם וואָרט, אויב נאַטירלעך מ'וויל דערגרייכן דעם צוועק — אָן אָרט אין דער ליטע־ראַטור. די האַנט וואָס בויט אויף אַ בנין, דאַרף גלייכצייטיק — אויב נויטיק — אויך קענען דעם אייגענעם בנין רעמאָדעלירן, אפילו אינגאַנצן פאַרניכטן, און אויפבויען, אַ קרעפטיקערן און מער מאַסי־ווערן בנין, צו דער צופרידנשטעלונג פון דעם אייגענעם באַוואוסטזיין. מען מוז זיך אויך גלייכצייטיק לאָזן באַווירקן פון די נייקייטן פון דער צייט; אוממיטלבאַר זיי אָפּשפּיגלען אינזיך, מיט דעם כּח פון דעם וואָרט.

דער בלינדער לייענער ווידער, ווי דער בלינדער שריפטשטעלער — האָט בכלל ניט קיין חוש פאַר דאָס גוטע און שלעכטע, וואָס דאָס וואָרט ברענגט מיט זיך. ער, דער בלינדער לייענער — קען אויך ניט אָפּטיילן דאָס גאָלד פון דעם פּסולת אין דער ליטעראַטור; ער נעמט אַלץ אָן פאַר גוט־געלט. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דעם שריפטשטעלער דאַרף דעריבער זיין, צו דערהויבן דעם לייענער; קולטיווירן זיין געשמאַק; אים אַרויפפירן אויף די שליאַכן פון אַ געזונט ערדיש און יושר'דיק לעבן, וואָס דאָס איז אייגנטליך דער זין און ניט געשריבענע אויפגאַבע פון דעם וואָרט.

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין

# וועגן דיכטער וואָס שרייבן אויך ליטעראַטור־קריטיק

איך געדענק שוין נישט די צייט ווען איך האָב אזוי הנאה גע־האַט פון א קריטישן ארטיקל, דערצו א געלעגנהייט־אַרטיקל — איבער א דיכטער, ווי איך האָב הנאה געהאַט פון מנחם באָריישאַ'ס „פּאָע־זיע און גלויבן", אין שייכות מיט דעם בוך „נייע לידער" פון ב. לאַפּין, אין דער „פ. א. ש." פון דעם 15טן מערץ, 1940.

איך האַלט אז עס איז נישט קיין צופאַל וואָס א היבשע צאָל פון אונדזערע טאַלאַנטפולע דיכטער גיבן זיך אָפּ, פון צייט צו צייט, מיט קריטישע ארטיקלען און עסייען איבער ליטעראַטור בכלל און, די ארבעטן פון היימישע פּאָעטן־חברים בפרט.

ס'איז נישט קיין צופאַל דערפאַר, ווייל אונדזער פּראָפעסיאָנעלע קריטיק, אויב עס איז דערלויבט איר אזוי צו באַנאָמען — איז געווען און פאַרבליבן הינטערשטעליק לגבי אונדזער ליטעראַטור בכלל.

בשעת אונדזער ליטעראַטור האָט זיך געריסן און רייסט זיך, צו אלץ נייע און נייערע האָריזאָנטן, זיך געהאַלטן און האַלט זיך אין איין באַנייען און באַנייען — איז אונדזער ליטעראַטור־קריטיק גע־ווען און פאַרבליבן א צופעליקע און א דילעטאַנטישע, דערפאַר — א פלאַכע; אַלעמאָל א געלעגנהייטס־קריטיק, און דערפאַר — נישט קיין קערנדיקע און אויך נישט קיין שעפערישע.

אונדזער ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך קיינמאָל נישט דערהויבן צו קיין צו הויכע פאַרמעסטן, זיך אפילו נישט באמת אויף קיין פּרואוו מיטצוגיין מיט אונדזער דיכטונג אויף אירע שעפערישע וועגן און, אזוי ארום, כמעט ווי דירעקט גורם געווען דעם שעפערישן אַנטייל פון א היבשע צאָל דיכטער אונדזערע אין אירע אייגענע גבול'ן: זיך טיילווייז אָפּצוגיבן מיט דער דערגענצונג פון אירע אויפגאַבן, צו שרייבן ליטעראַטור־קריטיק — בשעת זיי וואָלטן זיך גאָר באַדאַרפט איינגאַנצן ווידמען דער ד י כ ט ו נ ג. אונדזער ליטעראַטור־קרי־טיק האָט אַלעמאָל עקספּלואַטירט אונדזער ליטעראַטור פאַר ריין פער־זענלאַכע אינטערעסן און קיינמאָל איר נישט באַדינט פּראָפּאָרציאָנעל געננוג אויף צוריק. דערפאַר איז זי געווען און פאַרבליבן כאַאָטיש, און זיך קיינמאָל נישט דערהויבן איבער דער פלאַכקייט פון א רעצענ־זיע, אונטער דעם פאַלשן אויסרייד פון ז י י ן א ק ר י ט י ק. און די רעצענזיע גופא, האָט אונטער דעם דערמאָנטן אויסרייד זיך מער צופרידנגעשטעלט מיט איבערגיבן דעם אינהאַלט פון א בוך, ווי מיט אַנאַליזירן, קריטיש באַלויכטן און פאַרטיפן אונדזערס א ווערק. דאָס האָט, לויט מיין איינדרוק — געפירט דערצו, באַוואוסטזי־ניק צי נישט — אז א טייל פון אונדזערע דיכטער האָבן זיך גענומען צו דער עסייאיסטיק און ליטעראַטור־קריטיק, אָן דעם הויכן אָנשטעל

פון פרעטענזיע אויף ליטעראטור־קריטיק — און אויסגעפילט א היבשן בלויז און טיילווייז דערגאַנצט יענעם עלעמענט פון אונדזער ליטעראַטור וואָס איז בא אונדז אזוי פאַרוואָרלאָזט, אפילו היבשליך פאַרשונדעוועט — די ליטעראטור־קריטיק.

ס'איז אָן יעדן צווייפל מן הסתם אמת, אז ניט אין יעדן פאַל האָט דער סינטעטישער אויפשוואונג פון דיכטער־און־קריטיקער פּערזענלאַכקייט דערגרייכט די פולשטענדיקע פּראָפּאָרציע פון שלמות, אויף ביידע געביטן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען למשל, אז בא אַן היבשער צאָל פון אונדזערע דיכטער־קריטיקער וועגט דווקא די קריטיק אריבער דעם דיכטער, און — נישט פאַרקערט, כאָטש די קריטיק אליין מעג, און ווערט בא זיי טאַקע טיילווייז אויך דערהויבן צו זעלבסטשטענדיקער דיכטונג איבער דיכטונג. דער טייל פון זייער ארבעט — דער קריטישער — וועגט בא זיי אָבער פאָרט אריבער, לויט מיין באַשיידענעם איינדרוק — זייער דיכטונג אין פערזן. א זעלטענער אויסנאַם איז בא אונדז דער באַקאַנטער און ביז גאָר טאַלאַנטפולער ליריקער י. י. סיגאַל, וועמנס קריטישע ארטיקלען איבער ליטעראַטור גלייכן זיך פּראָפּאָרציאָנעל אויס מיט דעם פאַרנעם פון זיין ליריק. אפילו דער דעפעקט פון זיין קריטיק, די גאָר לאַנגע זאַצן און איבערפלוס פון רייד — באַגעגנט זיך ערגיץ וואו מיט אַן ענלאַכן דעפעקט אין זיין קורץ־שורה'דיקער ליריק, וואָס לײדט אויך — אין לעצטן ס"ה — פון א מערקווירדיקער איבער פּראָדוקציע אין כמות.

די דיכטער אליעזר גרינבערג, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. טאַבאַטשניק און נ. ב. מינקאָוו, איבערהויפּט די לעצטע צוויי — און א סך אנדערע — האָבן אונדז געגעבן גאָר פיינע און ערלאַכע מוסטערן פון ליטעראַטור־קריטיק, מיט וועלכע אונדזער פּראָפּעסיאָנעלע קריטיק, אויף וויפל זי איז בא אונדז א יש — מעג און זאָל זיך רעכענען.

און מנחם באָריישאַ'ס דערמאָנטער ארטיקל קען דאָ דינען ווי דער בולט'סטער באַווייז און אילוסטראַציע, אז א היבשער טייל פון אונדזערע דיכטער זיינען אבסאָלוט קאַפּאַבל צו דערגענצן דאָס וואָס אונדזערע פּראָפּעסיאָנעלע קריטיקער האָבן בלויז אָנגעהויבן, אָבער ליידער, ביז איצט, כמעט ניט דערוויזן, צוליב א ריי סיבות, ווי דאָס צופּאַסן זיך צו אונדזער פרעסע — מיטצוגיין און מיטצוואַוואקסן מיט אונדזער פאַרצווייגטער און צעצווייגטער ליטעראַטור.

אָט זיינען ביישפּילן פון באָריישאַ'ס דערמאָנטן ארטיקל:

„. . . און וואָס מער דאָס בוך „נייע לידער" ווערט געלייענט, אליץ בולט'ער שניידט זיך אויס א געשטאַלט פון א מענטשן, בא וועמען דאָס פּאָעטישע וואָרט איז ניט נאָר א מיטל זיך צו געפינען אין דער וועלט, ווי עס איז בא א סך פּאָעטן, נאָר אויך א מיטל זיך צו באַפעסטיקן אין איר מיט קלאָרקייטן און אמונה, וואָס זאָל געבן א זין אלע

יאָכן און באַלויכטן אַלע קאָנפליקטן און טונקלקייטן."

„אַזוי לערנט ער זיך יעדן געפיל, יעדע איבערלעבונג, יעדע וויזיע אַרומטראָגן אין זיך פאַרפינצטערט — ביז זיי ווערן צייטיק, ביז דער שאָלעכץ פאַלט אַוועק, ביז דער יאָדער שיילט זיך אויס."

„. . . דער פרייער שוואונג פון עמאָציעס איז שטרענג און פרום איינגעצוימט געוואָרן, כדי עס זאָל בלייבן בלויז א מיטל איינצוזאַמען די דערקענונג און חכמה אין שטרענגן, געפאַסטן פסוק."

„. . . דער בולט'סטער אויפטו לאַפּינ'ס איז די פּאָעטישע פולקייט, וואָס דער משלי'דיקער פסוק קריגט דורך אים ווידער. אויב ריידן וועגן המשך איז ד אָ ס — פונדאַמענטאַלער, קערנדיקער המשך...

איז דאָ נישט אַזוי וויכטיק דער אויספיר, ווי דער אינטים עמאָציאָנעלער צוגאַנג פון א דיכטער־קריטיקער צו א דיכטער, וואָס באַלייכט זיינע „קאָנפליקטן און טונקלקייט", דעקט אויף דעם „שוואונג פון עמאָציעס" זיינע, שיילט אויס דעם יאָדער, די עיקר עלעמענטן פון זיין שאַפן — די דיכטערישע פּערזענלאַכקייט — פון זיינע ביי־עלעמענטן, און ווייזט אָן אויף א זאַכלעכן און קלאָרן אופן אויף דעם זינלעכן, פונדאַמענטאַלן און קערנדיקן אויפשטייג און המשך זיינעם אין אונדזער ליטעראַטור (צוליב דעם איז שוין אַגב איבעריק מנחמ'ס התנצלות פאַר באַנוצן זיך מיט אַרויסגעכאַפּטע פסוקים פון לאַפּינס „נייע לידער". צי ווייסט דען מנחם באַריישא נישט, אַז אונדזערע קריטיקער פוילן זיך אָפט נישט איבערצוגיבן דעם גאַנצן אינהאַלט פון א בוך און, פאַרגעסן בינו לבינו דאָס בוך אַנאַליטיש, שעפּריש אויב איר ווילט — איינגאַנצן צו באַלויכטן ? . . .).

פאַרגלייכט מנחמ'ס מיניאַטור־אַרטיקל, אַגב: א געלעגנהייטס־אַרטיקל — צו א פרנסה־אַרטיקל (קריטיק — צי רעצענזיע?) פון אונדזערן א פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער אין דעם סדום־בעטל פון אונדזערער א צייטונג, זשורנאַל אפילו — פון א זונטיק אָדער מיטוואָך, וואו עס מוז בדרך כלל צוגעשטעלט ווערן אין צייט, וואָס דאָס מיינט ווידער: אַז די באַטרעפנדיקע קריטיק ווערט נישט געשריבן פּרייוויליק לויט דעם רעזאָנאַנס פון דעם דיכטערס אַרבעט אין דעם געמיטצושטאַנד פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער, און מערסטנטיילס אויך צו א באַשימטער מאָס — וועט איר אַליין זען ווי די פרייוויליקע אַרבעט פון אונדזערן א דיכטער, אויף דעם געביט פון ליטעראַטור קריטיק — וועגט אַריבער די רוטינע אַרבעט פון אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיקער, וועמענס אַרבעטן האָבן זיך רעדוצירט צו דער פלאַכקייט פון אַזא אַלטמאָדישער מאמר'יסטיק, וואָס קיין איינער פון אונדזערע דיכטער קען שוין לאַנג פון איר גאָרנישט ניט לערנען און איז איר במילא שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן.

דערפאַר האַלט איך, אַז יענע דיכטער אונדזערע, דערצו נאָך די

פּייאיקערע — וואָס גיבן זיך באַ אונדז אויך אָפּ מיט ליטעראַטור־קריטיק, דערגענצן דערמיט זייער אייגענע שעפערישקייט און ברענגען דער עיקרשט אויך דערמיט אריין אין אונדזער ליטעראַטור יענע עכטקייט און קלאָרקייט, וואָס אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן אין זיך פאַרטעמפּט און פאַרפלאָכטן, פאַרנאַכלייסיקט און פאַרוואָסערט, צוליב גאָר א סך אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות.

## וועגן די נייע לידער פון ה. לייוויק

מיין עסיי „ה. לייוויק", לכבוד דעם 50 יאָריקן געבורטסטאָג פון דעם דיכטער, האָב איך פאַרענדיקט מיט די ווערטער, אז אונדז איז „גוט פון אים צו טראַכטן אין דעם זין פון שפּירן 'דאָס פרישע ליכט פון אָנהויב גלויבן' און גלייכצייטיק אים אויך זען 'צוזאַמען מיט דער זון', ווי עס לויכט ווידער אויף זיין בטחון." דאָס געזאַנג פון בטחון האָט אַזוי צו זאָגן באַדאַרפט ווערן דאָס קומענדיקע געזאַנג פון ה. לייוויק. ווייל איך דאָ אָנהויבן מיין אַנאַליז פון יענע נייע לידער לייוויקס, וואָס קומען אריין אין דעם ערשטן באַנד פון זיינע „אַלע ווערק" פון זיין יובילייאויסגאַבע אין דעם יאָר 1940, וואו די „לידער פון זייט 531 ביז דער לעצטער זייט זיינען נאָך אין בוך־פאָרם ניט געווען געדרוקט", דאַרט וואו איך האָב פאַקטיש מיין אַרבעט איבער לייוויקן דאַן פאַרענדיקט — אין א פאַרזוך צו זען, צי דאָס געגאַרטע ליד פון בטחון האָט זיך באַ אים בכלל אָנגענומען, און וואָס פאַר א כאַראַקטער די נייע לידער זיינע טראָגן אין אַלגעמיין.

די נייע לידער לייוויקס באַשטייען פון פינף ציקלען: לידער צו דער באַרמהערציקער שוועסטער; דאָרטן וואו די צעדער; היטלער־נעכט מאָטיוון; דערמאָנונגען און, לידער וועגן דער געלער לאַטע.

לייוויקס ליטעראַטור־אַרבעטן, ווייל איך קודם כל דערמאָנען — וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון זיין דיכטערישער פערזענליכקייט און געוויסנהאַפטיגקייט, ווערן אַלע דאָמינירט פון א זעלטענעם געפיל פון אחריות פאַר ז י י ן וואָרט. און אויך דאָ, אין דעם סאַמע ערשטן ליד פון זיינע נייע פּאָעטישע שאַפונגען פלאַקערט שוין אויף אָט דער געפיל פון אחריות זיינער, אין זעלטן שטאַרקע אויסגעהאָמערטע פערזן:

„. . . ווער ניט מיד,
דאָס וואָרט מוז אייביק זיין געלייטערט און געקליבן."

און ווייטער —

„דיין וואָרט איז קלאָר, דיין מאָנונג איז גערעכט,
מיר מוזן אַלע אום יעדן פּרייז זיך האַלטן

אָן דינסטן קלאַנג, אָן מינדסטן אות־געפּלעכטס,
אָבי ניט אויפהערן דאָס לעבן צו געשטאַלטן."

און לייוויקס אייגן וואָרט איז דאָ מער ווי אַלעמאָל קלאָר, און קיינמאָל ווערט ער נישט מיד „דאָס לעבן צו געשטאַלטן." אָבער אָט דער מאָטיוו, ווי די אַנדערע מאָטיוון פון זיינע נייע לידער — מאָנונג און איינשטעל פאַר דער אחריות פון זיין אייגן וואָרט — איז בא לייוויקן דאָסמאָל דורכאויס ניט ניי, נאָר קומט דאָ אריין ווי דער רייפּסטער המשך און באַנייאונג פון זיינע פריערדיקע אַרבעטן, פאַר דער דערגרייכונג פון זיין פופציק יאָריקן עלטער. און וואָרצלען וואָרצלט מן הסתם דער מאָטיוו אין לייוויקס קרעדאָ, מיר דוכט אגב, די וויכטיקסטע טרייב־קראַפט פון זיין זינגען — אין זיין —

„איך פאַרגעס ניט דעם אַמאָל."

און

„זינג דעם אַלטן ניגון,
וואָס דו דינגסט אים שטענדיק . . ."

וואָס דאָס אונטערשטרייכט לייוויקס באַוואוסטזיניק פאַרוואָרצלט זיין אין אונדזער טראַדיציע, געשיכטע און ספּעציפיש יידישן לעבנס־שטייגער. אויף דעם זאָגט אגב אויך עדות זיין ליד „ווי א וואונדער אמאָל", אין וועלכן ער זינגט:

„מער ניטאָ יענע וויג, מער נישטאָ שוין דאָס אָרט —
מיין אויסגעשריי אָבער איז אויף אייביק פאַרבליבן
און זיך אויסגעבויט א נעסט — אינעם פאַנצער פון וואָרט —
און אין נעסט זיך פאַרשלאָסן אויף שלעסער אויף זיבן."

איז כאָטש דער אויסגעשריי זיינער וואָס איז, ווי ער אליין וויל האָבן — „אויף אייביק פאַרבליבן" און זיך דערהויבן צו א סימבאָל, וואָלט איך צוגעגיבן — וואָס גילגולט אַלעמאָל אויף דורך דער קינסטלערישער פאַרמיטלונג פון זיין וואָרט אין וואונדערבאַרע לידער וואָס העלפן אונדזער „לעבן צו געשטאַלטן", איז די „נעסט — אינעם פאַנצער פון (זיין) וואָרט" טאַקע פאַרבליבן, אין דעם אוצר פון זיינע לידער — אָבער פון דעם פאַנצער גופא, די אומקלאָרקייט פון זיין וואָרט — האָט זיך לייוויק שוין לאַנג באַפרייט, איבערהויפּט איצט, אין דעם פּאַטעטישן אויפזונג און אויפגעשריי פון זיינע נייע לידער, וואָס זיינען מייסטערהאַפט און קלאָר, ביז דעם לעצטן דעטאַל און ניואַנס פון עמאָציאָנעלער איבערלעבונג.

אַלע נייע לידער פון ה. לייוויק שטייען אונטער דעם בלוטיקן צייכן פון אונדזער פאַרבלוטיקטער צייט. און דאָס איז אַזוי נאַטירליך פאַר לייוויקן, דעם דיכטער פון אחריות — וואָס האָט מיט זיינע אַרבעטן דערפירט זיין אייגענע פּערזענליכקייט צו א זעלטן שטאַרקן כח אין אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור און יידיש לעבן.

לייוויקס איצטיקע לידער טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און פאַרקערפּערן אינזיך אויף דעם פּאַטעטישסטן אופן, אונדזער היינט־צייטיקן אומגליק. נאַציאָנאַל זיינען זיי אין פאָרם און אויך אין אינהאַלט. לייוויק איז אָבער פריער פון אַלץ אַ ליריקער, דערצו אַ סאָציאַלער. זיין ליריק איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער צייט, וואָס זוכט אַ דערלייזונג פאַר די ליידן פון דעם כלל און אויך פאַר די ליידן פון דעם פּרט. און דער פּאַטאָס זיינער דריקט זיך אויס אין דער טראַגישער באַציאונג זיינער צו דעם לעבן בכלל, צו ייד און מענטש און אפילו צו דעם וואָרט:

„דאָס אויסגעחלומ׳טע, דאָס אויפגעוועקטע וואָרט
וואָס פלאַטערט איבער דיכטער, איבער דענקער —
דאָסזעלבע וואָרט זיך חבר׳ט און זיך פּאָרט
מיט גוים, מיט טויט, מיט תליה־קנופּ פון הענקער."

גאַלט און קלאָגט, וויטיקט און שטורמט לייוויק אויף דעם גורל פון דעם וואָרט, וואָס איז ווי מענטש אין גלות בא די הענקער פון אונדזער צייט. לייוויק איז אָבער נישט פון די וואָס גיבן זיך אונטער דער פאַרצווייפלונג, און אין זעלבן ליד זינגט ער ווייטער:

„פונדעסטוועגן צענעם איך ביידע הענט
אזוי ווי כ׳וואָלט צעריסן שווערע קייטן, —
וואָס שוואַרצער אויף דער וועלט די שנאה ברענט —
אַלץ העלער זע איך איבער זיך דיין ליכט זיך שפּרייטן."

אין איין און דעמזעלבן ליד, דער נביאישער אויפהעל פון ליכט, פאַר דעם מענטש און פאַר זיין וואָרט!

און זיין געוויין „אויפן חורבן פון אַביסיניע" איז דורכאויס סאָציאַל און גלייכצייטיק נביאיש און יידיש נאַציאָנאַל. און טאַקע אין דער נאַציאָנאַלער פאָרם פון אָט דעם ליד, וואָרצלט דער סאָציאַלער פאַרנעם און איינשטעל פאַר „אדים אבאבא" וואָס דער דיכטער האָט „קיינמאָל ניט געזען." לייוויק זינגט:

„נאָר זינט עס האָט דער שונא, דער באַדרענגער מוסאָליני
אַרויפגעלייגט אויף דיר זיין טייטנדיקע האַנט —
זינט דעמאָלט הערט מיין שפּראַך ניט אויף צו זוכן
דאָס וואָרט, וואָס זאָל באַצייכענען דיין בראָך;
די וועלט איז רייך מיט שפּראַכן, רייך מיט שפּרוכן,
נאָר אַלע ווערטער הייגט צעשיט׳ן זיך ווי מאָך."

און עס גייט אוועק אַ קלאָג־ליד אויף דער פּאָן פון

„אַ חורבן אזוי אייגן אזוי בלוטיק נאָענט מיר —
אַמאָל, אַמאָל אין ירושלימדיקן לאַנד."

ביז דער פּאַטאָס זיינער וועבט זיך אַריין אין דעם איכה׳דיקן קלאָג־ליד פון ירמיהו, און לייוויקס געוויין „אויפן חורבן פון אַביסיניע"

באַקומט א נאַציאָנאַלן פּנים אויף א דורכאויס סאָציאַלן הינטער־גרונט.

די פּאַלעסטינער מאָטיוון לייוויקס — „דאָרטן וואו די צעדער" — זיינען בלויז טעמאַטיש ניי. די פאָרם זייערע איז אָבער א דורכאויס לייוויקשע, גלייכצייטיק אָבער אויך א נאַציאָנאַל יידישע, איינגע־פּאַסט אין א ראַם פון ביבליש אויפגעהיטער שיינקייט. „באַם כותל מערבי" פילט לייוויק, דאַרף מען „די אותיות ניט זיפן" ווייל — „ביסט אַלט צוויי טויזנט יאָר, און איך — ניט יינגער . . ." דערפאַר אַזאַ לויז־קייט און איבערפלוס פון סענטימענטן. און דער פערז זיינער — א פרייער און ניט געצוימטער . . .

לייוויקס ארץ ישראל ליד איז בכלל געשריבן אויף דער פּאַן פון נאַציאָנאַלע סענטימענטן. דאָ קומט צום אויסדרוק דער דואַליסטישער געפיל פון שטאָלץ און באַוואונדערונג, פרייד פון דערגרייכונג און די פּאַטעטיק פון היינטצייטיקער טרויעריקער ווירקליכקייט, וואָס שניידט זיך אריין ווי א וואונד אין דעם שווער פאַרהאַרעוועטן גן עדן אין מדבר, דעם אויפגעבליטן ישוב, — אויף אַן הינטערגרונט פון א היסטאָרישער, ריין נאַציאָנאַלער — ביבלישער שיינקייט. „אויפן באַרג פון שעיך־אַ־ברעק" זעט לייוויק:

„זונען פון דריי צענדליק יאָרן
ברענען אויף די בויערס הענט"

און עס באַשאַפט זיך בא אים א וואונדערליכע זעאונג און היסטאָרישע פאַרבינדונג פון

„בויערס בויער — זייד אַליין,
יעקבס לייטער, יעקבס שטיין
ניט אין חלום, נאָר אין וואָר —
אַ בראשיתדיקע פּאָר."

און צפורהס האַרעוואַניע קלינגט אים

„זיסער ווי ס׳געזאַנג פון דבורה . . ."

דאָס גאַנצע ליד וואָס איז געבויט אויף א ביבלישן הינטערגרונט, איז ווי אויסגעהאַמערט פון גראַניט און קען באמת דינען ווי א זעל־טענער מוסטער פון וואָרער דיכטונג אין א פּערפעקטער פאָרם, אפילו פאַר דיכטער וואָס פילן זיך היימיש אין דער אַרכיטעקטור פון א ליד. די פאָרם איז דאָ אויך אַן אַלט נאַציאָנאַלע — „נאָר עס שלאָפט ניט דער וואָס וואַכט." דער אינהאַלט אָבער פאַרכאַפּט מיט דעם פיבער־האַפטן פאַרנעם פון דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט אין ארץ ישראל. אַזוי אויך דער „פּאַסטוך שאול" — א היינט־צייטיק געזאַנג פון „די נייע זין פון עין־חרוד", וואָס רופט

„ארויף צום באַרג פון טויט־יסורים
קומט ברענגען אונדזער טאַנץ אין ראָד."

לייוויק, דער דיכטער פון סאציאלן פאטאס — שלאָגט דאָ אָן א גבורה׳דיקן טאָן פון נאציאָנאלן פאטאָס, בשעת ער זינגט אין זיין ליד „דאָרטן וואו די צעדער" וועגן
„בלוט אין אונדזער גאָרטן.
בלוט אויף אונדזער נאָמען."
עס פעלט דאָ אגב אויך נישט דאָס ביטערקייט פון דער איראָניע, בשעת עס רעדט זיך אין זעלבן ליד וועגן „טיטוס (וואָס) שפאנט פון לאָנדאָן," און אז
„אין דעם לאָרדס צילינדער
דריבלט זיך אַ דריבל —
ווען דער לאָרד דערביי נאָך
קושט זיך מיט דער ביבל."
אין גרונט גענומען איז עס אָבער אויך אַן המשך, אין אַ נייער געשטאַל־טונג — פון לייוויקס דערמאָנטער טראגישער באַציאונג צום לעבן בכלל.
לייוויקס „היטלער־נעכט מאָטיוון" זיינען אַ פּאָעטישער פּרואוו זיך צו אידענטיפיצירן מיט דעם צער פון אונדזערע טעג, וואָס האָט אונדז ארומגעכאפּט ווי אַ וואַלד־פייער:
„ס׳האָט פּאָו געלעבט אין דור פון נעווערמאָר,
און איך — אין דור פון שענדונג און טעראָר."
זיין פאַרצווייפלונג ווייסט דאָ ניט פון קיין גרעניץ, און שטעקט אָן דעם לייענער מיט דעם ווייטיק און צער פון אונדזערע טעג, דעם ווייטיק און צער פון דיכטער וואָס זינגט:
„כ׳פאַרשילט די שוואַרצע מינוט,
ווען דיין מאַמע האָט דיך געבוירן,
און כ׳שילט אויך מיין אייגן בלוט,
וואָס איז טמא דורך דיר געוואָרן."
אינטערעסאַנט איז אויך ווי אזוי לייוויק האָט דאָ אויסגענוצט דעם פאָלקס־מאָטיוו פון אונדזער קאַפּעליע פאַר איינעם פון זיינע פיינליכסטע „היטלער־נעכט מאָטיוון." די איראָניע, צער און ווייטיק פון ליד „די קאַפּעליע" שרייט אַזש ארויף צום „הויכן כסא הכבוד" און נידערט אַזש ארונטער דעם הקדוש ברוך הוא אליין, וואָס קומט דאָ אויך זוכן „אַ נאַכט־געלעגער" אין קיינעמס לאַנד, — לייוויקס אַן אַלט, אינטים, צערפול לאַנד.
„אוי איז דאָס אַ פּיין,
אוי איז דאָס אַ שלאָפן. —
שאַ און שטיל זאָל זיין
ביזן סוף פון אַלע סופן."
קיין העכערער גראַד פון פאַרצווייפלונג איז מיר דוכט נישט מעג־

ליד. און בײַ לייוויקן איז עס מער מעגליך ווי בײַ אַן אַנדערן יידישן דיכטער דערפאַר, ווייל זיין געזאַנג וועגן נביא ירמיהו אַז

„. . . איך בין דער מענטש אין פּיין געבוירן . . . ״

איז גלייכצייטיק אויך דאָס געזאַנג פון זיין אייגן לעבן . . .

דער אופן ווי אַזוי לייוויק רעאַגירט אויף אונדזער גרויסן פאָלקס־אומגליק דורך לידער, אויף דער סאַמע הייסער מינוט פון די פּיינ־ליכסטע דערפאַרונגען אין אונדזער געשיכטע, דערהויבט אים צו דער צענטראַלסטער דיכטערישער פּערזענליכקייט פון אונדזער צייט.

דער דאַנקבאַרסטער מאַטעריאַל צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער דיכטערישער פּערזענליכקייט ה. לייוויק, זיינען אין יעדן צווייפל די לידער וואָס ער רופט אָן „דערמאָנונגען.״ אָט די דערמאָנונגען זיינע וואַרפן אַ קלאָר ליכט אויף דעם מענטש לייוויק, וואָס פאַרכאַפּט אונדז אַלעמאָל מיט דער מאַגיק, טראַגיק, סימבאָליזם, ליריק און סאָציאַל־נאַציאָנאַלן פּאַטאָס פון זיין וואָרט, וואָס גרעניצט זיך ערגיץ וואו, אָן יעדן צווייפל, מיט דעם פּאַטאָס פון אונדזערע נביאים. דאָ, מיר דוכט — ליגט דער שליסל צו זיינע זעאונגען פון משיח, וואָס האָבן זייער געשטאַלטונג שוין געקראָגן אין אַ ריי פריערדיקע ווערק זיינע. נאָך מער — דער אורשפּרונג פון דער זעאונג האָט זיך דאָ בײַ לײ־וויקן אויפגעהיט אין דער חנ׳עוודיגקייט פון אַ יינגלישער זעאונג פון משיח׳ן:

„. . . זאָל מיין וואָרט צו דיר דערגיין,
קיינער ווייסט ניט וואו דיך געפינען —
שוּ נעם און קום אליין . . . ״

און איצט, אויף דער שוועל פון אַ נייעם אָנהויב — דער המשך פון אַ פּופציק יאָריקן פיינפולן אָבער שעפערישן לעבן — בײַם ליכט פון דער טראַגיק פון אונדזער אויפגעבלוטיקטער און פאַרבלוטיקטער צייט — זינגט לייוויק אין זעלבן ליד „אונדזער חלום״ אַזוי:

„אויך איצט חלום איך דעם חלום
צו באַפרייען משיח׳ן פון קייט,
איך זוך אים איבער אַלע וועגן,
און בין שטענדיק פאַר אים גרייט!״

און ווייטער:

„איך וואַרט אַפילו אַז דו זאַמסט זיך,
וועל וואַרטן ביזן סוף פון די טעג.״

און לייוויקן גלויבן מיר אַלע. נאָך מער — וואַרטנדיק „ביזן סוף פון די טעג״ וועט לייוויק פאַר אונדז ווייטער חלומען זיין חלום, „צו באַפרייען משיחן פון קייט״. און אַזוי אַ וואַרטנדיק, וועט ער אָן יעדן צווייפל אויפסניי באַפרוכפּערן אונדזער דיכטונג מיט נאָך רײ־פערע און קינסטלערישע ווערק. ווייל —

## אימפּרעסיעס פון א לייענער

„דער חלום פון יונגע יאָרן
איז שטאַרקער פון אַלטער וואָר.
די וואָר אַליין זאָל ווערן
דער חלום פון נייעם דור.״

און אין אונדזער פאַל איז לייוויק אַליין „דער חלום פון נייעם דור״ — די דיכטערישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט זיך צו אונדז פאַראייגנט דורך דעם אויפגלאַנץ פון זיינע קערנדיקע קינסטלערישע ווערק.

לייוויקס ליד ווערט נישט געפירט פון די בלינדע קאַפּריזן פון דער אינטואיציע אַליין. אַלע זיינע לידער, דראַמען און פּאָעמעס, וואַקסן ארויס און שטאַלצן־אויף פון דעם קלאָרן באַוואוסטזיין פון אונדזער דיכטער, וואָס ווייסט אַלעמאָל וואָס ער וויל.

„איך זוך דעם תמצית,
דעם קיילעכדיקן סכום,
דעם תוך פון עפּעס גאַנצעס
אין זיך און אין ארום.״

זינגט ער אין זיין ליד „אין פיבער פון אין־סוף״. און די קלאָרקייט פון זוכן „דעם תמצית, דעם קיילעכדיקן סכום״ דאָמינירט אַלע זיינע לידער פון 1914 ביז 1940, און ווייטער. און די פאָדערונג וואָס ער שטעלט זיך אַליין, שטעלט ער אויך אַלע אַנדערע דיכטער פון זיין דור —

„לאָמיר זינגען דאָס ליד פון וואָס גאַנצערע מאָסן,
לאָמיר זינגען דאָס ליד פון וואָס פולערן כוס, —
און איידער דער לעצטער סטראָף ווערט געשלאָסן,
לאָמיר זינגען דאָס ליד פון העלערן אות״

זינגט ער שוין בלשון רבים. די אחריות פון זינגען „פון פולערן כוס״ טראָגט אָבער לייוויק אַליין און היבשליך א נ ד ע ר ש, וואָלט איך געזאָגט — פון זיינע צייט־חברים.

לייוויק, דער מקונן פון אונדזער צייט און אונדזערע אומצאָליקע היטלער־קרבנות — געהערט צו יענע מוטיקע קעמפער, וועמענס אמת שטאָלצט ארויס פון זיינע דיכטערישע אַרבעטן ווי א שטורקאַץ אין דעם ארומיקן חשך פון דער נאַכט. אין זיין ליד „אונטער די רעדער״ וואָס איז א דירעקטע ווענדונג „צו דר. חיים זשיטלאָווסקי״, וואָס איז מן הסתם געשריבן געוואָרן אונטער דעם פּייניקלעכן איינדרוק פון דעם לעצטנס מאָדנע ארויסטרעטונגען די לעצטע צייט — פרעגט לייוויק מיט ווייטיק:

„אָ וואו איז דיין וואָרט איין אות כאָטש פון געוויין,
אָ וואו איז אין דיין אויג איין בליץ פון טרערן?״

און ער פאַרענדיקט מיט צער:

„אויף אַלע הייכן פון דער וועלט שפּאַנט אום דער סוף,

און שלעפט אין זיינע נעגל אונדזער שעפּסענע נשמה.״
וואָס דאָס באַווייזט, אַז דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ באַציאונג צו אַ מענטשן און אויך אַ באַוואוסטזיניקער איינשטעל פאַר מענטש־חשיבות, איז מוט אַנשטאָט קריג, און צער אַנשטאָט אָנפאַל — אַלעמאָל דער אָנ־שטענדיקערער וועג פון געוויסנהאַפטער איבערלעבונג, ווי די פאַר־שוועכונג פון מענטש און די פאַרשוועכונג פון וואָרט.

לייוויקס אינטימע איבערלעבונגען, ווי בכלל די איבערלעבונגען פון אַ טאַלאַנטפולן ליריקער — זיינען אונדז נאָענט און אייגן אפילו דאַן ווען ער איז דורכאויס פּערזענליך. דער עמאָציאָנעלער צוגאַנג זיינער צו זיינע זין גיט זיך אונדז איבער ווי דער עקסטראַקט פון אַ קאָסטבאַרן און שטאַרקן געטראַנק, וואָס דערהויבט אונדז. לייוויק זינגט:

„און מיינע זין, אין נייע פופציק יאָר אַרום, —
צי וועלן זיי נאָך מיר מיט זעלבער בענקשאַפט בענקען?
צי וועלן זיי אויך אויפשפּרינגען פאַרציטערט־פרום
ביינאַכט, און שורות מיינע כאַטש אַ פּאָר געדענקען?

אויב יאָ — פאַרנעם מיין תפילה, האַר פון צייט,
און זיי צו מיינע זין אַביסל באַרעמהערציק:
וויש אָפּ, מעק אָפּ, אַזוי ווי פון אַ טאָוול קרייד,
די נעכט מיינע די גרויליקע פון ניינצן פערציק.״

ס׳אַר אַ לירישער פּאַטאָס און טראַגישע שיינקייט עס וויינט צו דיר אַרויף פון אָט די פערזן!

און דער גרונט עלעמענט פון די מערסטע נייע לידער לייוויקס אין דעם יאָר 1940, זיינען „די נעכט מיינע די גרויליקע פון ניינצן פערציק", וואָס וועלן אַלעמאָל דינען ווי אַ דערמאָנונג אָן דעם דיכטער און מענטש ה. לייוויק, נישט נאָר באַ זיינע זין אַליין, נאָר באַ די מער־סטע זין און טעכטער פון דעם יידישן פאָלק.

דער צער, טרויער, פּיין, וויטיק, יאוש און צאָרן וואָס וויינט אַרויס פון די ביז איצט ציטירטע לידער פון די ערשטע פיר ציקלען, באַ־הערשט אויך די „לידער וועגן דער געלער לאַטע." אַלע זיינען זיי גע־שריבן מיט דעמזעלבן פּאַטאָס און רירן אָפּט ביז טרערן. און פאַר־ענדיקן פאַרענדיקט לייוויק זיינע נייע לידער מיט זיין „ליד פון פרידן" וואָס איז דאָ אויך נישט קיין צופאַל, נאָר — כמעט ווי אַ סימבאָל פון דעם גאַנצן מהות לייוויק:

„די פעלדער ליגן אָפן,
די וועגן — אין געדריי,—
איך זינג צו די אין־סופן
אין פוסטריט ווי איך גיי.״

און צוליב זיין געזאנג פון־און־צו די אין־סופן איז פאר לייוויקס אַס־טיוון לייענער שוין נישט גענוג נאָכצופאָלן די לעצטע לידער־זאַמלונג זיינע. דער אקטיווער לייענער זיינער מוז אים שוין נאָכגאַלאָפּירן אין דער טאָג־צייטונג, וואו לייוויק פאַרעפנטליכט אָפט זיינע גאָר לעצטע און נייע לידער. ווייל איך דאָ ברענגען א מוסטער פון איין ליד לייוויקס, וואָס איז געווען געדרוקט אין „טאָג” פון 18טן אָקטאָבער, 1940, וואָס זאָל דאָ דינען ווי אַ ביישפּיל פון לייוויקס ווייטערדיקן אויפוואוקס און נוסח אין סטיל פון זיין קרעדאָ — „איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אוועק ווייטער”.

**אָן כתר** פון **ה. לייוויק**

האָסט אַראָפּגעטאָן פון מיר די קרוין —
מסתמא בין איך זי ניט ווערט צו טראָגן,
איך זאָג די ווערטער וועגן זיך אליין, —
וואָס קען איך אַנדערש מער נאָך זאָגן ?
אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט די מאָס
פון דין, פון חסד און פון צדק,
איך זוך געגאָד באַם קלענסטן אות,
און יעדער אות איז היינט צו מיר גנעדיק.
ס'גיט יעדער אות אַ נאָדלדיקן שטאָך,
און יעדער שטאָך אין סאַמע האַרץ וויל טרעפן,
איך גיב מיט אלע אברים זיך אַ בראָך —
דער שער־הרחמים טוט זיך ניט קיין עפן.
אומזיסט געוואַרט, אומזיסט א בונד פארקניפּט,
אומזיסט געשטעלט אין קאָן אויף דעם גערעכטן ;
אויב איינער האָט אַ צווייטן ווען געליבט —
איז דאָס געווען אַלץ נעכטן, נעכטן.
דער האַסער האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן היינט —
דער חצוף און דער חם און דער מטורף, —
עס לויפט אים נאָך דער כלומרשט־פריינט,
דער חונף, דער המונישער מקורב.
און אויך אויף מיר זיין שאָטן פאַלט,
און כ'קען פון זיין ממשלה ניט אַנטרינען, —
ער באַרגט אויף מיר אַרויף זיין געץ־געשטאַלט
איך זאָל צו אים ווי צו א גאָטהייט דינען. —
ליגט צוגעבויגן צו דער ערד מיין קאָפּ —
נאָר דינען טו איך צו דעם געץ ניט דינען ;
ווי בלעטער פאַלן קרוינען פון מיר אַראָפּ —
פון גורל אָבער מיינעם טו איך ניט אַנטרינען.

וואָס פאר א שפע פון געדאנקען און בילדרייכער דינאמישער

אויפשפּיל פון מענטשליכער טראַגיק! און מיט וואָס פאַר אַן אוממיטל־באַרן כח דאָס ליד רודערט אויף דעם געמיט באַ דעם לייענער פון ה. לייוויקס לידער. און דער אמת פון דעם קלימאַקס פון דעם ליד, — „פון גורל אָבער מיינעם טו איך ניט אַנטרינען" — באַשטעטיקט זיך אין דער געוויסנהאַפטער אויסגעהאַלטנקייט פון לייוויקס אַלע ווערק אַן אויסנאַם, וואו דער גורל זיינער פון וועלכן אונדזער דיכטער טוט קיין־מאָל „ניט אַנטרינען", האָט זיך אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן אופן פאַר־וואָרצלט „אינם פאַנצער פון (זיין) וואָרט." פאַרלויפיק אָבער, ווי מיר האָבן געזען — איז דאָ לייוויקס ליד פון בטחון נאָך נישט מקוים גע־וואָרן. די דערמאָנטע לידער זיינע פון זיינע „אַלע ווערק" פון דעם יאָר 1940, האָבן זיכער אָנגענומען אַ נייעם לבוש, ווי די „היטלער־נעכט מאַטיוון" און די „לידער פון דער געלער לאַטע" — אין לעצטן ס"ה זיינען זיי אָבער בלויז דער קאָנסעקווענטער המשך פון זיינע פריער־דיקע מאָטיוון און זעאונגען. און ניט מקוים געוואָרן איז דערווייל לייוויקס ליד פון בטחון דערפאַר, ווייל לייוויקן איז באַשערט צו לעבן „אין דור פון שענדונג און טראַר." אויב עמיצער האָט אָבער ווען יאָ גע'חלומ'ט צו זען אַ מאָנומענט פון דעם „דור פון שענדונג און טראַר", זאָל ער אריינקוקן אין די דערמאָנטע לעצטע פינף ציקלען לידער פון לייוויקס „אַלע ווערק" פון דעם יאָר 1940, וועט ער אים דאָרט געפינען מיט אַלע זיינע גרוילן. און אַן אָנזאָג אויף דעם אויפלויכט פון לייוויקס ליד פון בטחון און גלויבן וועט ער דאָרט אויך געפינען, אין די פּאָטענ־ציעלע אויפבליצן און נביאישע אָנזאָגן זיינע, דוקא אין די לידער פון פאַרצווייפלונג.

## יוסף ראָלניק — נייע לידער

דער דיכטער געפינט זיך אַלעמאָל אין דער בחינה פון אַ קראַנק קינד וואָס קאַפּריזעוועט אַזוי לאַנג מיט זיין פעדער, ביז עס ווערט נוי־טיק פאַר אַ דאָקטאָר — קריטיקער — צו אים צו קומען, און ארויס־טראָגן זיין דיאַגנאָז. אויף דעם סמך פון זיין וויסן, עטיש־עסטעטי־שער וועלט אַנשויאונג — אונטערזוכט דער דאָקטאָר דעם כאַראַקטער פון דער קראַנקהייט — אינטערפּרעטירט זיין דיכטונג — און רופט איר אָן מיט אַ נאָמען. און לויט די פאַרשריפטן זיינע, דערגרייכטע רעזולטאַטן פון זיין אַנאַליז — פאָלגט ער נאָך די וויטערדיקע אַנטוויק־לונג פון זיין פּאַציענט — דעם דיכטער.

יוסף ראָלניק, ווי איינער פון אונדזערע עלטערע דיכטער — האָט באַ אונדז שוין לאַנג צוריק אָפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָזלט; זיינע דאָק־טוירים, די קריטיקער — האָבן שוין לאַנג צוריק ארויסגעטראָגן זייער דיאַגנאָז איבער זיינע דיכטערישע אַרבעטן און אים צוגעשריבן די

איינגנשאַפטן פון דעם דיכטער פון רעזיגנאַציע, איינזאַמקייט, אומעט און ליריקער.

אונדזער גוטער און קלוגער ראָלניק האָט דערביי אוודאי גוטמוטיק געשמייכלט און לויט דעם אויפשטייג און אמת פון זיין ליד, וואָס פאַלט זיכער צונויף מיט דעם גאַנג פון זיין וואָך — דערביי אוודאי געשוויגן.

די דערמאָנטע איינגנשאַפטן פון זיין ליד שטאַרצן אויך ארויס פון זיינע איצטיקע „נייע לידער״, וואָס זיינען לויט זייער אינהאַלט, סטיל און קאָנסטרוקציע, א דערגאַנצונג פון זיינע פריערדיקע לידער־זאַמלונגען — פיר אין צאָל — און דערפאַר נישט ניי פאַר דעם דיכטער אַליין, און זיכער אויך נישט ניי פאַר מיר — דעם לייענער.

יוסף ראָלניק וואָס האָט זיך דיכטעריש אַנטוויקלט אין אונדזערע גבול׳ן, אויף אונדזער אמעריקאנער ערד — שטייט נאָך אַלץ א פאַר־גאַפטער מיטן פּנים צו דעם שטעטל און מיט דעם רוקן צו דער היגער ווירקלאַכקייט. הויבט ער טאַקע אָן זיין ניי בוך „נייע לידער״, מיט א תפלה צו גאָט —

„העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון״. —

און אז ער דערמאָנט זיך שוין אין דעם „דאָרפישן לשון״, קיין אנדער לשון אַנערקענט ער קאָנטיק נישט, אָדער נעמט בכלל נישט אָן — רופט ער אוים א צופרידענער :

„מיין האַרץ ווערט ווידער ליכטיק און יונג,
ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות.״

„די דאָזיקע שורות״ זיינע זיינען אָבער ליידער דורכאוים נישט ניי, ווי ער אליין וויל האָבן — נאָר, ווי געזאָגט — א דערגאַנצונג פון זיינע פריערדיקע אַרבעטן.

מאָלט ער א לעבן פון מענטשן וואָס „טרינקען די רייד פון מיל־שטיינער צוויי און פון דעם וואַסער־ראָד״, וואָס איז אונדז שוין באַ־קאַנט פון זיינע פריערדיקע לידער.

און מאָלנדיק „נאָר א קליין שטעטעלע״ מיט דעם כאַראַקטערים־טישן ראָלניק־חן —

„די הייזלעך קליין און היימיש,
די גאַסן — קורץ געשטרעקט.
א ברעט נאָר אויפגעהויבן —
די שטאָט האָט זיך געעקט.״ —

פלאָנטערט זיך אים פונדעסטוועגן די פאַרהיימישטע בראָדוויי אין קאָפּ . . .

ער זינגט : —

ווילט זיך מיר צונויפגאַרטלען זשוכאָוויץ־בראָדוויי,
ווי אַ פּאַס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צוויי.״

איז דאָ די כונה דאַכט זיך א גוטע, אויב דו ווילסט — אָן אבסאָ־

לום נויטיקע ! — אָבער ראָלניק איז זיך־אַליין געטריי; ער טרעט נישט אָפּ פון זיין „קליין שטעטעלע" אויף א האָר, און ער איז צוליב דעם אפילו מקריב זיין גאַנצע אָנגעקליבענע גרויס־שטאָט דערפאַרונג, וואָס בליצט אויף בא דעם ווילן „צונויפצוגאַרטלען זשוכאָוויץ־בראָדוויי" אין אַן אבסאָלוטער איינהייט.

און אַז ער זעצט זיך אוועק „באַם (ניו יאָרקער מן הסתם.) פענצטער צום הויף", זעט ער לחלוטין נישט דעם גרויסשטאָטישן מאָנסטער, נאָר ער דערמאָנט זיך גאָר אָן „אַן אַנדער ערד" — ראָלניק'ס „קליין שטעטעלע" ערד ! — און ער מאָלט —

„מיין טאַטנס הויז, מיין טאַטנס מיל,
צוויי שטיינער רודערן פויל און שטיל —
זיי מאָלן ווייץ און קאָרן". —

איז עס פון איין זייט צום באוואונדערן און פון דער צווייטער זייט — צום באַדויערן.

צום באוואונדערן איז עס צוליב דעם, וואָס עס אונטערשטרייכט די עקשנות'דיקע אויסגעהאַלטנקייט פון אונדזער דיכטער, וואָס גייט אייביק אין איין שפּאַן: דאָס איז מיין טעריטאָריע; מיט איר האָב איך אָנגעהויבן און מיט איר וועל איך אויך פאַרענדיקן.

צום באַדויערן איז עס צוליב דעם, וואָס לויט דער פּאָטענץ פון זיין דיכטונג, כאָטש א ליריש־שטילע וואָס איז אפשר טאַקע נישט צוגעפּאַסט צו דעם אויפשטייג פון אורבאַניסטישע קאַפּריזן — און לויט די פאַרצערטע יאָרן זיינע אויף אונדזער אַמעריקאַנער ערד — האָט דאָס היגע לעבן יאָ געמענט, און אָן צווייפל אויך געקאָנט — קריגן א תיקון אין זיינע דיכטערישע אַרבעטן.

דער פּועל יוצא פון יוסף ראָלניק'ס אַרבעט איז דעריבער אַן ענלעכער צו דעם גורל פון זיין מוטער, וואָס האָט „מיט סידור אין די הענט"

„פון היגער וועלט געקאַרגט, געשפּאָרט פאַר יענער וועלט".

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, און אויב דו ווילסט — אפילו סימבאָליש — פאַר ראָלניק'ן, וואָס האָט — ווי עס זעט אויס — אויך געקאַרגט זיין טאַלאַנט, פאַר די נויטן פון אונדזער היגן לעבן, און ווי זיין מאַמע — אַלץ „געשפּאָרט פאַר יענער וועלט" — דער וועלט פון זיין „גאָר קליין שטעטעלע."

דערפאַר איז זיין וועלט פּאַקטיש א באַגרעניצטע; אָן פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט. זינגט ער טאַקע —

„אונדזער איז אַ שמאָלער, קרישלדיקער וועג.
מיר גייען און מיר מוזן גיין אים טראָט בא טראָט."

סיידן — סיידן מיר זאָלן זיי אויסטייטשן סימבאָליש און יוסף ראָלניק'ן צושרייבן א נייע אידענטיטעט פאַר זיין ליד.

ראַלניק לעבט אַזוי פיל יאָרן אין ניו יאָרק און ער רעדט נאָך אַלץ פון „סנאָפּעס ווייץ און שטוביקע פּי" וואָס ער זאָל האָבן „אַריינגענומען פּאַרפּרי" (אין דער וויזיע מן הסתם) און ער זינגט —

„איצטער קאָן איך רויִק בלייבן
און אויפן אויוון איינדערהויך
באַלד נאָכמיטאָג זיך פאַרקלייבן
מיט ליולקע און בלויען רויך".

איז עס אפשר שיין אָן און פאַר זיך, אין דער ליטעראַטור — עס גרעניצט זיך אָבער ליידער נישט מיט דעם פּאַקטישן לעבן פון אונדזער און אויך ראַלניק'ס אומגעבונג, דאָ אין אונדזער שטאָטישן געטומל.

יוסף ראַלניק'ס פּערז איז אַ רונדער און פאַרטיפטער, כאָטש — אַ מעלאַנכאָלישער. זיינע „נייע לידער" אָטעמען מיט דער רייפקייט פון הארבסט און אָנהויב ווינטער.

„אַ שפּעטער עפּל איז מיין ליד" ! —

און זיינע „וועגן ווערן אַלץ שמעלער". ער גייט שוין „איבער ליכטיקע גאַסן אַ פאַרלוירענער" און פילט, ווי ער איז „איבערוועלטיקט מיט מילדקייט." אַ מילדקייט וואָס גרעניצט זיך שוין מיט דעם לעבן פון „פאַרנאַכטן" און זיין „האַלדז אין פאַרנאַכטן צום חלף אַליין טוט זיך שטרעקן."

רירנד און שיין זינגט ער פון סוף־זומער ווען עס דאַרן רויזן „און אַלע עפּל פאַלן צו דער ערד אַראָפּ". און ער פאַרענדיקט : —

„און אַלע לידער, קליין צי גרויס —
זיי לאָזן זיך אויס
מיטן טויט, מיטן הייליקן טויט".

ראַלניק'ס רעזיגנאַציע איז זייער אַן הכנעה'דיקע — כמעט אַ ביירנערלאָזע. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ שטייט ער פאַר דער מיסטעריע פון דעם לעבן און מורמלט :

„איך גיי אַרום מיין גאָט,
פאַרקליינט און שטיל."

און אויב דאָס איז נישט גענוג, זינגט ער ווייטער —

„איך זאָג צו אים: איך בין ווייניק
און דו ביסט פיל".

איז עס מיר פערזענליך נישט אַזוי צום האַרצן; איך וואָלט עס געזאָגט — פאַרקערט . . .

און אויב דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג — אַזוי זעט עס אויס! — זינגט ער אין אַ צווייטן ליד : —

„טיפער פון שטויב נאָך בויג איך מיין קאָפּ,

אויב עס קאָן נאָך טיפער זיין".
וואָלט דאָ נישט געשאַדט אוועקצושטעלן אַ פּונקט און פרעגן:
פאַר וועמען?! פאַר וואָס?

יוסף ראָלניק האָט אַ געזונטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם אָפּקלייב פון זיין וואָרט: ער ווייסט דעם סוד פון אָפּערירן מיט דעם וואָרט בצמצות. און כאָטש זיין לעקסיק איז נישט קיין קאָלירפולע, ווייט נישט קיין בילדלאָכע — דערגרייכט ער אָבער זיין צוועק אויף אַ מערקווירדיקן אופן, דורך דער פּשוט׳סטער פאַרמיטלונג פון דעם פּשוט׳סטן וואָרט. ער אַליין איז אָבער קאָנטיק נישט פולשטענדיג צופרידן מיט זיין וואָרט. אים דוכט זיך:

„אין מיין האַרצן ליגט אַ מילדער וואָרט —
איך קאָן אים ניט זאָגן;
נאָר ביזן סוף פון טעג וועל איך
אין האַרצן אים טראָגן."

קלינגט עס ווי די אָפּגעהאַרציקסטע וידוי פון אַ דיכטער, אין שייכות מיט דער אינטימקייט פון זיין אייגן וואָרט. לאָגישער וואָלט אָבער פּאַרט געווען פאַר אַ דיכטער צו לאָזן דאָס וואָרט זיך־אַליין אויסצולעבן, דורך פאַרב, ריטם און בילד, און נישט צו ריידן וועגן דעם בכלל און דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פערזנקונסט בפרט.

יוסף ראָלניק גייט אַרום איבער דער וועלט ווי אַ פרעמדער: „כ׳בין אַ דורכגייער, אַ פרעמדער", און אַלץ וואָס איז אים „נאָענט זיי־נען לידער". ער גייט דעריבער אַרום אַ פאַראיינזאַמטער און אַ פאַר־טרויערטער, ווי איינער וואָס זוכט פאַר זיך פאַרצווייפלט אַן אָרט און ער קען עס נישט געפינען. און אַז ער געפינט עס שוין יאָ, בלייבט ער זיצן — כמעט אַ דערשראָקענער — אין דעם באַהאַלטנסטן ווינקל

„. . . צווישן טיש און וואַנט פאַרקלעמט,
ווי אַן אורח וואָס קומט עסן אַ מאָלצייט אין דער פרעמד."

באַ דער לבנה לערנט ער זיך —

„גיין דורך גאַסן שטילערהייט.
זאָל מען דיינע טריט ניט הערן,
ניט פאַרנעמען דיינע רייד."

איז אויב מיר זאָלן עס אָננעמען ווערטערליך, וואָלט מען ראָל־ניק׳ן געקאָנט פּשוט פרעגן: פאַרוואָס? און, דער עיקרשט — צוליב וואָס שרייבט ער? טיפט מען זיך אָבער אריין אין דעם זין פון אַזעל־כע שורות, קען מען זאָגן: ראָלניק האָט אין גרונט גענומען ליב דאָס לעבן, ער פאַרגעטערט עס אפילו! — געפינט ער צוליב דעם נישט פאַר נויטיק אַז מ׳זאָל עס פאַרשוועכן מיט רייד.

ראָלניק איז באַשיידן. און דאַרפן באַדאַרף ער „נאָך קנאַפּער פון כאַיאַס: אַ שטיקל ברויט, אַ וואַנט, און צו דער האַנט אַ גרינגן גראַם

— איך דאַרף נאָך קנאפּער פון כאיאַם".
ער וויל נישט האָבן —

„. . . קיין גרויסע פּאַלאַצן.
פיר זוניקע טריט
אויפן דאַך פון צוויי רוישיקע גאַסן, —
פאַר מיר און מיין ליד."

זעט אויס פאַר אים צו זיין גענוג. און זיין בעסטער ווינטש איז: א גאַנצע נאַכט צו שרייבן „ניט־געקליגטע לידער". און לויט מיין איינ־דרוק, זיינען אַלע זיינע ביז איצטיקע לידער „ניט־געקליגטע"; עכט און אוממיטלבאַר, דורכזיכטיק און נישט געקינסטלט, ק ל ו ג.

און זיין פאַרמעגן באַשטייט טאַקע נאָר פון —
„לידער — אַלץ וואָס איך פאַרמאָג."
און זיין תפלה איז —
„לייז מיך אויס פון שניטערס האַנט,
לייז מיך אויס מיט לידער."

זייער אַ כאַראַקטעריסטישע תפלה פון אַ מענטש אַ רעזיגנירטן און אַ טאַלאַנטפולן דיכטער!

ראָלניק'ן זיינען אויך אייגן און ליב אַזעלכע לידער וואָס צערט־לען. און וועגן אַזעלכע לידער זינגט ער אַזוי:

„דו ווילסט זיי ניט געטרויען
דער פען און דעם פּאַפּיר.
דאָך מוזטו פּאָרט פון האַרצן —
מיט ווייטיק און מיט ריס —
צום שאַרף פון פען זיי וואַרפן,
ווי צו אַ גזלנ'ס פיס."

אז ראָלניק בלייבט אָבער שטיין פאַר דעם אָפענעם פנים פון זיין פאַרמעג — זיין ליד, ווערט ער — ווי יעדער אמת'ער דיכטער — צאַרט ווי אַ קינד און ער תפלה'ט:

„זאָל דיין ליד זיין דיין ליכט.
און אַנטפּלעק זיך פאַר איר
הויל און בלויז, ווי דו טוסט
פאַר דעם שלאָס פון דיין טיר."

אים זיינען אָבער אויך נישט פרעמד די לידערייען פון אַנדערע, מיוחס'דיקע און פּאַטענטירטע פּאָעטן, וואָס פאַרטומלען די גאַס מיט דעם טומלדיקן אָנשטעל פון זייער אייגן ליד. שטעלט ראָלניק אין זיין פשוט'קייט זיך אַוועק אַנטקעגן דעם דיכטער־קאָקעט, און ער זינגט וועגן זיך־אַליין און אים אַזוי:

„דו שלעפּסט דיין ליד אַרום אויף ברייטע גאַסן,
איך טראָג אין זיך מיין אויסגעווייטיקט קינד ;
באַ דיר איז זי צעכראַסטעט, אויסגעלאַסן,
איך האָב פאַרקנעפּלט ביז אַרויף די זינד."

איז דאָס טראָגן אינזיך דאָס „אויסגעווייטיקט קינד" אוודאי א מדרגה. צו פאַרקנעפּלען „ביז אַרויף די זינד" איז אָבער אַן און פאַר זיך נישט קיין מעלה, און פּאַסט זיכער נישט אַזאַ אויפריכטיקן דיכטער ווי ראָלניק איז, כאָטש מ'דאַרף איר זיכער נישט אַרויסטראָגן אויף דער גאַס, ווי עס טוען דאָס די בראַוואַ־פּאַטשער און זעלבסט־צופרידענע פּסעוודאָ־און־מאָדע „דיכטער" פון אונדזער צייט. . .

ער זינגט ווייטער אין דעמזעלבן ליד :

„איך בין געבוירן אין אַ ליטוויש שטעטל
און דו — אויף דרום־ערד, אויף הייסן שליאַך.
מיר האָבן ליב זיך אָפּשטעלן באַ יעדן בוים און בלעטל;
מיר גייען שטיל, ווען מען גאַלאָפּירט באַ אייך."

און גאַלאָפּירן קען ראָלניק נישט און ער וויל עס אויך נישט.

ראָלניק'ס לידער אָטעמען מיט אַ זעלטענער אָפנהאַרציגקייט. דער ס"ה פון זיין ביז איצטיקן לעבן שטאַרצט אַרויס פון זיינע לידער, וואָס שימערירן מיט אַזאַ דורכזיכטיקן אומעט און קלינגען אָפט ווי אַ וידוי. ער זינגט :

„מיט אַלמערס, טישן און קאַמאָדן
געוואָרן איז מיין הויז באַלאָדן ;
נאָר איך — מיט יעדן יאָר בין מער
געבליבן אויסגעהוילט און לער."

ווער און וויפל פון אונדז יידישע פּאָעטן, קענען זיך באַרימען מיט אַזאַ אָפנהאַרציגקייט ? !

אַזוי גייט ער אַרום, אונדזער יוסף ראָלניק — אַן אומצופרידע־נער מיט זיך און טיילווייז קאָנטיק אויך מיט זיינע לידער. און זיין לעצטער פאַרלאַנג איז —

„. . . שרייבן ליכטיקע לידער,
ווי ליכטיקער טוי באַגינען אין פעלד.
ווי ווייסע און ליכטיקע הייליקע ברידער,
וואָס גייען דערלייזן די פינצטערע וועלט."

ווינטש איך עס אים מיטן פולן האַרצן און איך פאַרהאָף און דער־וואַרט, אַז זיין דיכטערישער ווילן וועט אים פירן און אים העלפן זיך דערקלעטערן צו יענעם באַרג־שפּיץ, פון וועלכן עס וועלן זיך צו אונדז דערטראָגן זיינע נייע לידער, וועגן „ווייסע און ליכטיקע הייליקע ברידער, וואָס גייען דערלייזן די פינצטערע וועלט."

# ב׳ לאַפּין — צייכנס

דאָס גאַנצע בוך „צייכנס״ פון ב. לאַפּין, אָטעמט מיט דער אינ־טימקייט פון אינדיווידועלן אמת און טרויער. זיינע לירישע שטימונ־גען געהערן דורכאויס צו אים אליין; אלע שטייען זיי אונטער דעם אינ־טימען שאָטן פון זיינע „צייכנס״, איבער וועלכע עס ווייטיקט זיך די דיכטערישע פּערזענלאַכקייט פון ב. לאַפּין, באַזונדערס — יענע אינ־טימע לידער זיינע, וואָס זיינען אויסגעווייטיקט אויף דער פּאָן פון אייגן בלוט און פליש. אָט איז א מוסטער:

„אויף מיין ביינערדיק פּנים — מיין טאַטנס רויטע פאַרב נאָך שפּילט,
די לעצטע רויט אין מערב — ווען די זון פאַרגייט.
ס׳איז די פאַרב מיין פּאַנצער, וואו כ׳האַלט פון אַלעמען זיך איינגעהילט,
און איך פאַרפּלאָנטער זיי מיט מיינע פרעמדע רייד.״

פאַרפּלאָנטערנדיק אָבער אַלעמען, ווי עס דוכט זיך אים אויס — מיט זיינע „פרעמדע רייד״, דעקט ער אָבער ביסלאַכוויז אָפּ — פאַר זיך אליין — זיין אייגן פּנים, און דורך דעם באַשייד פון זיינע „צייכנס״ וואַקסט ער פאַר אונדז אויס, אין זיין פולער גרויס און נאַ־קעטקייט — אין הסכם מיט זיינע שטימונגען, וואָס זיינען — לויט זיינע „פאָר ווערטער״ צו זיין בוך — פון אים „אליין דורכגעלעבטע, — נישט קיין יוגנט־אויסברוכן״.

ב. לאַפּינ׳ס אַלע לידער זיינען דורכגעזעלט מיט דער באַשיידנקייט פון א מענטשן, וואָס ראַנגלט זיך מיט דעם שאָטן פון דעם אייגענעם ניט־אויסגעלעבטן לעבן. לאַפּין טראָגט די משא און פּיין פון דעם לעבן „מיט זיינע פרייד און וואונדן״, „מיט א שמייכל, קאַלט און טראַ־גיש.״ און אונטער אָט דעם שמייכל זיינעם, צאַפּלט זיך זיין גורל, וואָס ער האָט ביז איצט

„געטראָגן ווי אַ פּאַנצער מיין באַשערטן דאָרן,
שטאָט בלומען, וואָס באַקראַנצן קינדער־יאָרן.״

און פון אונטער דעם „פּאַנצער״ פון זיין „באַשערטן דאָרן״ וויינט־אויף דער סוד פון זיין „אינטימען ווייטיק״ אין אַזעלכע געלייטערטע שורות: —

„ווער עס ליבט און האָט אַ האַרץ צום ליבן,
דער קאָן וויסן פון דעם גרויסן פּיין,
ווען מען איז פון זיך אַליין פאַרטריבן
און מיט יענעם קאָן מען נאָענט נישט זיין.״

און לויט דעם איינדרוק פון זיינע לידער, איז ער טאַקע אָפט, שוין צו אָפט — „פון זיך אַליין פאַרטריבן.״

זיין באַשיידנקייט, ווי דער אמת און דער טרויער זיינער — איז אויך אינדיווידועל און שטאַרצט אַרויס פון זיינע לידער ווי א שטור־

קאָץ אין דער נאַכט, וואָס לאָזט פאַלן אַ כאַראַקטעריסטיש ליכט אויף זיין גאַנצן וועלט־באַנעם.

ער זינגט: —

„איז מיר באַשערט צוטראָטן זיין
פון זינד און שטויב, —
איז דאָך אַזוי דער גורל מיין
אין וואָס איך גלויב.
איז מיר באַשערט זיך לייטערן
אין פיין און לייד, —
וועל איך פון זיך דערווייטערן
די פוסטע פרייד.
דער קרייז דער אומפאַרמיידטער מיין,
ער רעדט צו מיר;
ער היט אָפּ ווי אַ וויטער שיין
מיין יעדן ריר.”

און אויב דאָס איז נאָך ניט גענוג, האָט ער זיין באַשיידנקייט דער־פירט צו אַזאַ עקסטרעם: —

„שטויב אונטער די פיס געטראָטענער,
פאַרגיב מיר דעם דרוק פון די טריט.
דער מענטש פון דעם שטויב אַ באַשאַפענער,
אין זעלביקן שטויב ווערט צושיט.”

איז אויב לאַפּין האָט דאָ אפילו אינזינען געהאַט זיך צו אַנטשולדקן פאַר דעם שטויב פון „פיס געטראָטענער”, וואָס וואָרצלט אין דעם „מענטש פון דעם שטויב אַ באַשאַפענער”, בין איך אויך ניט גרייט צו טיילן זיין עניוות, פונקט ווי איך נעם ניט אָן זיין פילאָסאָפיע פון דער ווייטערן פון זיך „די פוסטע פרייד”, וואָס פאַלט זיכער ניט צונויף מיט מיין אייגענעם וועלט־באַנעם, ווייל פרייד וואָס איז בטבע עכט, קען במילא ניט זיין און איז ניט פוסט.

דער אינטימער ווייטיק לאַפּינ׳ס גיסט זיך אריבער די ראַמען פון זיין דיכטונג. און כאָטש עס מערקט זיך ניט אפילו קיין סימן פון פּראָ־טעסט קעגן דעם גורל זיינעם, וואָס ער אליין נעמט אָן ווי אַ נחום איש גם זו — שטעקט ער אָבער אָן דעם לייענער דערמיט, און ער רעגט אים דווקא יאָ אָן, צו אַ שטומען פּראָטעסט קעגן אַזאַ גורל וואָס—
„נישט דערוואָרימען מיר און אויפלויכטן קאָן איצט אַן איינציק שטראַל,
מיין פרייד ליגט לאַנג שוין קאַלט, ווי ווייסער שניי אַנטבלויזט.”

בלויז אין איין מאָמענט, אין דעם אינטימען און צער׳פולן ליד „קדיש” — רייסט זיך באַ אים ארויס אַ געגן־געפיל קעגן דעם גורל פון דעם מענטשן. ער זאָגט —

„אויב ס׳מוז מיט בלוט און מענטשנביינער

זיך פלאַסטערן משיח׳ס וועג,
דאַן וויל איך קיינמאָל זיין דער איינער,
וואָס וועט באַטרעטן יענעם ברעג!״
פאַר אַזאַ שטילן דיכטער פון אינטימען ווייטיק, ווי ב. לאַפּין איז — איז עס א מדרגה.

דער שטיין־פּונקט פון לאַפּינ׳ס וועלט־באַנעם איז — מיסטיק. ווי אַ מיסטיקער, גייט ער ארום ווי א שאָטן צווישן שאָטנס אויף דער וועלט, און כאָטש ער זאָגט וועגן זיך אַז — „דער וועלטס א קינד בין איך״, וואָס האָט „דעם האַרמאָנישן דריילינג — געבורט, לעבן און טויט — צעשיידט״, ווייסט ער אָבער גלייכצייטיק, אַז —

„אויף די וועגן ליגן
אויסגעשפּרייטע שאָטנס,
האָט זיך ווער צעשריגן
ווען כ׳האָב זיי באַטראָטן.
האָב זיך איינגעבויגן
וועמען אויפצוהויבן,
האָט ווער מיינע אויגן
אָנגעשיט מיט שטויבן.״

איז דאָ ניט וויכטיק צו ווייסן, ווער עס האָט זיינע אויגן „אָנגעשיט מיט שטויבן.״ ווינכטיק איז אָבער יאָ צו געדענקען, אַז דורך אויגן „אָנגעשיט מיט שטויבן״ קען מען שוין די וועלט קיין קלאָרע ניט זען, אויב מ׳קען מיט זיי בכלל עפּעס זען. לאַפּין אָבער זעט — יאָ. ער זעט —

„שאָטנס שווערע טרייבן, קלייבן
אַרום מיר זיך ווען איך וואַך.
שאָטנס שווערע ווי אין קלאַמערס
מיך צודריקן מיט געשפּעט;
כ׳הער זיי ריידן... איינער שטאַמלט,
ער פון אַלע העכער רעדט!״

און ווייטער —

„וועגן, אַנצאָליקע וועגן, —
פאַרגייסט זיך, פאַרדרייסט זיך אין זיי.
אין מיט פון אַ וועג איז געלעגן
מיין מזל פאַרצערט פון געשריי.״

און אַז ער דערפילט שוין דעם „מזל פאַרצערט פון געשריי״, קלאָגט אין אים אויף דער געקלאָג פון זיין לעבנס ס״ה —

„אָן יאָרן בין איך אַלט.
אָן לעבן בין איך מיד . . .״

ער ווייסט שוין אויך, צוליב פאַרשטענדלאכע טעמים — אַז זיינע טעג וועלן קיין פרייד אים

„— — — שוין קיינמאָל ניט ברענגען ;
ווי אין אַ האַרבסטיקן הימל אַ מאַטן
וועלן מיינע טעג, וואָכן מאַנאַטן —
ווי שטערן פאַרלאָשענע הענגען.״
אַזוי גייט ער אויך דער שטאָט אַנטקעגן —
„מיט די משאות צו דעם טעגלאַכן יאַריד ;
עס טרעפט, כ׳פארליר אַ טאָרבע אויף די וועגן,
די פאַרבאָרגענע — איר טראָג איך שטענדיק מיט.
און אָט די משא וועל איך אייביק טראָגן,
ווי אַ לייבלאַך קינד פון גאָר אַנאַנדער וועלט.
צו וואָס, צו וואָס דאַרף איך די מענטשן זאָגן,
ווענען כ׳טראָג אויף זיך פון אַלעמען פאַרשטעלט.״
דער באַשיידענער גורל פון א באַשיידענעם פאָלקס־מענטש !
לאַפּינ׳ס „צייכנס״ זיינען ווי היימישע ווינטער־פאַרטקעס, וואָס דעקן אויף די היימישקייט פון הויז, פאר דעם ליכט דעם קאַרגן, פון א ווינטער טאָג. זיינע „צייכנס״ פירן אונדז אריין אין די שטילע צעלן פון זיין איזאָלירט לעבן, צער און טרויער. דורך דעם באַשייד פון זיינע לידער זע איך אים א פאראיינזאמטן, בא דעם שויב פון זיין פענצ־טער. און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, הער איך ווי ער זינגט —
„ס׳איז פאַרצויגן דיק מיין שויב
מיט אַ שטויב.
ס׳איז אין גאַס איצט וואָס געשען, —
כ׳קאָן ניט זען !״
און אז ער טרעפט זיך שוין יאָ פּנים אל פּנים מיט דעם וואָס איז אים נאָענט, דערפילט ער זיך „פרעמד און אָפּגעפרעמדטער״ און „פאר זיך און פרעמדע אַ פאַרשעמטער״, און ער אַנטלויפט „אין דער גאַס אריין״. . . איז דאָס אַנטלויפן אין דער גאַס אריין אָן און פאר זיך, אַ גוטע זאַך. לאַפּין אַנטלויפט אָבער ניט פון זיין אומעט, נאָר — פון זיך אַליין . . . עס וואָלט דעריבער געווען ראַטזאַם, אז לאַפּין זאָל אויפ־ ברעכן די שויב פון זיין פענצטער; ארויסיאָגן דעם אומעט זיינעם, און פאַרבעטן צו זיך דעם טאָג מיט דער זון, מיט איר בלענדנדיק ליכט . . .
ער אַליין זינגט דאָך שוין —
„די חלומות און זעאונגען
פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט,
זע איך שוין מער ניט באַנאַכט.״
פאַרוואָס ? ווייל —
„אין וואָכיקן טאָג איצט גייען זיי מיט מיר ארום.״
עס בלייבט אים דעריבער צו ווינטשען, אז די „חלומות און זע־ אונגען״ זיינע, זאָלן פון איצט אָן און ווייטער זיין מער העלזעעריש,

צו דער בעסטער צופרידנשטעלונג פון אים אליין, זיינע לייענער און אונדזער ליטעראטור, וואָס איז אונדז אַלע ליב און טייער.

# א. מ. דילאָן און „די לידער" זיינע

## א

ניו יאָרק, ווינטער, 1934. איך יאָג זיך אין א סאָבוויי, צווישן מאַנהעטן און בראָנקס — אין א שפּעטער שעה, בּאַנאַכט — מיט א גרופּע יונגע יידישע דיכטער. דער בּאַנאַכטיקער צוג איז אַביסל מיושב'דיק, כאָטש זייער רירעוודיק — און נישט אזוי אומרואיק ווי דער, וואָס האָט מיך אין א פריער אָוונט־שעה געבּראַכט קיין מאַנהעטן. און די מענטשן זיינען עפּעס אויך מער אויפגעראַמט און זיצן, שטייען און גייען, מיט א מער איינגעהאַלטענעם ריטם; יעדער איינער קוקט אוים מיד און פאַרשלאָפן און עס ציט אים צו דער היימישער נאַכט־רו אין ווארימען בעט, און זיינע פיס יאָגן אים אויטאָמאַטיש, אויף דעם כאַראַקטעריסטיש ניו יאָרקישן נערוועזן שטייגער.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ, שפּייט ארוים און פאַרשלינגט גאַנצע טשאַטעס מענטשן און פליט ווידער, אָט אין דער נידער, און אָט — אין דער הויך.

א חבר ווייזט מיר אָן אויף א מענטשן וואָס זיצט אין א ווינקל פאַרטראַכט, מיט אן האַלב אָפן מויל, פון וועלכן עס שטאַרצן ארוים צוויי מאָדנע פאָדערשטע ציין — און ער זאָגט: „דאָס איז א. מ. דילאָן!"

איך בין גלייך צו אים צוגעגאַנגען און אליין זיך פאָרגעשטעלט. דילאָן זיצט א צוקנייטשטער, מיט א פאַרכמאַרעט פּנים. פון זיין הויכן שטערן קוקט אַראָפּ א בינטל צעשויבערטע האָר און ער קוקט אויף מיר פאַרוואונדערט מיט זיינע אויפגעגרויסטע בלויע אויגן.

„— אזוי, אזוי! דאָס זיינט איר טאַקע דער יאַמב, איך מיין — בראָנשטיין!"

א פיינער שמייכל צעשפּילט זיך אויף זיין פּנים, וואָס קוקט אויף מיר מיט דער תמימות פון א פאַרוואונדערט קינד, וואָס פרייט זיך און שעמט זיך און פילט זיך עפּעס אזוי נישט היימליך אין זיינע צוקנייטשטע בגדים און מאָדנע צעטראָגענעם קאַפּעליוש, בּאַ דער אומגעריכטער בּאַגעגעניש מיט א גאַסט.

אזוי האָב איך אים צום ערשטן מאָל געטראָפן — צופעליק — בּאַנאַכט. און אזוי האָבן מיר זיך אויך שפּעטער אַלעמאָל צופעליק געטראָפן און אויך — בּאַנאַכט, אין פּריוואַטע היימען, און דער עיקרשט — אין גאַס, ווייל די קאַפּיי — קיבעצאַרניע — האָב איך כמעט ווי אויסגעמידן. א סך מאָל האָב איך אים געטראָפן כמעט פאַרטאָג אויף זיין וועג אהיים פון דער קאַפּיי אויף סעקאָנד עוועניו, וואו די

יידישע באַהעמיע זיצט און גנעציט אוועק די צייט אין נודנע דיסקו־סיעס, וואו מענטשן זאָגן, אז דילאָן האָט זיך געפילט ווי א פיש אין וואַסער — א צערודערטן, ווי ער וואָלט „צערייצטערהייט לויפן אין וואַלד ווייט אליין". און אין יענע מאָמענטן האָט ער מיר באמת אויסגע־קוקט צו זיין דער העלד — דיכטער — פון זיין דיכטונג.

דילאָן האָט נישט איבערגעלאָזט דעם איינדרוק פון א צו באַריי־דעוודיקן מענטשן. ער האָט אָבער אלעמאָל גערעדט פון פּאָעזיע און אָפּט זיך גערויטלט ווי א יינגל, ווען עס איז צוריד געקומען וועגן זיינע איינגנע שאַפונגען. און אויב ער האָט ניט גערעדט פון פּאָעזיע, אויב ער האָט געשוויגן — האָט ער מן הסתם דערפון געטראַכט. ווייל, ווי די ארויסגעבער פון „די לידער" זיינע גיבן אָן — האָט ער אַלעמאָל „געלעבט מיט און פאַר לידער."

דילאָן האָט מיך איינמאָל מיטגענומען צו א קאָנצערט. ער איז דערביי געווען זייער באַריידעוודיק און א סך מאָל אונטערשטראָכן זיין באַקאַנטשאַפט מיט קינסטלער, צו וועלכע ער האָט קאָנטיק געהאַט א נאַטירלאַכע שוואַכקייט. יענער שפּאַציר אָבער מיט אים צו דעם קאָנצערט־זאַל, האָט מיר ליידער פאַרשאַפט א סך עגמת נפש. דילאָן איז שוין קאָנטיק דאַן קראַנק געווען, און כאָטש ער האָט דערפון ניט גערעדט — ווייל „ער אנערקענט ניט זיין קראַנקהייט" — איז ער אָבער אַלעמאָל געבליבן שטיין אויף עטלאַכע סעקונדן; אביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, א שמייכל געטאָן מיט פאַרבאָרגענעם צער אין די גוטע אויגן זיינע — און ווידער געשפּאַנט און ווידער גערעדט, פון קונסט און קינסטלער.

## ב

א. מ. דילאָן איז נישט געווען קיין פּראָדוקטיווער דיכטער. דער־פאַר אָבער האָט ער זיין פּערז דערהויבן צו זעלטענער דינקייט, וואָס האָט אים געטרייסט און גענערט מיט דעם גלויבן, אז זיין ליד איז אים ווי א וואונדער פאַרבליבן.

די טעמאַטיק פון דילאָנ׳ס לידער איז שוין בא זיין ערשטן אויפ־טריט אין אונדזער דיכטונג געווען און פאַרבליבן א מעלאַנכאָליש־קרענקלאַכע, פול מיט יאוש און מורא פאַר דעם טויט. שוין אין 1910־12, בא זיינע ערשטע טריט אין אונדזער ליטעראַטור — האָט ער געזען און באַמאָלן דעם טויט און שאַרף אונטערשטראָכן, אז ער אַליין איז „בא דעם אייביקן טויט שוין געפאַנגען". בא דילאָנ׳ען איז עס אויך ניט געווען קיין יוגנטלאַכע שטימונג, ווייל פון דאַן אָן און ווייטער, ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג — האָט ער אַלץ געזונגען פון טויט און געוויינט אויף זיין נעכטן און אויף זיין היינט. אים האָט זיך אויך אַלעמאָל געדוכט, אז „אויף דעם לאַנגן בריק פון לעבן" איז ער געשטאַנען „איינזאַם, אָן א פריינט".

ס׳אר א טראַגישער גורל פון א טראַגישן דיכטער — מענטש!

דערפאַר אפשר האָט זיך אים אויך אויסגעדוכט, אז קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען און קיינער וועט אים אויך „קיינמאָל ניט פאַר־שטיין". צוליב דעם האָט ער זיך באַם לעבן פאַרשלאָסן אליין אין זיין צימער און באַשלאָסן צו שאַפן זיין וועלט פאַר זיך אליין, בא אים „אין צימער" — און דערביי פאַטעטיש אויסגערופן:

„זאָלן מענטשן ליידן, הונגערן און שטאַרבן,
זאָלן בוימער פוילן, זאָלן וועלדער דאַרבן — — —

אָט די דערווייטערונג פון דעם לעבן, האָט אים אָבער גליק־לאַכערוויז געאיידלט און פאַרפיינערט ביז גאָר. זינגט ער טאַקע שפּעטער — אין 1924 — אזוי:

„איך בין ווייטער פון אייך און נעענטער צו זיך,
דערפאַר איז טיפער מיין פּיין און טיפער מיין פרייד."

און כאָטש ער איז „איינזאַם און קראַנק", טראָגט ער אָבער זיין אייגן „ליכט צו דער וועלט"; טראָגט ער זיין „געזאַנג צום טויט".

„איך בין ווייטער פון אייך און נעענטער צו זיך,
דערפאַר איז גאַנץ מיין טראָט און מיין בליק אזוי ריין."

איז עס דוכט זיך א גוטע טרייסט. דעם איינזאַמען דיכטער אונד־זערן שטעלט עס אָבער ווייט ניט צופרידן, און ער בלייבט ווידער טרויעריק. און אַז קיינער קומט אים ניט אַנטקעגן, קומט ער צו א נאָך מער טראַגישערן באַשלוס — אַז קיינער וועט אים ניט „ניט מיט פרייד און ניט מיט צער באַגלייטן". און אזוי אַרום רייסט זיך זיין ליד „צו גאַנצקייט און רו" און ער מאַכט פאַר זיך אליין דעם ס"ה, אַז —

„ווער עס טראָגט מיט אויפן וועג דעם דופט פון דער קווייט,
טראָגט אויך מיט דעם קלאַנג פון מיין ליד ערגיץ וואו."

ווייל —

„ווי ס׳רייסט זיך אַ פלאַנץ צו רייפקייט און גלאַנץ,
רייסט זיך מיין ליד צו גאַנצקייט און רו."

א. מ. דילאָן, ווי א דיכטער מיט א טראַגישער באַציאונג צו דעם לעבן — האָט ניט געקאָנט פאַרבליבן גלייכגילטיק צו די אַלע אומרעכטן פון דער וועלט. ער האָט שאַרף געשפּירט „די האַרטקייט פון דער גאַנ־צער וועלט", און איר נישט געקאָנט בייקומען און באַקעמפן. האָט ער געוואָרפן דעם לאָזונג, צו ווערן „אַ קינד פון דער וועלט" אויף אַזאַ אופן:

„ווער אַ קינד צו דער וועלט און צו גאָט,
טראָג דעם יאָך פון זייביידן מיט פרייד.
דערפיר מיט דיין אייגענעם טראָט,
דערפריי און דערהויב דיינע רייד.
איבער אלעמענס קעפּ הויב זיך אויף,

די שלעכטע פאַרלאַז און פאַריאָג.
זיי שטאָלץ — ווייל מיט פרייד גייסטו אויף,
מיט דער פרייד פון העלן פאַרטאָג."

און דילאָן איז געווען א שטאָלצער, און זיין רוף צו דעם מענטשן איז אַזאַ העלער געווען —

„און מענטש, דו מענטש, שטיי אויף און זינג,
בליץ־אויף מיט פרייד, גיי־אויף מיט זון;
עס קלאָגט די וועלט, עס וועלקט די וועלט,
בליץ־אויף מיט פרייד, גיי־אויף מיט זון!"

ווי א שטאָלצער מענטש, האָט דילאָן מיט אַלע זיינע חושים געפילט, אַז פון אים אליין גייט אויף זיין ליכט. ער האָט געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז —

„מיינע מעשים ווערן שענער,
נאָר טרויעריקער — מיין געזיכט."

אזוי איז ער געווען באַם לעבן און אזוי איז ער אויך פאַרבליבן אין זיין — אונדזער — דיכטונג, מיט אַ טרויעריק געזיכט.

דילאָן האָט געוואוסט דעם טרויעריקן גורל פון דעם דיכטער; אויף זיינע אייגענע פּלייצעס אים אַליין ביטער דורכגעליטן און אַריבערגעטראָגן.

דילאָן, ווי אַן אמת'ער דיכטער — איז אָבער אויך געווען א ז ע ע ר. האָט ער בולט געזעען און געאַנט, אַז —

„טייל וועלן אים פאַרלאַכן, טייל וועלן אים פאַרשווייגן,
נאָר זיין ליד באַרואיקט, נאָר זיין ליד באַפרייט —
ער איז דער האַר פון נעכטן, ער איז דער האַר פון מאָרגן
און דער גרויסער סוד פון דער וועלט און צייט."

דאָס איז דילאָנ'ס קאָנצעפּציע פון דעם גורל פון א דיכטער. און ווי איינער פון אונדזער דיכטער־משפּחה, טיילט ער איר גורל; ער איז אין זיך דיכטעריש כולל דעם גורל פון איינעם וואָס איז „דער האַר פון נעכטן" און אויך „דער האַר פון מאָרגן." און די דיכטונג זיינע וואָס מיר האָבן פון אים גע'ירש'נט, וועט אונדז אַלעמאָל דערמאָנען אָן יענעם גרויסן „סוד פון דער וועלט און צייט" פון וועלכער א. מ. דילאָן איז ערשט געווען אַ מוסטערהאַפטער ביישפּיל . . .

א. מ. דילאָן האָט זיך אידענטיפיצירט מיט „די וואָס גייען אין שווערן יאָך פון לעבן שטיל און מוטיק, טראָט נאָך טראָט" דערפאַר, ווייל ער האָט געוואוסט אַז די וואָס

„גייען־אויף ווי שטערן אויף די וועגן,
מיט געזאַנג צו הימל און צו גאָט —
גייען־אויף, צינדן זיך און לויכטן,
און ליכטיק ווערט אויף אונדזער ערד."

און נאָך ליכט האָט ער אַלעמאָל געבענקט; צו ליכט האָט ער אַלע־מאָל געשטרעבט דערפאַר, ווייל —

„מיר האָבן ליב די זון און מיר האָבן ליב איר ליכט!"

א. מ. דילאָן וואָס האָט דעם טויט געמאַכט פאַר זיין הויפּט טע־מאַטיק, האָט וועגן דעם טויט געזונגען עכט און שיין. אין איינעם פון זיינע סאָנעטן דריקט ער זיך אויס, אז „דער טויט וועט קומען אומ־געריכטערהייט". און אזוי איז ער טאַקע צו אים אליין געקומען און אים אומגעריכטערהייט פון אונדז אוועקגעריסן.

דילאָן האָט קיין גרויסע ליט־ירושה הינטער זיך נישט איבערגע־לאָזט. זיין בוך „געלע בלעטער" איז איצט צונויפגעשמאָלצן געוואָרן מיט דער קליינער צאָל נייע לידער זיינע וואָס זיינען פון אים פאַרבליבן, אין איין גרויסן בוך. אויב אָבער זיינע לידער זיינען קליין אין צאָל, זיינען זיי אָבער דערפאַר דורכגעוויטיקט מיט גרויס־דיכטערישן אמת און פּאַטאָס; זיינען זיי עכט און ליריש, אוניווערסאַל. זיינע פּאָלעמישע לידער, כאָטש קליין אין צאָל — זיינען קלוג פאַרטראַכט און זייער טעמ־פּעראַמענטפול. און די ליבע־לידער זיינע, זיינען זייער כאַראַקטעריס־טיש פאַר דעם באַהעם אין אים.

„די לידער" פון א. מ. דילאָן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט א סך ליבשאַפט, אחריות און פאַרערונג, אויף גאַר א שיינעם און באַ־שיידענעם אופן פון זיינע אינטימע חברים אין ניו יאָרק. ווען פעו־חברים זאָלן איינער דעם אַנדערן אַרויסווייזן אזוי פיל ליבשאַפט באַם לעבן, ווי זיי ווייזן עס לײדער אָפט אַרויס ערשט נאָך דעם טויט פון א חבר — וואָלטן אונדזערע דיכטער באַם לעבן אויסגעזען אַנדערש, און אפשר אויך נישט געשטאָרבן פאַר דער צייט . . . אונדזער דיכטונג וואָלט אפשר צוליב דעם אויך געקראָגן אַן אַנדער פּנים. זאָלן אָבער יעדנ־פאַלס געשטאַרקט ווערן די הענט פון די וואָס האָבן אַרויסגעגעבן „די לידער" פון א. מ. דילאָן. און לאָמיר פון איצט אָן און ווייטער זיך אַלע אַרומגאַרטלען מיט מער ליבשאַפט איינער צו דעם אַנדערן באַם לעבן, און ניט וואַרטן אויף דעם טויט, ווי אויף א שעת הכושר — אַרויסצוגיבן די לידער פון אונדזערן א דיכטער, נאָר באַם לעבן זאָלן מיר איינער דעם אַנדערן מוטיקן און דערפרייען, מיט דער אַרויסגע־בונג פון יענעמס אייגענע דיכטערישע אַרבעטן.

## יעקב גלאַטשטיין — יידישטייטשן

„יידישטייטשן" פון יעקב גלאַטשטיין זיינען טיילווייז א פאַרזוך צו רעהאַביליטירן אַן אַלטן דיאַלעקט אויף יידיש, וואָס גרעניצט זיך מיט דייטשמעריזמען פון א פאַרעלטערטן צייט־אָפּשניט — אין דער היינטצייטיקער יידישער דיכטונג.

פאַר מיר פּערזענליך איז אפילו ניט קלאָר די נויטווענדיגקייט

פון אזא רעהאביליטאַציע בכלל, און איצט — אין די צייטן פון באַר־באַרישן היטלעריזם — בפרט. פון דער מינוט אָן וואָס מען וויל אָבער אָפּפרעגן די נויטיגקייט פון א געווּיסן אויפשטייג אין אונדזער דיכטונג, ווערט אויך ניט אויסגעשלאָסן די מעגלאַכקייט אָפּצופרעגן די באַדערפעניש פון דער דיכטונג בכלל, אין די צייטן פון עקאָנאָמישער אומבאַהאָלפנקייט און אָנגרייפנדיקן פאַשיזם אויף אַלע פראָנטן, די ליטעראַטור אריינגערעכנט. אזוי ווי אָבער די יידישע פּאָעזיע איז מיר זייער נאָענט און טייער, און הינטער די „יידישטייטשן" שטייט אָן אייגנאַרטיקע דיכטערישע פּערזענלאַכקייט, וואָס איז בא אונדז אגב בכלל א זעלטנהייט — בין איך גרייט צו פאַרגעסן די אומפאַרשטענד־לאַכקייטן פון אזעלכע לידער גלאַטשטיינ'ס, ווי „זיינער און מאַמע" — דאָס ערשטע ליד פון בוך — און אויך דעם גאַנצן אָפּקלייב פון זיין „זילבעקסצענטרישקייט", כאָטש גלאַטשטיין האָט דוקא „ליב, אכצנ־קאַראַטיקע ווערטער — שטאַנדהאַפּטיגקייט, קאָנסעקווענטישקייט און זילבעקסצענטרישקייט". די אַלע לידער, אונטער דעם דערמאָנטן נאָ־מען — געהערן, מיר דוכט — צו גלאַטשטיינ'ס עקספּערימענטאַלע לידער, כראָנאָלאָגיש — און איך שרייב זיי צו צו יענעם אָפּקלייב אין אונדזער ליטעראַטור־אוצר, וואָס איך רוף אָן מיט דעם נאָמען לי־טעראַטור־שעטנז, פאַר וועלכע, מיר דוכט, גלאַטשטיין וועט באַדאַרפן פאַר זיי זוכן לייענער, צווישן זיינע אייגענע פען־חברים פון דער אינזיך גרופּע. פאַר מיר זיינען זיי לידער סתרי תורה. און מיט מיין גאַנצער אָנשטרענגונג זיי צו לייענען ווידער און ווידער אַמאָל, האָב איך זיי לידער ניט געקאָנט בייקומען. און געלייענט האָב איך זיי, א סך און א סך מאָל. דערפאַר אָבער האָט מיך גלאַטשטיין קאָמ־פּענסירט מיט דעם חן פון אונדזער היימישן — דורכאַוים גלאַטשטיינ'ס — „גאָטבעכי"

„וואָס האָט נישט מורא פאַר דעם דרויסן"

און

„איינער אַליין,
אין דער פינצטער,
ליגט ער אויסגעשטערנט
איבערן הימל" —

ווייל אפילו איצט, אין די צייטן פון דעם דערמאָנטן אָנגריף פון פאַ־שיזם — קען מען נאָך פאַרכאַפּט ווערן פון אזעלכע געזאַנגען.

און אז גלאַטשטיין ברענגט אפילו אריין אזעלכע פרימיטיווע אויס־דרוקן, ווי „שווייגע נאַכט" און „קוקע נאַכט" אין זיין ליד „נאַכט, זיי שטיל צו מיר", און אין אַן אַנדער ליד — „צוועלפע", אנשטאָט צוועלף — וואָס קלינגען שוין פרעמד אין די אויערן פון אַן היינטצייטיקן לייע־נער פון מאָדערנער יידישער דיכטונג — שטערט עס אויך ניט צו גע־

ניסן די שיינקייט און שפילעוודיגקייט פון דעם ליד, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין ריטם און עכטקייט פון א רירנדער תפילה פון אַ קלוג קינד.

אין דעם ליד „שמר", וואָס איז דורכאויס געשריבן אויף דער פּאַן פון א פאַרעלטערטן און אפילו אָפּגעבליאַקעוועטן דיאַלעקט אויף יידיש — האָבן דווקא די דערמאָנטע דייטשמעריזמען אזוי זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם אינהאַלט פון דעם ליד, א פּרעכטיק סינטעטיש בילד פון דעם „עלטער פעטער שמר" און פלימעניק יעקב גלאַטשטיין — אַז דאָס איינציקע ליד „שמר" אליין, באַרעכטיקט דעם אויפלעב פון אזעלכע ווערטער, וואָס לעבן באמת אויף אונטער דער פּעדער פון דעם זייער און זייער באַגאַבטן יעקב גלאַטשטיין.

דאָס ליד „שמר" בכלל, מאַכט א רירנדיקן איינדרוק מיט זיין חכמה און גראַטעסקן חשבון הנפש אויף דעם אדרעס פון אונדזער אייגענעם פאַרשריגענעם שמר, וועמען מיר האָבן — לויט גלאַטשטיינ'ן — אין דעם דאָזיקן (פון גלאַטשטיין געמאָלענעם) בית עולם־גאָרטן, אָפּגעגעבן קבורת חמור."

און כאָטש גלאַטשטיין שאַקירט אָפט מיט די דערמאָנטע פאַרעלטערטע און אָפּגענוצטע ווערטער און פראַזן, איז עס אָבער אין גרונט גענומען ניט קיין שטערונג פאַר זיין שעפערישקייט, שפּראַך־עשירות און וואָרט־עמפינדלאַכקייט. און באַ אים, מער ווי באַ אַלע אינזיכיסטן צוזאמענגענומען — דערהויבט זיך אָפט זיין פערז, דווקא צו פּאָלקסטימלאַכער קלאָרקייט און פשטות, וואָס פּאַלט אזוי צונויף מיט זיין טרעפלאַכער קלוגשאַפט.

„דער פּאַרנאַכט פאַרצויבערט דאָס פענצטער" —

אַן ארויסגעריסענער פערז פון זיין ליד „אליין" — איז א געגוגנדער באַווייז פאַר דער קלאָרקייט פון זיין לשון און גלייכצייטיקער בילדלאַכקייט, אין קעגנזאַץ צו דער הילצערנער שפּראַך און אָפטן מעכאַנישן פערזנגעבוי פון זיינע אינזיכיסטישע צייט־חברים.

גלאַטשטיינ'ס לידער בכלל זיינען עפּעס מאָדנע קלוג פאַרטראַכט און ווירקן אויף דעם לייענער אוממיטלבאַר, מיט זיין פליסיקן סטיל און שפּילעוודיקן ריטם; מיט זייער געוואונענער קלאָרקייט (אַ חוץ די דערמאָנטע אָפּטיילונג א. נ. „זילבעקסצענטרישקייט") און אויך רייכן אינהאַלט, אָט — ווי „גאָטעניו" אין זיין ליד „זשילביל", וואָס „האָט געוואַכט — איבער דעם שווער פאַרהאָרעוועטן ייד זלמן און זיין ווייב די עקרה — און געאיידלט זיינע אומגעהובלטע רייד". ווייל גלאַטשטיין אליין איידלט קאָנטיק אויך זיינע אומגעהובלטע רייד, מיט דער מיזאַמקייט פון אַן אחריות'פולן דיכטער, אונטער דעם קלאָמפּערשטן אויסרייד פון וואוילייגערישקייט — וואָס ווערט אַגב פאַרטונקלט באַ דעם ליכט פון זיין געשליפענעם און געלייטערטן פערז. אזוי למשל

נעמט ער א שונד־טעמע „דאָס אלמאָנכן" — און פאראיידלט איר קינסטלעריש אזוי, אז עס וואקסן פאר דיר אוים צוויי ממזר'ישע דינאַמישע פיגורן — דאָס אלמאָנכן און ענמאן — און צווישן זייביידע זעט איר ממש און הערט, ווי —

„די קו האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר,
אַז ס'איז שוין צייט צו מעלקן."

און אָפּט רייסן זיך בא אים דורך לידער, וואָס נעמען דיך דורך און דורך און רירן דיך מיט זייער פּאַטאָס.

„ווערטער טונקלען. אינהאַלט איז געזאַנג" —

זינגט גלאַטשטיין אין זיינע „נאַכט־לידער", וואָס זיינען ווי פון מאַר־מאָר אויסגעגאָסן, מוסטערהאַפט און אייגנאַרטיק אין אונדזער דיכ־טונג. אָט די נאַכט־לידער זיינע, טאָר מען ניט ציטירן. די פערזן זיי־נען פּלאַסטיש אויסגעגאָסן און אזוי אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט, אז זיי זינגען זיך אין דיר אריין ווי דאָס געזאַנג פון תהלים. און לייענענדיק אָט די זעלטענע נאַכט־לידער זיינע, דערשפּירסטו אין זיך אליין דעם גרויסן זין „פון פולע לאָגלען אינהאַלט אין שטילקייט", און דו ביסט דעם דיכטער דאַנקבאַר פאַר דער פּריווילעגיע מיט זיי זיך צו באַהעפטן. —

אויב מען זאָל גלאַטשטיינ'ס „דער פּיפּערפויגל זינגט" וועלן אנאַליזירן אויף דער באַזע פון דעם אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט אין איר, וואָלט עס מיר דוכט געווען דער זיכערסטער שליסל צו זיין דיכ־טערישער עשירות און שריפטשטעלערישער פּערזענלאַכקייט. פון אָט דעם ליד זיינעם, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר גלאַטשטיינ'ס לעבנס־באַנעם און וועלט אַנשויאונג — דערוויסט מען זיך, אז זיין זיידע איז געווען „א גראָם מאגיקער" און אויך „א לעבנסטראַגיקער" „ער האָט געטאָן אלץ, זיך צו פאַרזיכערן מיט א בילעט אין גיהנם" און אייביק האָט ער געלאַכט פון „מעמעג און מעטאַרנישט". און אז מ'באַמיט זיך צו דעמאַסקירן דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין און מ'שיילט אַרונטער די גראָטעסק־קאָרע און וואוילייגערישקייט פון זיינע בילדער און מענטשן, דערזעט מען פאר זיך דעם דיכטער אין אים, אין זיין פולער טראַגישקייט, אָט — ווי דער זיידע זיינער — „א לעבנסטראַגיקער".

„שטילער נאָך פון שוואַרץ גייט אויף איבער אונדז דיין גרויס גענאָד, און וויקלט אונדז לאַנגזאַם מיט וואָלן פון ליכטיקער פאַרגעסנהייט" — זינגט גלאַטשטיין. און אזא געזאַנג, ווי בכלל דאָס רירנדע געזאַנג פון זיין „פּאַרטריפּטער לייכטער" — פאַלט מיר דוכט צונויף מיט דעם פּרימיטיוון געזאַנג פון זיין זיידן, וואָס איז געווען „א לעבנסטראַגי־קער". אזוי זינגט גלאַטשטיין און אזוי איז ער, כאָטש ער פּאַראַדירט מערסטנטיילס אונטער דעם אויסרייד פון וואוילייגערישקייט — א

טיף עטישער דיכטער און לעבנסטראַגיקער. און ער דערציילט ווײַטער פון דעם זיידן זיינעם, אַז „די מעסערדיקע קאַלטקייט זיינע פון וואָרט האָט מיך דורכגעשפּיזט." ער איז מיט איינעם וואָרט געווען — דער זיידע זיינער — אַ „בדכן מעפּיסטאָפל". און אָט וואָס זיין צוואה צו דעם גראָמענעם אייניקל — צו אונדזער יעקב גלאַטשטיין! — איז געווען:

„שנאה פון מיר צו דיר און פון דיר צו מיר,
דאַרף זיין דער בונד מיט דעם זיידן.
אַ צווישנטייל צווישן דור און דור
דאַרף אונדז שטענדיק צושיידן".

און גלאַטשטיין, מיר דוכט — האָט מער ווי יעדער איינער פון אונדז, מיט זיין אַרבעט דעמאָנסטרירט, „אַ צווישנטייל פון דור צו דור" אין אונדזער דיכטונג (לעצטנס אויך אין דער פּראָזע, מיט זיין אייגנאַרטיק אויטאָביאָגראַפיש ווערק, א. נ. „ווען יאש איז געפאָרן"). און ווייטער —

„אַז דורות קומען מאָנען, גיב זיי אַ בריק אין הינטן.
לאָז אַוועק די וואָרעלע שפּרוכן אויף אַלע בייזע ווינטן.
פאַרפּאַנצער זיך קעגן גוטע רייד, פאַרשפּיי אין זיך דעם מענטש.
וואָס דיין זיידע האָט פאַרשאָלטן, באַזינג דו און פאַרבענטש".

איז דאָס ניט נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם זיידן, וואָס איז אַגב געווען „חבר־לאַפּ מיט דעם קלעזמער און דער מויד", נאָר דער עיקרשט און הויפּטזעכליך איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער דיכטער יעקב גלאַטשטיין — דאָס גראָמענע אייניקל זיינס — וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געבריקעוועט קעגן דעם איינגעפונדעוועטן קלאַסישן פערז אין אונדזער דיכטונג (און קריטיק), ביז ער האָט גורם געווען דעם אויפבוי און איינשטעל פון אַ נייער ריכטונג אין אונדזער דיכטונג, און בינו לבינו האָט ער א ל י י ן אָנגעשלאָגן אַן איינענעם, חנ'עוודיקן און אייגנאַרטיקן טאָן אין אונדזער דיכטונג און פּראָזע, און אָפּטמאָל האָט ער אויך דורכגעשפּיזט — מיט דער קלוגשאַפט פון זיין וואָרט — דעם גלייכגילט צו זיך, און דעם איינשטעל פאַר ז י י ן ריכטונג אין אונדזער ליטעראַטור. און ווי דער זיידע — אַזוי וויצלט זיך אויך דאָס אייניקל, גלאַטשטיין — לפנים, אויף דעם חשבון פון גאָט, און ער שליידערט אים אין זיין פנים אַריין —

„נאָך מיר וועסטו בענקען —
נאָך מיין שמייכל, נאָך מיין שכל'דיק וואָרט."

איז גאָט, ווי גאָט — מיט אים האָב איך קיין מגע ומשאות קיינמאָל ניט געהאַט — דער ראַפינירטער און בעסערער לייענער פון דער היינטצייטיקער דיכטונג, בענקט אָבער שוין איצט און וועט האָפנטליך

אויך אין דער צוקונפט בענקען, נאָך גלאַטשטײנ׳ס „שמײכל און שכל־דיק וואָרט״.

אַז גלאַטשטײן בלײבט אָבער שטײן אויף דער „עוועניו״ פון דער גרויס־שטאָט, אין דעם געטומל פון די שרײענדיקע ליכט־רעקלאַמעס, געזאַנג פון אַ באַלױכטענעם עראָפּלאַן און דעם אַלגעמײנעם גערויש פון גרויסשטאָטישן טראַפיק — זינגט ער וועגן זיך אַזוי:

„און איך אַלײן צו זיך —
ווי אומבאַגרײפליך, אײנגעגעסן, טרויעריק איז דאָס לעבן״.
דאָס אײביקע געזאַנג פון דעם לעבנסטראַגיקער — דעם זײדנס לעבנס־באַנעם, אין דעם אײניקלס לידער!

און אַז ער זיצט אין דעם מידן בעט — אין סאָבוויי־וואַגאָן — צווישן האָרעפּאַשנע מענטשן, ווערט ער אָפנהאַרציק ווי אַ קינד און איז מודה:

„אויסגעהאָרעוועט בין איך פון גאָרניט טאָן.
די הענט מײנע שלאָפן,
די פיס, די פראָלעטאַרישע — זײנען טויט.
איך אַרבעט שווער בײַ גאָרנישט גאַנצע טעג.
דאָס מויל איז פּאַרטרוקנט פון ביסל צדקה־געקעכץ״ —

און ער בעט זיך בײַ דעם אומבאַקאַנטן פרײַנט:

„וועק מיך אויף ליבער פרײַנט,
ווען מען וועט גײן אויף די באַריקאַדן״. —

איז דאָס אפילו זײער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ מענטשן וואָס איז מודה, אַז ער איז „אויסגעהאָרעוועט פון גאָרנישט טאָן״, צו הײסן זיך אויפוועקן „ווען מען וועט גײן אויף די באַריקאַדן״ . . . אַזאַ מענטש האָט באמת קײן כח ניט צוצוגרײטן דעם באָדן פאַר די באַריקאַדן. מיט דעם פײנעם אורבאַניסטישן אויפגרויס און הינטערגרונט פון זײנע גרויס־שטאָט לידער, האָט עס אָבער גאָרניט ניט צו טאָן, ווײל אויך אין דעם הינזיכט האָט גלאַטשטײן צו פאַרצײכענען אַ סטיליסטישע דערגרײכונג אין זײן אַרבעט, און דאָס שטערט אים גלײכצײטיק אויך ניט צו זינגען, זײן „דאָס פאָלק זינגט דעם שנײדער״. אַ ליד מיט וועלכן אַ הײנטצײטיק פּראָלעטאַרישער דיכטער, מיט טאַלאַנט נאַטירלעך — וואָלט זיך געמעגט שטאַרק איבערנעמען.

גלאַטשטײנ׳ס „זײגער דרײצן״, ווי די אַנדערע לידער זײנע — זײנען דורכגעלויכטן מיט דעם ציטער פון הומאָר, פײנער איראָניע און רײכן אינהאַלט. און אַז גלאַטשטײן זינגט אין זײן ליד „מיר, די וואָרטפּראָלעטאַריער״ וועגן זיך —

„און דו, באַפּאַנצערט מיט שווײגן און קלוגזײן,
וויקלסט אָפּ וואָרט פון מײן״.

מעג מען עס אים זיכער גלויבן. ווײל ער, מער פון זײנע צײט־חברים

— איז באמת באַלאָדן, אויב ניט איבערגעלאָדן — מיט שווייגן און קלוגזיין. און דער עיקרשט — מיט ט אַ ל אַ נ ט, זיין שווייגן און קלוגזיין אזוי איבערצודיכטן, אז ער באַצווינגט דעם לייענער דערמיט; פאַראיידלט זיין געשמאַק און באַרייכערט זיין לעקסיק, מיט ז י י ן חנ׳עוודיקער אידיאָמאַטיק. דערצו איז ער אויך לירישׂ. און לירישׂ איז ער ניט נאָר דערפאַר אליין, ווייל —

„איך וויל און מוז זיך ליריש פאַרקניפּן מיט אַלץ״ —

נאָר דער עיקרש דערפאַר, ווייל ער האָט די באַגאַבטקייט דערצו און ער קען מיט דער ליריק זיינער אָפּעריִרן ווי ע ר אליין וויל, און איר אויך ארויפצווינגען אויף דעם לייענער זיינעם.

גלאַטשטיינ׳ס „דער מאַנד אויף דעם מעער״ דערמאָנט שטאַרק אָן דער גראָטעסק און סאַטירע פון מ. ל. האַלפּערן, גלאַטשטיינ׳ן צו לענגערע און בעסערע יאָרן. זיי זיינען אָבער זעלבסטשטענדיק און גלאַטשטיינ׳יש געגוג, צו שטיין אויף די אייגענע פיס און פירן אַן איי־גענע וואָרט־ווירטשאַפט, גראָטעסק־בילד, און דער עיקרשט — גלאַט־שטיינ׳ישע חכמה. און דאָס ליד „משה לייב׳ס קול״, איינס פון די גרעסטע גרעסטע געדענק־לידער אויף דעם פּריציייטיקן טויט פון אונדזער מ. ל. האַלפּערן — איז דאָ דעריבער ניט קיין צופעליקס. און אָטעמען אָטעמט אָט דאָס ליד, מיט דער כאַראַקטעריסטישער גאַליגקייט פון משה לייב׳ן גופא, און עס באַקומט זיך אַ געזאַנג וואָס איז גלייכצייטיק אי טיפּיש משה לייב׳יש אי זייער און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יעקב גלאַטשטיינ׳ס אייגענעם זשאַנער.

און אין לעצטן ס״ה — „יידישטייטשן״ פון יעקב גלאַטשטיין איז אַ זעלטענער ביטראַג צו אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג, וואָס יע־דער לייענער — ווי איך — מעג עס מיט פרייד באַגריסן.

## א. לעיעלעס און זיין פּאָעמע „צו דיר — צו מיר״

מיט דעם אויפקום פון דער אינזיכיסטישער שולע אין דער יידישער דיכטונג, איז אונדזער ליד ארויסגעפירט געוואָרן אויף נייע שליאַכן און זיך באַנייט מיט דער טעמאַטיק פון טעגלאַכן לעבן, דורך דעם אַנ־ווענד פון אַלע מעגלאַכע פאָרמען פון דער פערזנקונסט.

די אינזיכיסטישע שולע האָט באַצוועקט, זיך צו פאַרטיפן און דערטיפן אין די וויטסטע תהומ׳ן פון אינזיך, מיט דער קונציקער פאַר־מיטלונג פון פּסיכישע רענטגען־שטראַלן און, מיט דעם אַנווענד פון דעם אימאַזש.

די אינזיכיסטישע שולע האָט ארויסגערוקט צום פאָדערגרונט דעם געדאַנק ווי איינעם פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אַ ליד, אריינגעבראַכט באַוואוסטזיניגקייט אין דער באַשאַפונג פון פּאָעטישע ווערטן און פאַרוואַנדלט דאָס אינטעלעקטועלע, כמעט ווי אין אַ קולט.

א. לעיעלעס, ווי איינער פון די אקטיווסטע פאַרשטייער און באַגרינדער פון אַט דער שולע, איז גלייכצייטיק אויך איינער פון די געצײלטע עקספּאָנענטן פון מאָדערניזם בכלל אין אונדזער פּאָעזיע. ער האָט אַלעמאָל געקעמפט מיט ווירדע פאַר ז י י ן אמת אין דער ליטעראַטור, דער אמת פון דעם אינזיכיזם — וואָס האָט, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק — „צענומען די ווענט פון דער יידישער פּאָעזיע און ארויסגערוקט די דיכטערישע אינדיווידואליטעט" צום פאָדערגרונט. לעיעלעס האָט אַלעמאָל געקעמפט, און ער קעמפט אויך איצט — געגן די „לעגיטימע פארשטענדליכע לידער", וואָס האָבן אַנב געשפּילט און שפּילן נאָך איצט אויך א באַדייטנדיקע ראָל אין אונדזער דיכטונג — און מיט זיין באַוואוסטזיניקן צוגאַנג צו זיין דיכטערישער ארבעט, באַרייכערט אונדזער לעקסיק און אויך אריינגעבראַכט די פארשידנאַרטיקסטע און פילפאַרביקסטע פאָרמען אין אונדזער דיכטונג, און אויך אויסגעאיבט א באַדייטנדיקן און אינטואיטיוון איינפלוס אויף אונדזער וואָרט־קונסט.

ווי אַן הערזאַישער קעמפער פאַר די פילפאַרביקע אינאָוואַציעס פון אונדזער ליד, האָט לעיעלעס אַלעמאָל געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם תוך, נעבוי און פאָרם פון ז י י ן ליד און אומדירעקט גורם געווען דערצו, אַז דער היינטצייטיקער פערז אויף יידיש איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַן אידייען־אינהאַלט, ווי א זעלבסטשטענדיקער און מאָנענדיקער כח אין אונדזער פּאָעזיע.

אזוי האָט זיך א. לעיעלעס שטורמדיק אריינגע'עקשנ'ט אין אונדזער דיכטונג און אין איר אויך פארבליבן, ווי אַן אייביקע דערמאָנונג אָן יענער גרופּע, וואָס איז געקומען מיט אזויפיל טומל, יוגנטלאַכן רייץ און פארשייטקיים.

זיין פּאָעמע „צו דיר — צו מיר", „אַן איבערלעבונג פון פרילינג 1933" — שפּיגלט אינזיך אָפּ דעם געראַנגל פון אונדזער צייט, און איז אינזיך כולל, די וויכטיקסטע עיקרים פון דער שולע. פאַר לעיעלעסן איז די פּאָעמע זיינע א דערגרייכונג פאַר זיך אליין. פאַר אונדז — א וויכטיקער אויפוואוקס — עטאַפּ — אין אונדזער דיכטונג.

לעיעלעס הויבט אָן זיין פּאָעמע מיט די „מערצאָווע ווינטן", וואָס זיינען אַלעמאָל געווען אַן אָנזאָג פון געשיכטלאַכן אויפברויז — און ער שפּאַנט אוועק מיט דעם נייעם אָנקום אין פּאַרק. די צייט ווירבלט אים אריין אין איר וויכער, וואָס שרייט מיט רויטן צאָרן. דיזעלבע צייט איז אָבער טויב און בלינד צו רייד; זי דאַרף ניט, די קלוימערשט רויט־צעגליטע רייד — אפילו דאַן, ווען עס פלאַקערט ביז דער דאַך!

לעיעלעס טראָגט זיך מיט ווינטיקן אויפבלאָז, ביז ער באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים מיט דער וועלט, וואָס וויל אים ניט געפעלן.

די וועלט פארמאָגט אַלץ; מילי־ביליאָן קרעלן פארמאָגט זי. ער

אָבער אַליין, דער דיכטער — איז אָרים; ער האָט בלויז איין קרעלכל;
אים איז בלויז דערלויבט, איין שנעלער קאָן!

וואָס זשע קאָן טאָן א מענטש, וועמען עס איז בלויז דערלויבט
איין שנעלער קאָן?

ער שטעלט זיך אוועק, אין דער געשטאַלט פון פאַביוס לינד —
דעם דיכטערס אויסגע'חלומ'טער העלד — באַוואונדערן „ווי וואַרצל־
דיק און גרונטיק עס וואַרט אַ בוים אויף אַנקום אין דעם ווינט".

פאַביוס לינד, דערציילט אונדז דער דיכטער — האָט אַ סך לעבנס.
וואַרטן וואַרט ער אָבער אויף יענעם לעבן זיינעם, וואָס איז פאַרשטעלט
פון זעער, העדער — דער גרונט פון גרונטן.

קומען דאָ בילדער, גילגולים און לעבנס פון פאַביוס לינד, מיט
דער פלינקקייט פון א קינאָ. איין לעבן איז אַנדערש פון דעם אַנדערן.
מיטאַמאָל פאַרבלייבט ער אויג אויף אויג מיט אַן אויסטערלישער
פרוי; ער און די פרוי און די מורא און דאָס גוטסקייט, איז איין.
פאַביוס לינד איז אָבער אַלעמאָל, אפילו אין דער געגנוואַרט פון דער
דערמאָנטער אויסטערלישער פרוי — „געוואַלטיק אַליין". טרעט ער
אויף שטיקער נאַכט, און ער פאַרמעסט זיך צו דעם „העכסטן שפּיץ".

דער דיכטער טראָגט אים אָבער לײדער נישט אַריבער „דעם העכ־
סטן שפּיץ". ס'איז אים מאָמענטנווייז אפילו גאַנץ עגאַל, אַלצאיין,
ווייל —

„ער און נאַכט און פעלז זיינען איין."

פאַביוס לינד פאַרגעסט זיין אייגענעם נאָמען. ער ווערט אַ
פּאַיאַץ אויף די ירידים. ער נעמט אוים באַ מענער און פרויען. וויי־
בער און נעגערטעס קלייבן זיך אַרום אים. טרייסלען מיט זייערע
היפּטן און שרייען האַלעלויאַ. בעטן אים: „זיי אונדזער האַר."

נעמט ער צען פון זיי און מאַכט זיי פאַר זיינע ווייבער. יעדע
איינע פון זיי, פילט אוים אַן אַנדערע פונקציע; די היט זיין שלאָף און
די פּאַסט אויף אויף די קנעפּ פון זיינע פּאַדזשאַמעס. דער גראַד־נאָזי־
קער און מיסטיש־אויגיקע, הייסט ער אָבער „אַנקינדיקן זיין דיכטע־
רישן רום" אין אַלע „פיר עקן און סוב־עקן", און דערציילן דער וועלט
זיין גרויסקייט . . . דאָ קומט שוין פאַר איינוועגס אַ בילד פון „שונאים
און בייזע לייט", וואָס „טוען און מיען זיך עס זאָל פאַרגעסן ווערן דאָס
גערעכעניש אין דיכטערלאַנד פון דעם פּרינץ שבפּרינץ" . . . איז דאָס
אַ כאַראַקטעריסטישער אויפמיש פון אַן אינזיכיסטישן דיכטער, אַ
געקריוודעטן — אין דער דיכטונג גופא, און אַן צווייפל אַ דיכטערישער
אַנוואונק, אויף לעיעלעס' אייגענעם גורל און געראַנגל אין אונדזער ליי־
טעראַטור.

ווער איז ער, אָט דער פאַביוס לינד?

לויט זיינע אייגענע רייד, איז ער דער „וואָס קלעטערט אויף טרעפּן

און טרעפֿן צו באַגעגענען. און געשעעט די באַגעגעניש — אַנטלויפֿט ער אין איילעניש צוריק."

פֿאַרוואָס?

„ווייל שטרייט איז מיר דערווידער. כ'מוז זיין געווינער אָן געראַנגל."

איז דאָס אוודאי א ווידערשפּרוך צו דעם גאַנג פֿון אונדזער צייט, וואָס גייט ממש אָפּ מיט בלוט, פֿאַר אַלע אירע געווינסן און נידערלאַגעס.

פֿאַביוס לינד פֿאַרפֿירט מיט זיך א שמועס, ווי מיט א צווייטער פּערזאָן. ער רעדט וועגן זיך ווי ער וואָלט געווען א פּאָטעל, וואָס לאַדט איין „זיך צו זעצן אין אים." איז אָבער זיין גורל — דער גורל פֿון אונדזער דור — א טראַגישער, און ער „בלייבט אליין" — אומבאַזעצט . . . פּראָבירט ער און ווערט ווי א שויב, דורך וועלכער „ליכט און פֿינצטערניש זיינען געגאַנגען." און אויך דאָ איז ער אליין „געבליבן בלאַנק און אומבארירט." פֿאַרקריכט ער פּלוצים אין א הייל, וואו ער וויל „בעטן זיין גרויס געבעט," „אויסבעטן דעם געהאַרטן נס" און ער וואַרט „געדולדיק," עס זאָל געשען דאָס איבערקערעניש מיט אים." דאָ טויכן אויף, ווי אין א קאַראַהאָד — זיינע „אַלע פּערסאָנאַזשן"; די אויסטערלישע פּרוי, דער באַלאַגאַן מיט די צען ווייבער, און אויך דאָ איז ער אליין מיט זיין אומרייפֿקייט. דאָ „וואַרט ער אויף א נס." ער גלויבט, אז עס איז דאָ אַן ארויסגאַנג און ער רעדט צו אים אזוי —

„קום שנעל — פֿיל זיך און טעכטער צו געבערן,
מיר זאָלן נייער מענטשן־אָנהייב ווערן."

אין אָט דעם „מענטשן־אָנהייב" וואָרצלט דער תוך און זין פֿון לעיעלעס' פּאָעמע.

דער „דער נייער מענטשן־אָנהייב" איז נויטיק, ווייל —
„נישטאָ קיין דורות מער איצונדערט."

זיי זיינען טויט, אָט די פֿון יענער זייט, און „עס איז אזוי באַשערט פֿון אָנהייב אָן." און פֿאַביוס לינדן ווערט טרויעריק. פֿאַביוס לינד לאַכט.

פֿאַביוס לינד ווייסט נישט „וואָס ס'איז פֿליכט." דערפֿאַר אָבער שפּירט ער „צו גוט און טיף דעם האַרבן טעם פֿון צוואַנג, די ביטערקייט פֿון צוים." ער טרייסט זיך דערמיט, וואָס — „עס פֿרעגט אונדז קיינער נישט. מען לעבט ווייל עמיץ הייסט. און יעדער דור מוז אויסטראָגן די האַרטע לאַסט פֿונסניי."

איז טאַקע טרויעריק צו לעבן בלויז צוליב דעם, וואָס „עמיץ הייסט."

דער באַנאַלער עמיץ קריגט דאָ א פּאָעטישן ווידערגעבורט דורך א. לעיעלעסן, מיט א מעטאַפֿיזישן הינטערגרונט. מיר פֿערזענליך איז

ער אפילו נישט אזוי סימפּאַטיש, אַט דער אומפּארמיידלאכער „עמיץ" — דערפאַר אָבער איז מיר יאָ איינגן דעם דיכטערס היפּאָטעזע, אז „יעדער דור מוז אויסטראָגן די האַרטע לאַסט פונסניי." מיר מוזן עס און טוען דאָס.

דער גנזאַנג פון לעיעלעס' דור, איז דורכגעוויייטיקט ביז שגעון. ער זינגט —

„מיין דור האָט פיל געזען און מערער נאָך געהערט.
דול דורכגעפיבערט א יאָרהונדערט אין איין שפּאַן.
צעקלעמט באַגערט ער רויטן האָן, צי טויב, צי שוואַן.
צעטומלט טויט ער אַלע דריי מיט בלינדער שווערד.
עס איז דער דור פון לאַנגען האַס און לאַנגער נויט,
און נישט קיין אויסלייזער — אָ תליון איז דאָס וואָרט.
עס שטייען ברידער פינצטערע ווי ערב מאָרד,
און ביידע ריידן רייד און קיינער קיינעס טרויט.
די נויט מאַכט גרויסע גוט און קליינע מאַכט זי בייז,
און גוטס מיט בייזן האָבן זיך צונויפגעמישט.
און דאָ האָט מיך מיין קורצע קאַרגע שעה דערווישט
און דאָ שטיי איך אין מיין געפּלעפּטער, גאַנצער גרייס."

א טראַגיש בילד פון א טראַגישער צייט; א דור וואָס איז דורכגע־בלוטיקט פון דורכאויסיקע פיינען און ליידן, גרוילט ארויס פון לעיע־לעס' „דער דור."

אין זיין „פּאָרטרעט 1933" חוזק'ט דער דיכטער גאַליק איבער דעם זיג פון פאַשיזם. לעיעלעס איז אָבער גלייכצייטיק גלוביק. זיין ליד „איך גלויב" איז א הימן צו דעם „נייעם מענטש פון מונטער אויסגעלייזטער מי". ס'איז אַן הימן צו ארבעט. דער דיכטער ווייסט, אז —

„די טויטנויט שרייט אין פלאַם פון רויטער פאָן"
און ער גריסט „די בשורה פון דעם אינטערנאַציאָנאַל."

גריסנדיק די בשורה פון דעם אינטערנאַציאָנאַל מיינט אָבער נישט, אז לעיעלעס איז א בלינדער גלויביקער וואָס נעמט אַלץ אָן פאַר גוט געלט. אין זיין באַגייסטערונג פארגעסט ער נישט צו פרעגן —

„דאַרפן געדערכטע דעם אָנשפּאַר גליטשיקן פון ליגן ?"

און ווען צייטונגען קאָמוניסטישע און סאָוועטישע שרייבן, אז „טראָצקי איז א סאָציאַל־היטלעריסט", פארצייכנט ער א „רעדע באַם בראָנקס טייך" אין וועלכער ער ווייזט אָן, אז —

„צו א שאָלאַכץ האַרטער קאָן איינדאַרן דער אמת
ווי ער קאָן צובליען זיך צו אין סוף און לויטער פרייד."

און גלייכצייטיק פרעגט ער מיט שרעק —

„וואוהין, וואוהין, חברים ?"

לעיעלעס ווייסט, אז —

„די וועלט און איך —
דיזעלבע קראַפט.
איך בין אין איר
צו יעדער שעה.
נאָר זי אין מיר
איז אויכעט דאָ.״

אין דעם באַשטעטיקט זיך אייגענטליך די טעאָרעטישע באַגרינ־דונג פון דער אינזיכיסטישער שולע.

ער פאַרשטייט, אז —

„אליין ווי נישט
אין דיר און רו.
אינאיינעם אלץ,
דורך אלץ — אויך דו.״

אָן אומפאַרמיידלאַכער אמת לגבי די אינטערעסן פון דעם יחיד, וואָס מוזן זיך אידענטיפיצירן מיט דעם גורל פון דעם כלל. זינגט טאַקע לע־יעלעס אין דעמזעלבן געזאַנג „צו דיר — צו מיר״ —

„און כ׳זינג מיין ליד
וואָס איז מיין זין,
צו דיר אָ וועלט,
צו מיר, וואָס כ׳בין.
ווער ס׳זעט בלויז זיך
איז בלינד און טויב,
זיין טייל איז ווינט,
וואָס בעזימט שטויב.״

דאָס איז אַ דערגרייכונג נישט נאָר פאַר לעיעלעסן, נאָר פאַר אונד־זער היינטצייטיקער דיכטונג בכלל, וואָס מוז אינזיך כולל זיין דאָס געזאַנג פון אונדזער צייט.

דערפאַר אזאַ באַגייסטערונג פאַר דעם זיג פון דער רוסישער רע־וואָלוציע, די גרעסטע געשעעניש פון אונדזער צייט. דערפאַר די „טריליאַניקע וואָר״ זיינע, זיין „גליקוואונש דעם גרויסן פּלאַן.״ זיין הימן „טריליאַניקע וואָר״ איז אָבער נישט דער הימן פון אַן אקטיוון אנטיילנעמער, נאָר דער הימן פון אַ באַגייסטערטן דיכטער וואָס פרייד זיך מיט דעם זיג פון דער רעוואָלוציע איבער דער רעאַקציע, און האָפט צו בענטשן נאָך מער די בשורה פון יענעם פּלאַן „ווען אין זוניקע היי־מען וועט זעט פאַרמעקן די האַרטקייט פון טעג, פאַרדעקן די האַרטע־רע וואָכן.״

אין דעמזעלבן הימן חלומ׳ט לעיעלעס אויס „אַ יום טוב פון אור־ערשטן גאַנג״, ווען ער עפנט דאָס פענצטער „צו ווייזן דער זון

דעם פּלאַן פון דיין לייב, דעם נצחון דערפון." און דאָס געזיכט ווערט פאַרוואַנדלט אין א הימן „צום ליכט." דער מענטש אין דעם מענטשן ווערט דערפירט און דערהויבן צו דעם אורשפּרינגלאַכן זין פון זיין זיין, נאָך דעם ווי ער דערהויבט זיך איבער אלע פּלענער און באפרייט זיך פון זייער לאַסט.

פאביוס לינד לאָזט זיך אוועק מיט דעם פרילינג „אין ראנגל מיט זיין אייגן בלוט און גאַל." און אז ער איז „מיט זיך אליין אין קריג, איז ער געוויס מיט זיין דור נישט בשלום." ער קומט ביסלאַכ־ווייז ארויף אויף די שליאַכן פון דעם „יידיש־דיכטער" און ער זינגט וועגן אים אומגעפער אזוי —

„אין יידיש־לאַנד איז וואָך ווי לאַנגער פרייטיק —
קאַרטאָפל, הערינג און אַ דאַנק דערפאַר,
א וואָרט צי צוויי, דערמאָנונג אין דער צייטונג
ווער רעדט צוויי קאָלומס — און ס'איז הויכער שכר."

די איראָניע דערפון איז נישט נויטיק צו אונטערשטרייכן.
אזוי גייט ער זיך — פאביוס לינד — „זעט, און פארנעמט."
צו זען און פארנעמען איז אגב א מדרגה אַן־און־פאַר זיך.

נאָר מער פון אַלץ פארנעמט ער דעם „רוף פון ווילן און זיין גאַנג געהיים." „ער ליבט מיט ליב, וואָס איבער ווייגען — לאָכן, די דיכ־טער־גאַס די יידישע, זיין היים."

מיט דעם גאַנג פון פרילינג ווערט „אויך פאביוס לינדס געמיט זאַפטיק הארב. עס גייט דורך אים דער פלאַטער, זיס און ביטער, וואָס וואַקסן ברענגט — און שניידט אויך איין א קאַרב."

פאביוס לינד קען אָבער נישט „האַלטן קאַנטאָ." ער זינגט —

„נישט מיר פאַרשטייען די חוצפה פון דער ערד,
דעם איינפאַל, אַז דאָרט ערגיץ וואָרט א יום טוב,
און צו געפינען אים איז אייך באַשערט."

איז דאָס אוודאי א שלעכטער אויספיר, גאָרנישט אין הסכם מיט דער רעוואָלוציע וואָס זאָגט יאָ פאַראויס אזא יום טוב. במילא איז דאס זיכער אויך נישט אין הסכם מיט „דעם גרויסן פלאַן", וועמען אונדזער דיכ־טער האָט ערשט אזא פייערדיקן גליקוואונש געשיקט.

ער פאַרענדיקט —

„איז וואָס דו פרעגסט, אָ פרעגער פיל־מיליאָנטער —
אויך אונדז גיט אָפּט א ברי דער חשק: בונט!
נאָך . . . ס'ווינקט אויך שמייכל אין דעם סומנעם פלאָנטער,
און — מיט אַ פייף — ווערט וואונדער פון דער וואונד . . .

ס'איז מיר אפילו שווער צו פארשטיין ווי אזוי עס קען „מיט א פייף" ווערן „וואונדער פון דער וואונד", דערפאַר אָבער איז פאַר מיר קלאָר, אז דאָס איז דער געגאַרטער נס פון פאביוס לינד — לעיעלעם.

דער געבוי פון דער פּאָעמע פּאַלט צונויף מיט דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון דער אינזיכיסטישער שולע, וואָס פאַרנעמט שוין אַ זעלבסטשטענדיק פּלאַץ אין אונדזער דיכטונג און איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש פאַר א. לעיעלעס׳ן, וואָס האָט — ווי געזאָגט — זייער אַ סך בייגעשטייערט צו דער אויסברייטערונג פון איר סטרוקטור און צו דעם אַרויספיר פון אונדזער ליד אויף יידיש, אויף דורכאויס וועלטלאַכע שליאַכן.

זיין דיכטערישע פּראָזע, די עסיי זיינע — איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אַן און פאַר זיך. דאָ, מיר דוכט — פּילט לעיעלעס אויס אַ בלויז אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, אגיף וויפל זי איז באַ אונדז אַ יש — מיט זיין ספּעציפיש אַנאַליטישן און לאַבאָראַטאָרישן צוגאַנג צו אַ ליד, אין דעטאַלן. דאָס איז זיכער אַ דאַנקבאַרע אַרבעט פאַר אונדזערע לייענער, אַזוי גוט ווי פאַר אונדזערע דיכטער . . . און כאָטש לעיעלעס דריקט זיך ערגיץ אויס, אַז „מיר שרייבן דערוויל פון אונד־זער אייגענער הנאה וועגן — פּראָסט און בוכשטעבליך”, בין איך — דער ל י י ע נ ע ר — אונטער דעם איינדרוק, אַז דער לייענער אונדזע־רער אָן פּרעטענזיעס, אויף וויפל מיר פאַרמאָגן אים — האָט אויך פון צייט צו צייט הנאה פון זיינע דיכטערישע אַרבעטן. און ווי לעיעלעס׳ אַ לייענער, בין איך דעריבער מיט אים מסכים ווען ער זינגט:

„אויך איך האָב אויפגעבויט זיך דאָרט אַ מאָנומענט,
וואו צייט האָט נישט קיין היינט, קיין שליטה — פאַלשע הענט.
זאָל שנאה אונטערוואַרפן מיר פאַר׳סמ׳טע זאָמען,
דערפון וועט וואַקסן העכער, אייביקער מיין נאָמען.”

## א. לוצקי — בראשית אינמיטן

א. לוצקי איז כולו געזאַנג.

אַז לוצקי רירט זיך צו צו דער „טויטער וועלט”, הויבט זי גלייך אָן צו וויברירן מיט לעבן, אויף אַ וואונדערלעכן אופן.

לוצקי איז אייגנאַרטיק אין זיין אוממיטלבאַרקייט, אָריגינעל אין זיין באַנעם פון דער וועלט, און אינטערעסאַנט אין זיין תמימות — דאָס פּאָעטישע פילאָזאָפירן זיינס.

א. לוצקי איז כולו געזאַנג.

לוצקי גייט ניט פאַרלוירן אין זיין „פּאָעטישע פילאָסאָפיע איבער ווערן און צעשטערן”, נאָר לויכט אין געגנטייל אויף, וואַקסט אַרויס, אַרויף־און־אַריבער דעם „חושך (וואָס) האָט געהאַט אַ זעאונג וועגן קלאָר.” און פון דעם גאַנצן פּלאָנטער פון „אַ געוועזן אינדערמיט”, קוקט ער מיר אויס ווי דער חלום פון אַ קינד, ווי זיין —

„אַ שטיינדעלע, וואָס האָט אַ פּנים ווי אַ מענטש.
פאַרכאַפּט פון אַלץ — אַליין.

## אימפרעסיעס פון א לייענער

איך — אַ נפשל פון שטיין:
אה!"
פאַרוואָס?
ווייל לוצקי, ווי אַ דיכטער פון כולו געזאַנג — איז טאַקע „פאַר־כאַפּט פון אַליץ"; דער גאַנצער קאָסמאָס, אויף וויפיל ער באַנעמט אים מיט זיין —
„וויסן פון נישט וויסן,
וואָס איז טיפער נאָך פון וויסן —
וויברירט אין זיינע „לידער — מיינע גלידער", וואָס „ווילן לעבן אין די לידער" זיינע.

לוצקי באַהערשט זיין וואָרט און באַצווינגט דיך דערמיט; ער נעמט דיך דורך און דורך מיט דעם וואָרט זיינעם. אים גלויב איך ווען ער זאָגט: —
„איך בין ערלאַך מיט מיין וואָרט — אַזוי ווי שלאָף."
דער בעסטער באַווייז דאַרויף זיינען אַלע זיינע דיכטערישע אַרבעטן, מיט זייער שפּרודלדיקן מהות וואָס פאַרכאַפּן דיך מיט דעם רייץ פון די ניאַגאַרא וואַסער־פאַלן, און מיט זייער אינוויינקסטן ריטם און וויזיאָנערישער עשירות, כאָטש דאָ און דאָרטן לידן זיינע פּערזן פון טיילווייזן פּילפּול, וואָס פירט אים במילא צו אַן איבערפלוס פון גע־גראַמטע רייד, וואָס גרעניצן זיך מיט אייגענעם שאַבלאָן, באַנאַלי־טעט — אויב דו ווילסט.

לוצקי, דער דיכטער פון דער „טוימער וועלט" — שעפּט זיין טעמאַטיק באַ דער דרויסנדיקער וועלט, באַ אַליץ וואָס לאָזט זיך זען, הערן, אָנטאַפּן, פילן און באַנעמען; ער באַפלייסט און באַ'בלוט עס מיט דער עשירות פון זיין עמאָציאָנעלן לעבן און גיסט זיך דערמיט אין אַן איינהייט צענויף, ווי מיט דעם „באַפעל פון אחד": אחד — ער. ער—אחד!

א. לוצקי, ווי אַ מענטש מיט אַלע פּאָטענצן פון אַ באַגאַבטן דיכ־טער — זינגט:
„באַ די צווייגן, לערן איך דעם יחוס,
פון פאַרנויגנדיקע שורות."
און „דער יחוס פון פאַרנויגנדיקע שורות" ווערט באַ אים — אין זיין דיכטונג — אַזוי פּאַראייגנט, אַז די צווייגן טרעטן אָפּ אין הינטערגרונט און גיבן אים אליין — לוצקי'ן — אָפּ, דעם אויבנאָן.
לוצקי'ס שעפערישקייט איז אַ מ ו ז —
„שאַפן איז אַ מוז אין מיר — ווי זינד.
אַלע מיינע חושים קלאַמערן צום וואָרט —
וואָס זאָל מיך זעטיקן."
קלאַמערט ער אָבער שוין צו צום וואָרט וואָס זעטיקט אים, זע־

טיקט ע ר שוין אַליין אויך דאָס וואָרט גענגזייטיק צוריק; דער חותם פון זיין פ ע ר ז ע נ ל א כ ק י י ט , ווערט פון אים אַריבער און אַריינגע'כישופ'ט אין דעם וואָרט, וואָס ווערט דורכאויס ז י י ן ו ו אָ ר ט.

און נאָך מער —

„איך ווער צעפלאַמט מיט יעדער שורה —
אַלעמאָל צום ערשטן מאָל!"

דאָ קאָנסטו ממש אָנטאַפּן מיט די פינגער דעם אוממיטלבארן אמת פון דעם דיכטער, וואָס גרעניצט זיך מיט דער פשוט'קייט פון דער אויפריכטיגקייט אַליין.

א. לוצקי איז ווי דער ים; אַלעמאָל דערזעלבער און אַלעמאָל ניי. זינגט ער טאַקע וועגן זיך אַזוי:

„אַ ים — צעשפּרייט אין מיר אַ שוואונג —
צו זען קלאָר.
צו זען טיף.
און תמיד ניי.
אַזוי ווי ים."

זעט טאַקע לוצקי קלאָר, ווייט און טיף. אַלעמאָל איז ער אינטע־רעסאַנט און ניי, ווייט און פרעמד פון וועמנס איינפלוס. און אייביק פילט ער, ווי —

„ס'איז אין מיר געזאַנג — ניט אויסצוזינגען.
ס'איז אין מיר אַ קוואַל — ניט אויסצושעפּן.
ס'איז אין מיר אַ מוז — צו מוזן מייסטערן."

מייסטערט ער טאַקע אויף זיין אייגענעם, טיפּיש לוצקיאַנישן אופן:

„איך שלייף און דרייף אַרום מיט צויבער־זילבן —
מיינע ציטערדיקע ווייען."

לוצקי'ס „בראשית־אינמיטן" איז אַ פּאָעטישער פּאַרמעסט, זיך אַריינצוטיפן אין די יסודות פון דער יצירה. לוצקי האָט באַ זיך באַ־שלאָסן, צו —

„חלומ'ן דאָס לעבן —
מיט דער בלויקייט פון פרימאָרגן."

חלומ'ט ער דאָס לעבן מיט אַלע חנ'ן, גלוסטעניש און רייצן פון אַ דיכטער. עס דוכט זיך אים, אַז אַלץ איז פאַר אים קלאָר; די ניט־קלאָרקייטן פאַרוואַנדלט ער אין קלאָרקייטן און — פאַרקערט...

... און אַז לוצקי בלייבט שטיין פאַר דעם וואונדער פון דער וועלט און ער דערזעט זיך אַליין אין איר, פּשטל'ט ער דעם באַשייד פון זיין זיין, אַזוי: —

„איך טובל זיך אין וועלט.
איך בין אַ וויל — און שאַף זיך דוויער."

איז דער זיין בלויז א ווייל און שאפן פאר זיך דויער אינזיך כולל דעם זין און אמת פון דער דויערהאפטיגקייט פון דעם מין מענטש אויף דער וועלט, דאָ פּאָעטיש איבערגעגעבן אין צוויי שורות. און אזוי הויבט לוצקי פאר אונדז ביסלאַכווייז אויף דעם פאָרהאנג פון דעם וועלט־געשעען. ער זינגט —

„ס׳איז אַ וועלן אינם ווילן.
אַלע זיינען דאָ צו וועלן.
יעדער זיין איז ניי און וואונדער. —
אַלע צוזאַמען און באַזונדער.״

און אַז לוצקי דערמאָנט אייך, אז עס

„איז געווען דער באַפעל פון אחד —
אַ באַפעל פון אַריבערן אחד. —
און וואָס סע איז געזאָגט געוואָרן —
איז געבליבן.
איז פאַרבליבן צו ווערן,
אויף אַלע צייטן.
אויף אַלע אייביגקייטן.״

דערמאָנט עס אייך בלויז אָן דעם אייביקן אמת, אז די פּאָעזיע האָט זיך אַלעמאָל געשוועסטערט מיט דער פילאָסאָפיע. איז ווער עס וויל נעמט פאר זיך דאָס בעסטע, לויט דעם געשמאַק זיינעם. מיר — אין לוצקין — געפעלן זיי ביידע.

לוצקי דערציילט אונדז, אז דער ערשטער וויי פון איידער־איידער איז געווען:

„אַ ווילן אין מיר צו וועלן!
איז געווען דער וויי פון איידער־איידער:
איך! — וויל!״

און כאָטש ער קומט צו דעם אויספיר —

„און וואָס ס׳עט זיין —
וועט זיין אויף הפקר אומצוקומען.
וועט זיין אין שפּאַר פון צווייטנס קומען —
אומצוקומען.״

וואָס איז אָן אמת אָן און פאר זיך, שטערט עס אים אָבער ניט צו באַנעמען דעם זינלאַכן געלוסט פון דער וועלט —

„צו באַצויבערן דאָס לעבן אין דער וועלט.״

לוצקי ווערט אָבער גלייכצייטיק ניט פאר׳שיכור׳ט און פאַרבלענדט פון אָט דער פארצויבערונג. מיט אַלע זיינע חושים פילט ער און ווייסט, אַז אין דער ווייט פון צייט וועט

„אין יעדן וועלק בליען טרויער.״

און אַז —

„אַ קינד פון ערשט געבוירן
וועט שוין הויערן מיט טריבקייט פון פאַרלוירן."
און אז —
„אַלע ברואים וועלן זיין געבויגן צו דער ערד.
נאָר צו זעטן זיך פון ערד."
ס'אר א געזונטע ערדישקייט עס שטארצט ארויס פון אָט די שורות!
און עס וועט דער עיקרשט —
„זיין דער מענטש!"
און אז דער מענטש, קרוין פון דער יצירה — וועט שוין זיין, וועט ענדליך
„דאָס קול פון מענטש"
זיין
„דאָס קול פון גאָר דער וועלט."
און וואו ער, דער מענטש וועט זיין —
„וועט זיין באַזיגט די וועלט."
פארוואָס?
ווייל —
„מענטש וועט זיין דער שטאָלץ פון אַלע מינים."
און, ווייל —
„מענטש וועט זיך דערזען אין אומעטום —
אזוי ווי גאָט."
דאָ האָט לוצקי, מיר דוכט — אריינגעבראכט דעם זינלאַכסטן מאָמענט אין זיין דיכטונג פון זיין „בראשית־אינמיטן" — דעם מענטש. ווייל פּאָעזיע האָט פאר אונדז בלויז דאן א ווערט, אויף וויפל מיר גע־פינען זיך־אַליין אין איר; אויף וויפל זי שפיגלט אינזיך אָפּ אונדזער לעבן, עמאָציאָנעל.
און אז לוצקי דערגרייכט שוין דעם מענטשן, פארטיפט ער זיך שוין גלייכצייטיק אויך אין זיין וואָרט. ער זינגט —
„וועט זיין דאָס וואָרט פון מענטש —
אַריבער יעדן ווערט.
נאָר די תורה אין די ווערטער —
וועט נישט גילטן אויף דער ערד."
און ווייטער —
„וועט זיין דער חלום אין די ווערטער —
אין די העלסטע קלאָרן.
נאָר די טוגנט פון די ווערטער —
וועט נישט וואָרן."
איז דאָס אפילו א טרויעריקער, אָבער פאקטישער ס"ה; א פעסי־

מיסטישער אויסגאַנג באַזירט אויף דעם אמת, איבערגעגעבן אין אַ געלייטערטער און קאָנדענסירטער פאָרם, אין פולן הסכם מיט וואָרער דיכטונג וואָס פאַרקערפּערט אינזיך אַלעמאָל דעם אמת, ווי טרויעריק דער אמת זאָל ניט זיין.

און דער טרויעריקסטער פינאַל דערפון איז —

„אַז מענטש וועט אייביק ווילדן אויף דער ערד !"

און וואָס איז בכלל דער זין, דער פונדאַמענטאַלער — פון אַלץ וואָס לעבט אויף דער וועלט? דער זין, לויט לוצקי'ס פילאָסאָפיש־דיכטערישן באַנעם — איז

„אומעטום וועט זיין געשריי: איך !

לויטן ערשטן ווי געשריי פון איידער־איידער:

איך — וויל !"

לוצקי'ן פאַרלאָזט אויך ניט זיין הומאָר. אויף אַ מינוט טרעט ער אָפּ פון דעם מענטשן און פאַרטראַכט זיך וועגן גאָט. זינגט ער וועגן גאָט אַזוי : —

„גאָט אַליין — איז ניט אַליין —

אַ פּאַראַיין.

אַ געזעלשאַפט פון געטער :

יהוה, אל, שדי, אליהם, אדוני.

און דער בונד פון אַלע געטער —

איז אַ סוד :

אחד."

דער איינגנטלאַכער לוצקי אָבער, ווי מיר געדענקען אים פון זיין „אומעטיק און פריילאך"—שלאָגט אָבער אָן זיין געלונגנסטן טאָן אין זיין „בראשית־אינמיטן", באַם סוף פון זיין זיבעטן אריינפיר, אין זיין „אַ פאָרהאַנג צערעט זיך", וואָס פאַרכאַפּט דיך ממש מיט זיין אָריגי־נעלן חן און שפּילעוודיקן ריטם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. דאָ קומט באַ אים צום אויסדרוק די אוממיטלבאַרקייט אַליין, אָן פילאָסאָפישן אָנשטעל. דער עיקרשט, אָן קונצן.

אין זיין אריינפיר צו זיינע „געהיימען אין דער וועלט" דערנענ־טערט זיך לוצקי צו זיך אַליין. ער זינגט : —

„איך בין אויך אַ זון.

איך בין אויך אַ קוואַל.

איך קום ארויס פון חושך

מיט אַ העלקייט צו באַלייכטן.

איך קוואַל אַרויס פון טיפן צו דערהויבן.

איך בין וועלטס אַ זינגער — צו באַזינגען."

דאָ, מיר דוכט — האָבן מיר דעם שליסל צו דעם נס לוצקי; לוצקי

א י ז דער „וועלטס א זינגער.״ און די מיסיע זיינע איז — ד י וועלט צו באזינגען!

לוצקי ווייסט דעם סוד פון טיפן און פארטיפן זיך אין די געהיימען פון דער וועלט. אין אַן אַלטן בוים געפינט ער —

„צויבער־איבעראַש.
זקן־בוים איז אינעווייניק נאָך אַ קינד.״

קען אפילו געמאָלט זיין, אז עמיצער האָט עס פריער, פאַר אים — געוואוסט. אויף לוצקי׳ס גורל איז אָבער קאָנטיק אויסגעפאַלן צו מאכן די, און ענלאכע — אנטדעקונגען פון די „געהיימען אין דער וועלט״, אין אונדזער דיכטונג. און געמאַכט האָט ער זיי אויף גאָר אַן אָריגינעלן אופן. געגעבן — אין אַ געלייטערטער פאָרם.

פון „אַן עפּל אויף דער ערד״ לערנט לוצקי אראָפּ דעם באשייד, אַז —

„וואָס די ערד געבערט —
פאַרצערט.
וואָס די ערד באַגערט —
ווערט.״

איז עס דאַכט זיך פּשוט? פון אָט דער פּשוט׳קייט אָבער, צויבערט אויף די געניאַליטעט לוצקי׳ס, ווי עס צויבערט אויף די געניאַליטעט פון קנוט האַמסון פון אַלע זיינע פּראָזע־דיכטונגען.

אין זיין „קאַמף אין דער טויטער וועלט״ פילט זיך לוצקי ווי אַ פיש אין וואַסער. דאָ איז לוצקי היימיש און נאָענט צו זיין „אומעטיק און פריילאך.״ דאָ, ווי אין זיין ערשטן בוך — האָבן זיינע לידער אַ סימפאָנישן פאַרנעם. דאָ, ווי דאָרט — און אפשר דאָ נאָך מער ווי דאָרט — איז זיין „וואַסערפאַל״, די זעלטענסטע סימפאָניע אין ווערטער.

זיין „וואַסערפאַל״ אליין, באַרעכטיקט זיין „בראשית־אינמיטן״!

לוצקי טראַכט בליצנאַרטיק. באַ אים זיינען „ווינטן — אַן אומרואיקע ראַסע״. „ים׳ן מאַכן טומל און טוען גאַרניט״, א. אַז. וו. און ווייטער.

דער ס״ה פון לוצקי׳ס „פּאָעטישע פילאָסאָפיע״ איז —

„תהו ובהו —
וועלן ווילדעווען צום סוף.
אַלעמאָל — בראשית־אינמיטן!״

און אין דעם אינמיטן פון זיין בראשית טויכט אויף ד ע ר מ ע נ ט ש, אין אַ זינלאַכן באַגער צו זיין.

„ז אָ ל ז י י ן ד ע ר מ ע נ ט ש!״ —
איז דער נערעוו פון „בראשית־אינמיטן״.

„איך בין דאָ — צו שאַפן שפּיל פון עיקר.
איך נאָענט זיך צו גרויסע וואונדער."

און דער עיקר פון לוצקים אייגענעם שפּיל, פאַלט אויף אַ וואונדערלאַכן אופן צונויף מיט דעם גאַנצן שפּיל פון דעם וועלטלאַכן באַשאַף, וועמנס יסודות לוצקי האָט געפּרוּוואוט און טיילווייז אויך באַנומען, אויף זיין אייגענעם — לוצקיאַנישן — פּאָעטישן אופן.

און אַז דער מענטש איז שוין דאָ — וועט ער „אַנדערן" אַלץ, לויט זיין ווילן און די קאַפּריזן זיינע. דער מענטש וועט זיך אגב נישט באַגיגנען מיט זיין גורל. ער —

„וועט שטייגן אין די הויכן
צו די הויכן פון די הויכן." —

אין אַ לוסטיקן באַגער, צו באַהערשן אַלע ספערן. און אַז דער מענטש וועט זיך דערהויבן צו דער העכסטער הויך זיינער —

„וועט זיין אַ קול
פון העכסטע איבער אַלע הויכן:
ה ע כ ע ר נ י ט ד ע ר ה ו י כ ן !"

לוצקי'ס געזאַנג פון „והיה באחרית הימים."

# מלכה לי — לידער

מלכה לי האָט זיך באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור ווי דער נאַטירלאַכער פועל יוצא פון די אָנגעהאַרבעטע אוצרות אין אונדזער דיכטונג. דערפאַר איז איר אפשר ניט אויסגעקומען אזוי פיל צו פּאַקן און צו מאָזלען, און שוין אַ היבשע צייט פריער, נאָך איידער איר ערשט בוך א. נ. „לידער" האָט זיך באַוויזן — האָט מען אין אונדזערע היימישע ליטעראַטור־קרייזן שוין פון איר גערעדט מיט ליבע און פאַרערונג, און אַ סך פון אונדז האָבן מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט אירע טריט.

מלכה לי'ס לידער אָטעמען מיט געזונטער און רייפער ערדישקייט.

אירע „געזאַנגען — רות", לייענען זיך ווי אַ מאָדערנער שיר השירים.

די עראָטיק אירע, כאָטש אָן איבערגעלאָדענע — שטאַרצט ארויס פון די מערסטע לידער אירע מיט אַ זעלטן קלוגער איינגעהאַלטנקייט, וואָס נעמט דיך אַרום און פאַרוויגט דיך מיט דער דינסטער צאַרטקייט און ערלאַכקייט פון ליבע מיידל־הענט.

לויט אירע אייגענע רייד קומט אויס, אַז מלכה לי שרייבט אירע לידער „אין קיך", „אָט אזוי באַם קאָכן", וואָס זענען „מסתמא ניט קיין גוטע." זי פילט אָבער גליכצייטיק אַליין, ווי אַ דאַנק אירע לידער ווערט „יום־טוב אינמיטן אינדערוואָכן", ווייל „ווי אַ וויינטרויב" איז זי „פול מיט לידער." און דאָס איז זיכער ניט איבערטריבן אויף אַ האָר !

און אַז בועז מיט רות'ן האָבן זיך (אין אירע לידער) באַגעגנט אין פעלד, „האָט בועז ווי אַ קוואַל געטרונקען אירע אויגן", און רות האָט איר ליבע מיט פולקייט, ווי זאַנג פאַרן שניט — מיט ציטיקן גערשטן איר אָטעם צעבליט." די עראָטיק ווערט דאָ דערפירט צו אַזאַ עקסטאַז, אַז אין איר געזאַנג פון „זיין"( (37) רופט זי אויס:

„און אינם אויסגעשריי פון פאַרגיין
זיין דער קוש פון טויט" . . .

טעמאַטיש זענען מלכה לי'ס לידער פיל־פאַרביק און רייך. זי איבעררעאַשט אָפט מיט אירע מעטאַפאָרן, אומגעריכטע גראַמען, און די בילדלאַכקייט אירע. באַ איר איז פאָרם און אינהאַלט, ווי באַ יעדן אמת'ן דיכטער — געקניפּט און געבונדן. אויף אַלץ רעאַגירט זי. זי שרייבט וועגן דער גרויסשטאָט, מיידלעך און פרויען, שאַפּ, אָקסן, מאַמעס, און וועגן וואָס ניט? פון די מערסטע לידער אירע אָטעמט אָבער טייל־וויז אַרויס די פרוי, וואָס פאַרנעמט כמעט דעם אויבנאָן אין איר דיכטונג. זאָגט זי דאָך אַליין:

„איך בין דער ווינט וואָס זוכט דיך אויף אַלע וועגן,
איך בין די ערד וואָס גאַרט נאָך רעגן.
קום צו מיר, גיס מיינע אברים אָן מיט לעבן."

אין אַן אַנדער ליד („פרוי") דריקט זי זיך אויס אַזוי:

„איך וועל זיך וויקלען דורך די נעכט אין טרערן.
מיט דיין שטאַרקייט — שטאַרקער ווערן.
מיט דיין גוטסקייט — בעסער ווערן."

אָדער —

„איך טרינק די ערלאַכקייט פון דיינע הענט."

און ווייטער (אין וואַכעניש):

„ערגעץ שלאָפסטו אין מיר, אין מיין ווייי,
ווי אום ווינטער דאָס גרין הינטער שניי."

און אַז זי ברוגז'ט זיך שוין אפילו אָן אויף איר נאָענטסטן און זי פילט זיך ממש „באַליידיקט" (2) וויינט די פרוי פון איר אַרויס:

„מיין קאָפּ איז אויסגעבויגן ווי צום שעכטן,
איך בין באַליידיקט נאָך פון נעכטן
און בעט אויפסניי מיינע צעפּ צעפלעכטן" . . .

אפילו אין איר ליד „רויטע פאַרנאַכטן", אין וועלכן עס איז איר געלונגען איבערצוגיבן די פיינלאַכסטע שטימונג פון ערב פּאָגראָם, אין רייכע קאָלירן, פאַרנעמט באַ איר די פרוי אין דער פרוי די אויבערהאַנט. זי שרייבט:

„אויפן בוידים אין ווייכן היי ליגן כלה־מוידן
זיי האָבן זיך פון שענדער באַהאַלטן אויבן . . .
שטעכט דער (דאָס) היי, רייצט די אָנגעבריטע לייבער:

זאָלן זיי קומען! נעמען אונדז פאַר ווייבער . . .

און ווייטער :

„העי זעלנער! וואַרף אַראָפּ די ביקס פון דיינע גלידער !

קום צו אונדז אויפ'ן געלעגער דאָ אַ מידער" . . .

אויבנאויף קלינגט דאָס אפילו מאָדנע, אויב ניט אינגאַנצן לעכערליך — ס'איז אָבער פאַרט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם עמאַציאָנעלן לעבן פון דער פרוי, און מלכה לי האָט דאָס אויסגעדריקט אוממיטלבאַר און שיין. אין דעם ליד „מיידלעך", וואו עס רעדט זיך וועגן „טיפן זיך אין פושקין און אין לענין", רופט זי אויס:

„וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר שטייען פאַר וועלטס געבערן :

אַז צום קושן צינדן זיך די ליפּן אויף די סקווערן" . . .

דערפאַר בין איך אונטער דעם איינדרוק, אַז מלכה לי איז ניט נאָר אַ באַגאַבטע דיכטערין, נאָר, זי האָט די פּאָטענציעלע מעגלאַכקייטן צו ווערן די אמת'ע פרויען־דיכטערין פון דער יידישער דיכטונג אין אמע־ריקאַ.

מלכה לי איז אויך ניט פאַרבייגעגאַנגען דעם סאָציאַלן אויפברויז פון אונדזער צייט אומבאַמערקט. איר פּאָעמע „מינדל" איז זייער געלונגען אָנגעשריבן אויף דער פאָן פון אונדזער אומרואיקער צייט. דורך מינדלען דערפילט מלכה לי און „זאָגט אָן", אַז „דער טאָג פון משפּט איז שוין דאָ", און זי הייסט איר „אַנטקעגן גיין די יונגען פון דער נייער וועלט", וואָס גייען „באַפרייען זיך און אַלע וועלטן." דאָס איז אַ דערגרייכונג אַן און פאַר זיך. און כאָטש זי אַליין האָט אין לעבן זיך אָנגעליטן און „אַ סך, אַ סך פאַרלוירן", וואָלט זי פונדעסט־וועגן „מיט קיינעם זיך ניט געביטן", ווייל „אין אַ מזל'דיקער שעה" איז זי „געבוירן."

## רחל ה. קאָרן — רויטער מאָן

בשעת רחל ה. קאָרן איז נאָך ארומגעגאַנגען מיט אַ „ברוינעם, קינדערישן קאָפּ" איבער דער „שמאָלער סטעזשקע" פון איר שטעטל, האָט זי פון איר גוטן פאָטער זיך שוין אויסגעלערנט צו „ליבן דאָס לעבן." שפּעטער צו, אין לויף פון יאָרן — האָט זי אויף אַן אומ־מיטלבאַרן אופן דאָס לעבן אין לידער אויסגעזונגען, לידער — לירישע און פּערפעקטע, וואָס שטעלן מיט זיך איצט פאָר, לויט דעם מוסטער פון איר „רויטער מאָן" — איינעם פון די שענסטע עטאַפּן פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג.

די אומרו אירע האָט אונדזער דורכאויס ערדישע דיכטערין רחל ה. קאָרן אוועקגעיאָגט פון איר היים.

„פון גרינע לאָנקעס און פון קאַרשנבוימער

אין שטעט, וואָס ברענען מיט אַספּאַלט די פיס אפילו דורך דעם שטאַרקסטן לעדער.
און זי קאָנסטאַטירט ווייטער, אז —
„עס איז מיין לעבן, ווי א הויז אָן פענצטער און טירן
פריי פאַר אַלע ווינטן און פאַר אַלע שטורמס,
און מיין האַרץ, ווי אַ ליפ
וויל אויסטרינקען די שוואַרצע כמאַרעס איבער קוימנס פון פאבריקן,
וואָס האַגלען מיט האַרטע טראָפּנס מענטשנ־שווייס
און רעגענען מיט קינדערישע טרערן.“
און אין אָט די שטעט, וועגן וועלכע זי רעדט — האָט זי איינציקווייז, ווי פּערל אויפגעקליבן „די האַרטע טראָפּנס מענטשנשוויים“ און גלייכ־צייטיק מיט איר „היים, גרינע לאָנקעס און קאַרשנבוימער“, זיי אַלע פאַרוואַנדלט אין רירנדע לידער, אָן דער מינדסטער פּרעטענזיע אויף פראָלעטאַרישקייט, כאָטש איר „א קויש מיט ציטרינען“, „די דינסט“, „די שטיוול“ און אַ סך אַנדערע לידער אירע, קענען און זאָלן גענומען ווערן ווי מוסטערן פון סאָציאַלע לידער היינטצייטיקע, אָן דעם באַקאַנטן נוסח פון שאַבלאָן פון אונדזערע פּרעטענדענטן אויף פּראָלעטאַרישקייט.

רחל ה. קאָרן האָט דערפירט איר לידער־בוך „רויטער מאָן“ צו דעם הויכפּונקט פון מענטשלאַכער טראַגיק. זי איבערראַשט איינפאַך דעם לייענער מיט דער פערפעקטער פאָרם, לעקסיק און דורכאויס בילדלאַכן מעטאַפאָר, וואָס איז באמת אייגנאַרטיק — פון אירע לידער. יעדער פערז אירער ברענגט מיט זיך נייקייט און שפּיגלט אינזיך אָפּ, אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן — די שענסטע פאָרם־דערגרייכונגען פון אונדזער היינטצייטיקער פּאָעזיע אין אונדזער צעצווייגטער ליטעראַטור.

איר באַציאונג צום לעבן איז אַ דורכאויס טראַגישע, וואָס פּאַלט אגב אַזוי צונויף מיט דער טראַגיק פון דעם איצטיקן לעבן בכלל, און אונדזער יידיש לעבן — בפרט.

און ווייל רחל ה. קאָרן ווייסט און פאַרשטייט, אז —
„עס איז נאָך אַלץ דערזעלבער הימל איבער אונדז“
זינגט זי פון ליבע אין אַ צייט פון אבסאָלוטער שנאה. אירע ליבע־לידער זיינען אגב אומפאַרגלייכליך לירישע־שיין. און כאָטש זיי זיי־נען, ווי די מערסטע לידער אירע — זייער פּאַטעטיש, און אַלע זיינען זיי געשריבן אין רעטראָספּעקט; און כאָטש מיר לעבן אין אַ דורכאויס מאַטעריאַליסטישער צייט אָן דער אילוזיע פון ראָמאַנטיק; אין אַ צייט פון שנאה צווישן מענטש און מענטש, אין אַ צייט פון חורבן און אומקום — ווילט זיך זיי פונדעסטוועגן לייענען און לייענען, און זיי אויך רעקאָמענדירן אונדזער לייענער.

איר טראַגישע באַציאונג צו דעם לעבן, די כאַראַקטעריסטישסטע

איינגעשאַפט פון א דיכטערישער פערזענלאַכקייט — דריקט זיך בא איר אוים ניט דווקא בלויז אין די ליבע־לידער אירע, נאָר — דער עיקרשט און הויפּטזעכליך, אין די אַלגעמיינע לידער פון איר בוך „רויטער מאָן", וואָס —

„מען טרעפט אים איבעראַל, אין פעלד, באַם ראַנד פון וועגן,
ווי ס'וואָלט די ערד פון לאַנגן טרוימען מיד,
צום הימל זיך צעעפנט מיט די רויטע שטערן
און אויסגעפיבערט דאָס פלאַמענדיקסטע ליד."

ווי זי אַליין טוט דאָס, אויף אַזא געלונגענעם און גאָר פיינעם אופן.

די ליבע־לידער אירע זיינען זייער טרעפליך. אַלע זיינען זיי אויסגעוויייטיקט מיט אַזא דורכזיכטיקער און צאַרטער פרווילאַכער בענקשאַפט, אַז דו גלויבסט איר ווען זי רופט אוים מיט אַן איינגעהאַלטענעם ווייטיק, אַז —

„עס איז מיר שווער און טרויעריק אָן דיר."

אָדער —

„ס'זיינען מיינע חלומות אַזוי פול מיט בענקשאַפט,
אַז ס'שמעקט איעדן אינדערפרי
מיין לייב מיט דיר."

און זי חלום'ט, ווי —

„יעדע נאַכט שלייכן מיינע הענט פון מיר אַוועק,
ווי אַ צענויפגעדריקט געבעט
מיט דער האָפנונג,
אַז ס'וועט זיי אָפּנאַרן אַ שטילער, באַרמהערציקער חלום
אין אַ גורל־געוועט
און אונטערדרוקן אונטער זייערע דלאָניעס
דיין פנים."

דאָ האָט איר די וויזיע און בענקשאַפט נאָך הארמאָניע אין לעבן, אין איין געלונגענער און רירנדער סטאַנזע.

אַזוי חלום'ט זי אוים, אין פּרעכטיקע לידער —

אַ „באַגעגעניש" אויף דער וואָר. און הערט פּאַר טשיקאַווע ווי אַזוי עס פולסירט א לעבעדיק האַרץ אין ליד אין אירן:

„דיין קאָפּ באַזילבערט גראָ,
ווי ס'וואָלט מיין אָטעם געפרוירן געוואָרן
אויף דיינע האָר,
פון יענעם וואָרט,
וואָס כ'האָב געזאָגט
קריק מיט וויפל יאָר."

און זי פאַרענדיקט:

„היינט בין איך ווידער אַלט נישט מער ווי זעכצן יאָר.

און יעדער שטערן איז היינט גרויס און צווישטערט, ווי אַמאָל,
נאָר ס'קענען קיינמאָל מער נישט ווערן שוואַרץ
דיינע גראָע האָר,
צו וועלכע ס'איז מיין אָטעם צוגעפרוירן
מיט פראָסטיקן וואָרט.
קריק מיט אזויפיל יאָר."

דאָ האָט איר די טראַגיק פון דעם לעבן צווישן מענטש און מענטש, פון דעם לעבן בכלל, איבער גאָרער וועלט — אין איין אויסגעהאַמערטער סטאַנזא פון א צאַרטער דיכטערין.

„אונדזער אַלטער יורקע", מיט וועמען רחל ה. קאָרן האָט
„געגעסן פון איין גרויסער שיסל"

פאַרבינדט אונדזער דיכטערין מיט „דעם שטילן, קליינעם דאָרף צו־ריק", וואָס גיט אונדז די מעגלאַכקייט אריינצוקוקן אין איר רייכער וועלט, דורך דער פאַרמיטלונג פון איר ליד — בא דעם סאַמע אויפ־גאַנג פון איר טאָג, וואָס „דער אַלטער יורקע" האָט געוועקט „מיט הויכן שנייץ פון נאָז און אים פאַרמאַכט מיט הארטן קלאַנג פון זיינע שליסל."

רחל ה. קאָרן נעמט אויף די וועלט מיט אַלע אירע רשעות'ן, „מיט אויגן פאַרמאַכטע און א זעעוודיק הארץ." אירע אויגן, מיר דוכט — זיינען אָבער גראָד אָפן פאַר דער גאָרער וועלט און אירע נויטן. און טאַקע דערפאַר ווייל זיי זיינען אָפן, האָט די טראַגיק פון אונדזער צייט אזוי טיף זיך איינגעשניטן אין איר הארץ און אזוי פּאָעטיש — מענטשליך — זיך אָפּגעשפיגלט אין אַזעלכע רירנדע לידער אירע, ווי „שיפן", „די שטיוול", „מאַמע אין תפיסה", „די דינסט" און א סך אַנדערע לידער אירע. אָט זיינען מוסטערן פון אירע לידער, ערשט קלאַ־סיקע דיכטונג — וואָס זיינען מיט בלוט און ניט מיט קיין טינט גע־שריבן געוואָרן: —

„וואָלט זי געווען אַ לייבעכע, אַ צויג,
אָדער בלויז אַ קאַץ,
וואָלט זי מיט נעגל און מיט ציין
פאַרטיידיקט אירע קליינע.
נאָר זי, א פויערטע, אַן אָרעמע פון דאָרף,
גייט זי צו דער לעצטער זעאונג מיט איר זון
דורך טירן־אייזן,
צווישן פענצטער־קראַטן
אונטער דער וואַך פון פּאָליציי־סאָלדאַטן."

(פון ליד: „מאַמע אין תפיסה")

א שוידערליך טראַגיש בילד פון אונדזער צייט, קאָנדענסירט און קלאָר ארויסגעבראַכט אין איין סטאַנזא, ווי דער קלימאַקס פון איין

ליד אירן, פון איר „רויטער מאַן.״
און ווייטער:
„היינט, ווי אַמאָל רוישן פעלדער מיט תבואה
היינט, ווי אַמאָל קנאָספּן סעדער מיט צוויַט,
נאָר נאָך אַלץ קיין ברויט איז נישטאָ אין דער היים
פאַר הרינקען דעם ערדלאָזן פויער און פאַר בערלען דעם אָרעמען ייד.״

א סינטעטיש בילד פון אונדזערע טעג, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם גורל פון הרינקען דעם גויאישן און ערדלאָזן פויער און בערלען דעם אָרעמען ייד, ווי דעם גורל פון דעם מ ע נ ט ש ן אונטער אַלע הויטן פון אונדזער באמת טראַגישער צייט.

און פונקט אזוי רירנד איז אויך דאָס געזאַנג פון „די שטיוול״ פאַר „צען פּאָר פיס פון גאַנצן הויזגעזינד״, און „די דינסט״, אין וועמנס בליק עס „בליען נאָך אַלץ די סעדער פון איר היים״ און זי באַדאַרף זיך נאָר באַניגענען דערמיט, וואָס —

„זשעדנע טרינקט זי מיט׳ן גאַנצן גוף דעם ריח פון שייטלעך האָלץ,
וואָס ליגן גרייט צום הייצן בא דעם אויוון
און שמעקן מיט היים.״

און פונקט ווי איר סימבאָלישער „סאָסנע־בוים״ וויל ניט שטאַרבן, אזוי ווילן־און־וועלן אויך ניט שטאַרבן רחל ה. קאָרנ׳ס „מאַמע אין תפיסה״, איר „דינסט״ און אַלע אַנדערע דיכטעריש אויסגעוווייטיקטע טיפּן אירע. און אויב רחל ה. קאָרן גלויבט באמת, אז —

„צווישן שטיינער, איבער תהום
עס וועט ניט שטאַרבן
דער סאָסנע־בוים.״

וועלן די דערמאָנטע העלדן פון איר „רויטער מאַן״ האָפנטליך טאַקע אריבערלעבן אַלע רשעות׳ן און אומווירדיגקייטן וואָס דער „מענטש״ האָט געבראַכט איבער דעם מענטשן, און דיזעלבע רחל ה. קאָרן וועט אונדזער דיכטונג נאָך באַרייכערן מיט דער גאַרער רייפקייט פון איר דיכטערישער עשירות.

## אסתר שומיאטשער — אַלע טאָג

די טעמאַטיק פון אסתר שומיאטשער׳ס בוך לידער און פּאָעמעס „אַלע טאָג״ איז כמעט א דורכאויס היינטצייטיקע. איך זאָג כמעט, ווייל די מאָטיוון פון געבורט, ליבע, און דער מאָטיוו פון א חתונה, געהערן צו יענע אָפּצווייגן פון דער ליטעראַטור וואָס זיינען אַלעמאָל ניי און קיינמאָל נישט אַלט, און זייער ווערט און שיינקייט ליגט אין דער אינדיווידועלער אויפפאַסונג און באַשאַפענער שיינקייט פון דעם דיכטער וואָס דיכטעט זיי פאַר אונדז איבער אין קינסטלערישע אַר־

בעטן. אין אונדזער פאַל — אין די פּאָעמעס און לידער פון אסתר שומיאַטשער.

די טעמאַטיק פון „אַלע טאָג" ווייס ניט און וואָלט אויך ניט באַדאַרפט וויסן פון די גרעניצן צווישן טאָג און נאַכט, וואָך און יום טוב. „אַלע טאָג" וואָלט באַדאַרפט אַרומנעמען דאָס לעבן פון אַ ל ע ט אָ ג ווי מיט אַ גאַרטל און פון זיך אַרויסכישופן אַלע חנ'ען און שיינקייטן פון אונדזער לעבן. לעבן מיר אָבער אין אַ צייט וואָס גייט בפועל ממש אָפּ מיט בלוט, און אונדזער לעבן, דאָס טראַגישע לעבן פון אַ פאַרפּייניקט עקסטערמינאַריאַל פאָלק — טרינקט זיך טאָג־טעגליך אין אַ ים פון צער, בלוט און טרערן. אין אַזאַ צייט, זאָג איך — טאָר אונדזער ליד ניט זיין אַנדערש ווי דאָס ליד פון אַ ל ע ט אָ ג ; עס מוז אינזיך בולט אָפּשפּיגלען די טראַגיק פון דעם יידישן מענטשן אין דער טראַגישסטער תקופה פון וועלט און מענטש. אין אָנגעזיכט פון אונדזער גורל, מוז אונדזער ליד אינזיך כולל זיין די נויטן פון אונדזער פאַרבלוטיקט לעבן, און בולט אַרויסברענגען אונדזער פּיין, ווייטיק, און געשריי, יאוש און צאָרן. דער עיקרשט אָבער — דעם גלויבן און האָפענונג אין דעם כח פון אונדזער דויערהאַפטיגקייט, אויסדויער און קיום.

אסתר שומיאַטשער'ס „אַלע טאָג" איז פריער פון אַלץ אַ בוך לידער און פּאָעמעס פון אַ טיפּיש יידישער דיכטערין וואָס ווייטיקט אויף דעם צער פון איר פאָלק און — ג ל ו י ב ט.

שוין אין דעם ערשטן ליד פון איר בוך, „דיינע טריט" — שלאָגט זי אָן אַ טאָן פון גלויבן. זי זינגט :

„די זון האָט אויפגעשיינט פאַר מיר,
ווי אַ מאַמע פאַר איר ערשט געבאָרן,
און זי האָט אויפגעוועקט אין מיר
גלויבן, וואָס איך האָב לאַנג פאַרלאָרן."

גלויבן איז אַזוי צו זאָגן דער דאָמינירנדיקער עלעמענט פון אירע לידער און פּאָעמעס פון „אַלע טאָג", צו להכעיס „מיין צער (וואָס שפּילט אויף טרעפּ פון דער בינע, און דער תליון איז דער פאַרשטעלטער היטער." און כאָטש זי פאַרצווייפלט אָפּט און עס דוכט זיך איר אויך אָפט אויס אַז פאַר איר איז מער ניטאָ „קיין טרייסט", ווערט זי אָבער פאַרט מער באַהערשט פון איר גלויבן ווי פון איר פאַרצווייפלונג, און זי פאַרענדיקט איר ליד „די זון איז אַזוי נידעריק געפאַלן" מיט דעם פּאַטעטישן אויסרוף :

„דאָס האַרץ שרייט הויך אַריבער אַלע שטערן :
איך בין דאָ און אייביק וועל איך זיין !"

און אָט דער גלויבן אירער, וואָס איז אַגב טראַדיציאָנעל יידיש — וואָלט איך געזאָגט, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים און געפינט דעם

בעסטן אויסדרוק אין די מערסטע לידער און פּאָעמעס אירע פון איר בוך „אלע טאָג."

לויט דעם תוכן פון דעם בוך „אלע טאָג", מאַכט אסתר שומיאַטשער דעם איינדרוק פון א דיכטערין וואָס איז דורכאויס באַוואוסטזיניק י י ד י ש, כאָטש דער סאָציאַלער מאָמענט געפינט בא איר אויך א גאָר פיינעם אויסדרוק אין א היבשער צאָל פון אירע לידער און פּאָעמעס (זע די אָפּטיילונג „מיין גאס"). און פון די מערסטע לידער אירע פון איר בוך „אלע טאָג", און אפשר טאָקע אויך פון די מער געלונגענערע — לויכט ארויס אָט דער באוואוסטזיין, ווי א פּאָקל וואָס לויכט און באַלויכט אירע דיכטערישע זעאונגען. איר יידישער באוואוסטזיין דאָמינירט אפילו איר אוניווערסאַל לירישע פּאָעמע „געבורט", שוין אָפּגערעט פון איר לירישן השתפכות הנפש אין די משפחה־מאָטיוון פון טאַטע־מאַמע און, דער עיקרשט — אין איר פּאָעמע „דער ניו יאָרקער גביר מאַכט חתונה זיין טאָכטער", וואו טיפּיש יידישער, נייער און אויך אַלטער־לעבנסשטייגער, קריגן גאָר א פיינעם אויסדרוק און תיקון, אין א פיין פּארטראַכטער און גוט דורכגעפירטער פּאָעמע. פאר א ביישפּיל זאָל גענומען ווערן דאָס ליד „זאָל אויפגיין אויך דיין יידיש ליד", וואָס אָטעמט מיט אורבאַניסטישן חן און איז גלייכצייטיק אויך — דער עיקרשט — ווי דער נאָמען פון ליד זאָגט עדות, א תפלה פון א יידישער דיכטערין פאר דעם אויפזונג פון אונדזער יידיש ליד „אין קעניגרייך פון שטיין און שטאָל." די לעצטע העלפט פון איר „באָבעס וויג־ליד" —

„זינג איך דיר אַ יידיש ליד:<br>
ביסט, מיין קינד, א ייד." —

איז נישט נאָר דורכאויס יידיש, נאָר עס שפּיגלט דער עיקרשט אָפּ די טראַגיק פון אונדזער תקופה אין א דורכאויס היינטצייטיק וויג־ליד.

איר פּאַטעטישער אויסרוף אין „מיין ליד", „ליד מיינס, נעם אויף מיינע טרערן" — איז דאָ נישט קיין צופאַל, נאָר, דער באוואוסטזיניקער צוגאַנג פון א יידישער דיכטערין צו איר דורכאויס יידישער און היינטצייטיקער טעמאַטיק.

פון איר בוך „אין שעה'ן פון ליבשאַפט" (ווילנע, 1930), ביז איר בוך „אלע טאָג", האָט אסתר שומיאַטשער דורכגעמאַכט א פיינע דיכטערישע אַנטוויקלונג אין איר לעקסיק, פאָרם און מעטאַפאָריק. אין איר איצטיק בוך זיינען פאַראַן לידער וואָס זיינען רייף און גאַנץ אין פאָרם און אין אינהאַלט.

„און צופוסנס באַרג־אַראָפּ<br>
קעמט דער ווינט אַ בוים דעם קאָפּ." —

זאָגט עדות אויף דער בילדלעכקייט פון איר שפּראַך. אָט די אייגנשאַפט פון איר ליד, די בילדלעכקייט פון איר שפּראַך — איז ביז גאָר

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אייגנאַרט פון אַ ליד, וואָס איז בלויז מעגליך בײַ אַ דיכטערין מיט טאַלאַנט און וויזיע.

די לירדיק און טעמאַטיק פון דער פּאָעמע „געבורט" טראָגט אַ דורכאויס אוניווערסאַלן כאַראַקטער. אסתר שומיאַטשער האָט דאָ באַאַרבעט אַ טעמע וואָס איז ביז ניט לאַנג צוריק כמעט ווי געווען אַ בלויז אין אונדזער דיכטונג. צו איר קרעדיט זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז איר איז געלונגען צו דערהויבן דעם עלעמענט פון געבורט, מיט אַלע זיינע פּיינען, ווייען און נאַכווייעניש — צו דער קינסטלערי־שער הויך פון יצירה.

„איך ליג אויף מײַן רוקן —
עס רירט זיך אין מיר די גאַנצע ערד."

אָטעמט באמת מיט דעם אור־געשריי פון דער יצירה. דאָס קאַפּיטל 'ד' פון איר „געבורט" שפּיגלט אינזיך אָפּ דעם גבורה'דיקן אויפפּיין פון די חבלי לידה, וואָס שטעלט מיט זיך באמת פאָר אַ מוסטערהאַפטע דערגרייכונג פון אַזאַ פאַרנעפּלטער און מיסטעריעזער טעמאַטיק. ציטירן איז דאָ נישט שייך, סײַדן איבערגיבן די גאַנצע פּאָעמע. עס שאַדט אָבער נישט דאָ ווידער אויפמערקזאַם צו מאַכן און אפילו אונ־טערשטרייכן דעם דורכאויס יידישן און גלויביקן כאַראַקטער פון דער פּאָעמע „געבורט." די דיכטערין זינגט דאָ פון דעם מלאך מיכאל און דעם מלאך גבריאל וואָס וואַכן איבער איר באַם געבורט פון איר קינד:

„זיי ברענגען די בשורה פון ים צו ים,
אַז ניט פאַרגיין וועט דײַן שטאַם."

אין דעם תהו ובהו פון געבורט טויכט דאָ ווידער אויף דער יידישער באַוואוסטזיין און גלויבן פון אסתר שומיאַטשער אין דעם אייביקן קיום פון איר אומה, וואָס דינט איר ווי אַ לייכט־טורם אויף אַלע אירע וועגן.

אַזאַ יידישן באַוואוסטזיין — אין אונדזערע טעג — איז באמת מקנא צו זיין!

די פּאָעמע „דער ניו יאָרקער גביר מאַכט חתונה זיין טאָכטער" טראָגט אַ סינטעטישן כאַראַקטער, צוליב דער פאַרשמעלצונג פון אונד־זערן אַן אַלט־שטעטלשן לעבנס־שטייגער מיט אַ דורכאויס נייעם — אַמעריקאַניש גרויסשטאָטישן.

דאָס בילד פון

„דער כלה'ס מאַמע, אין אַ שלעפּ לויט דער לעצטער מאָדע,
זיצט אַ צוגויפגעדרייטע, ווי איר לעבן וואָלט זיך געשעמט." —

לעבט־אויף די שוין באַלד אַרכיוואַלע סביבה פון אונדזער פון היגן לעבן פאַרשוועכטע אָפּשטאַרבנדיקע לעצטע משפּחה־מאָהיקאַנער. די קליינשטעטלדיקע טיפּן אין דער פרעמדער סביבה פון אונדזער גרויס־שטאָטישער אַמעריקאַנישער ווירקלעכקייט, ווי דער רב ר' סענדערל,

די באָבע חנה־צירל, דער טאַטע און די מאַמע, ווערן געמאָלן ווי בולט'ע קאָנטראַסטן לגבי דעם חתן — א ייד א יענקי — און דער כלה, וואָס איז אויך דאָ געבוירן געוואָרן — און דעם ראַבאַי שטערן וואָס האָט פון פּאַפּיר „אויסגעזונגען ווי א 'סערמאָן' זיין 'ספּיטש'." די גאַנצע אַטמאָספערע פון דער חתונה, די רווישיק־ראַשיקע סביבה פון אויפגע־קומענעם גביר — איז זייער קינסטלעריש געמאָלן. דאָ לעבט אויך אויף די טראַגיק פון רב ר' סענדערל, וואָס האָט נעבעך געמוזט אהיים טראָגן זיין געפּלאַנטע דרשה „אינאיינעם מיט זיין געפּלאָגטן געוויסן", און דער געטומל פון דזשאַז גיט זיך דיר אויך איבער.

אסתר שומיאַטשער'ס לעקסיק גרעניצט זיך מיט דער פאָלקסטימ־לעכער שיינקייט פון פּשטות און פּשטות פון שיינקייט. זי האָט זיך אויסגעלערנט אָנצורופן זאַכן באַם נאָמען און דער עיקרשט — ז י ך אַ ל י י ן צו מאַכן ק ל אָ ר. אירע לידער, וואָס א סך פון זיי זיינען היפּשליך קאָנדענסירט און אָנגעלאָדן מיט אינהאַלט — נויטיקן זיך נישט אין קיין פּירוש המילות. אין דעם ליגט איר נצחון.

איר ליריק גרעניצט זיך מיט א טיפּיש יידישן פּאַטאָס, וואָס איז גליקלעכערווייז אויך באַזעלט מיט א בטחון, אַז —

„דער טאָג מוז קומען, דער טאָג וועט קומען,
ווען פּאַסטוך מיט פּאַסטוך און מענטש מיט מענטש
וועט אויסגעלייזט גיין איבער די לעצטע תהום'ן,
און דו — מיט דעם נייעם, באַפרייטן מענטש !"

די יידיק פאַרבליבענע זייטלעך באַם סוף פון אסתר שומיאַטשערס בוך זיינען פאַר מיר כמעט ווי סימבאָליש. מיר זיינען באַקאַנט לידער זאַמלונגען פון דיכטער, וואו צוליב א סך כמות זיינען אין א גרויסער מאָס פאַרטונקלט געוואָרן די איכות פון זייערע לידער. א דיכטער באַדאַרף וויסן וואו אוועקצושטעלן א פּונקט און צו זיך אליין זאָגן: עד כאן. צו דעם קרעדיט פון אסתר שומיאַטשער וויל איך דאָ זאָגן, אַז זי ו ו י י ס ט יאָ וואו אַוועקצושטעלן א פּונקט. דערפאַר קלינגט מיר איבערצייגנדיק דאָס געזאַנג פון איר ליד „אַנטקעגן ווינט", אין וועלכן זי זינגט, אַז —

„איך נעם זיך אָן און וואַקס אַרויס
ביז דער שטילקייט פון די שטערן ;
עס פרייט זיך מיט מיר גאָטס הויז,
און אויך די שטיינער הערן."

אַזוי נעמען זיך אָן און וואַקסן אויך אַרויס אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג, די לידער און פּאָעמעס פון „אַלע טאָג", פון אסתר שומיאַטשער.

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין

# אליעזר גרינבערג — פון אומעטום

אליעזר גרינבערג האָט אין אונדזער דיכטונג ניט מיטגעבראַכט
„קיין שאַרפע עלנבויגנס
קיין יחוס־בריוו,
קיין ליסטיקע חניפה.“

ווי אַ באַשיידענער מענטש און דיכטער מיט ערנסט און אחריות פאַר זיין וואָרט, האָט ער דערפאַר אָבער זיך אַליין געבראַכט. גרינבערג איז —

„געקומען אויף רוף פון אייגן בלוט,
אין פינצטערן געפּעכט מיט זיך אַליין.
אין דורשט נאָך ליכטיקייט פון וואָרט,
וואָס זאָל זיך דורכטראָגן ווי אַ פאַרשטיקט געוויין,
ווי אַ שטומע בענקשאַפט —
וואָס גרייכט אָן מינדסטן אָנדייט אויף וואָרט,
צום ווייטסטן און פאַרשטעלטסטן אָרט —
צום האַרץ — צום טיפסטן גרונט — פון בליענדיקן וויי!
און ווען עס געפעלט — איז גוט!
און ווען נישט, איז אויך גוט!“

דאָס איז דער באַשיידנסטער גורל פון אַ באַשיידענעם דיכטער, וואָס קוקט ניט מיט קיין אויגל צו קיינעם אַרויף — אפילו ניט צו דער פרעסע אונדזערע, וואָס האָט כידוע ניט איין דיכטער אונדזערן צעריבן און אַרונטערגענידערט צו די קנעכל פון דער מאַדאַם שונד...

אליעזר גרינבערג האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוואוינט זיך אויפצו־כאַפּן „באַם קריי פון הענער.“ עס דוכט זיך אים נאָר —
„אַז עס קלינגט גאָר שענער
דער קו־קו־רע־קו־פייף אַ־דאָ פון דער פאַבריק.“

און ער האָט שוין שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז —
„אָ, ערד פון מיין וויגל, כ'וועל שוין דיינער ניט זיין.“

ס'איז אין דעם אפילו פאַראַן אַביסל טראַגיק, די טראַגיק פון אַן איבערגעפלאַנצטן מענטשן אין אַ נייער סביבה — אַזוי גיך אָבער ווי דער באַטרעפנדער מענטש אָריענטירט זיך, ווי גרינבערג — און נעמט אָן זיין נייע אומגעבונג, הערט דאָס במילא אויף צו זיין טראַגיק, און מעג אפילו באַגריסט ווערן פון יעדן איינעם.

מיר אַליין, אַן אייביק פרעמדער אין אַמעריקע — איז אַזאַ איבער־גאַנג אין אונדזער דיכטונג ליב, אייגן און נאָענט.

אליעזר גרינבערג האָט זיך איינגעבירגערט אין דער גרויסשטאָט, און האָט זיין
„נייע היים מיט נייעם האָפער אָנגענומען.

## אימפרעסיעס פון א לייענער

איצט בליט פאַר מיר די שטאָט אַדאָ מיט אירע מויערן,
ווי אַ יונג צערוישטער וואַלד אין שפעדיקן גרינען:
אַ, שטאָט, מיין שטאָט,
איך קלאַפּ אָן מיט מיין ליד אין דיינע טויערן —
איך שטיי באַרוישט פאַר דיר אויף שוועל —
פון נייעם ליכטיקן באַגינען."

דער נייער ליכטיקער באַגינען פון דער גרויסשטאָט באַהערשט אים, און זיינע לידער אָטעמען מיט איר ריטם, דער ריטם פון דער גרויסשטאָט — וואו

„ס'ווייגט מיסט און קויט
אויף פאַרנאַכלעסיקטער ערד —
וואָס טראָגט אויף זיך די פאַרשאָלטענע ברכה
פון נישט אויפגעגאַנגען ברויט."

און אַז ער פאַרבלאָנדזשעט שוין יאָ צומאָל אין פעלד און זעט ווי מוראַזשקעס ארבעטן בא אַ מוראַזשקע-נעסט, דערפילט ער „ווי א פּאַטש אין פנים, דער מענטשלאַכער גאוה אין מיר", לגבי דעם עלנט פון דעם מענטש צווישן מענטשן אין דער שטאָט...

גרינבערג נעמט אָבער ניט אָן אַלץ וואָס די נייע צייט און גרויס-שטאָט טראָגט אים אונטער. אמת, גרינבערג'ס ליד אָטעמט מיט דעם גייסט פון דער גרויס-שטאָט, וואָס איז ווי „אַ פלאַקערדיקער שייער, וואָס צערט און ווערט פאַרצערט פון אייגן פייער." דער גרונט טאָן אָבער פון זיין געזאַנג „פון אומעטום", איז אין גרונט גענומען א תפילה'דיקער; א תפילה צו דעם מענטש פון אומעטום, וואָס גרייכט ווייט אַריבער די גרעניצן פון איין לאַנד — זיין נייע היים, אַמעריקע. דרעפאַר אפשר דער טרעפלאַכער נאָמען פון זיין ניי בוך: „פון אומעטום."

גרינבערג נעמט אָן דעם מענטש פון אומעטום, ווי א גוטער זיידע נעמט אָן א ליב אייניקל בא דער האַנט. ער פירט אים ארויס אויף דעם ברייטן שליאַך פון דעם וויסטן לעבן, הייסט זיך אים אָפּשטעלן, זיך אליין צוימען און זען —

„ווי סע באַגלייט שוין מער די אַרבעט ניט קיין ליד!
און אָפּגעטאָן האָט זיך די פרייד פון מי."

און —

„ס'פלאַטערט איבער אונדז, ווי א בייטש, ראַש און חוצפה'דיק —
די גרויע פאָן —
פון אייביק מאָנאָטאָנעם מיטנוואָך."

און ער הייסט אים פאַרנעמען —

„דאָס פייערלאכע פלאַקערן פון פייערלעך אין שויבן."

און זיך צוהערן צו דער

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין

„צייט וואָס הערט נישט אויף צו ברענען
און וואַרט מיט אומגעדולד
דו זאָלסט שוין דיין באַרוף דערקענען
און אויפריכטן דיין דערנידעריקטן שטאָלץ.
און אויסלייזן דיין באַליידיקטן יחוס."

און ער באַפעלט דעם מענטש פון אומעטום —
„פיר דורך דיין באַשערטע שליחות:
פון מרידה!
פון אויסלייז!"

די שליחות פון דעם פאַרשקלאַפטן מענטש פון אומעטום — דער מענטש פון אונדזער צייט!

ער בעט: —
„זאָל ווידער אויפגיין אויף דער וועלט
אַ לויב צו מי.
אַ לויב צו פרייד."

עס אָרעמט מיך דעריבער ניט זייער שטאַרק, וואָס גרינבערג ליידט דאָ און דאָרטן פון אַביסל צעצויגנקייט און איבערפלוס פון רייד אין זיינע לידער, לגבי דער קאָנדענסירטקייט און דיכטערישן אויפשטייג פון זיינע אַריינפיר־לידער, צו די דריי אָפּטיילן פון זיין בוך „פון אומעטום." דער אָנגעשלאָגענער טאָן פון זיין טעמאַטיק פאַלט אַלצאיינס צונויף מיט זיין טיילוויז געלייטערטער פאָרם, וואָס גרעניצט זיך דאָ און דאָרטן מיט פערפעקציע פון פערזונגעבוי.

זיינע לידער אָטעמען מיט דער זעלטענער אויפריכטיגקייט פון אַן אָפּנהאַרציקן דיכטער, וועמענס „פענצטער צו דער גאַס, און צו דער וועלט — מיין ליד" איז.

אין זיין ליד „לענין" פעלט דער שאַבלאָנער צוגאַנג פון אַ מיוחס׳דיקן פראָלעטפּעניק, וואָס נוצט אזוי געשיקט אויס די גיגאַנטישע לענין־פיגור ווי אַן איינטריט־קאַרט אין דעם היכל פון אונדזער ליטעראַטור. דאָ, אין אליעזר גרינבערג׳ס „לענין" — איז פאַראַן אוממיטלבאַרער כח פון אַ באַגייסטערטן דיכטער, וואָס ווערט באמת מיטגעריסן פון דער פערזענלאַכקייט לענין, ווי פון דעם וואונדער, און אפשר נס פון אונדזער צייט. די זייטלעך 40-41 פון זיין „לענין" אָטעמען מיט דער גבורה פון אַ דיכטער, וואָס דערהויבט זיך באמת צו דעם וואונדער לענין, וואָס איז —

„ליכטיקער, לויטערער געוויסן."

אין זיין „עס ברענען שוין די ווענט פון דער וועלט", וואו —
„אין אזעלכע נעכט —
ליגט מען אין צווייפל פאַרצווייפלט
און מען הערט ווי די האָר ווערן גרוי."

האָט גרינבערג זיך אַליין איבערטראָפן. דאָ האָט דער דיכטער באמת פאַרזיווענט די פאָרם מיטן אינהאַלט פון זיין ליד, ביז צו פערפעקציע.

זיינע גרויסשטאָטישע און סאָציאַלע מאָטיוון א. נ. „פון אומעטום" פאַרענדיקן זיך מיט „און אזוי כסדר", וואו דער דיכטער דערציילט אונדז אויף זייער א געלונגענעם אופן, אז —

„נייע לווחות קריצט אַ יעדער נייער דור
אויף בלוטנדיק געמיט — זיין אויסגע'חלומ'ט גליק."

גרינבערג ווייזט דאָ ארויס זייער א געזונטע פארשטענדעניש פאר סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַ אים בכלל געקראָגן א גוטן תיקון.

זיינע „לויטערע פארנאכטן" זיינען זייער חנ'עוודיק און שפּילעוו־דיק געשריבן. דאָס ליד „שטורם" איז כמעט געשריבן אין טאָן פון א קינדער־ליד. „זומערטאָג — ניוענגלאַנד", פאַרמאָגט אפילו אן עלעמענט פון הומאָר. די איבעריקע לידער פון דערזועלביקער סעריע, זיינען פּייסאַזשן גוט געמאָלענע.

דער לעצטער און דריטער אָפּטייל „געזאַנג", איז א געזאַנג צו דער אייביקער „נאָענטקייט פון צוויי" —

„ווען זיג איז דורכפאַל. ווען דורכפאַל איז זיג. און ביידע —
אומגליק. און ביידע — גליק."

גרינבערג'ן איז דאָ געלונגען, ווי אין זיין ליד „לענין" — בייצוקור־מען דעם שאַבלאָנעם טאָן פון דער צום וויפלטן מאָל באזונגענער ליבע. און דאָס איז א דערגרייכונג מיט וועלכער ניט יעדער היינטצייטיקער דיכטער קען זיך איבערנעמען.

## אברהם פּטאַשקין —פון האַרבסט ביז האַרבסט

אברהם פּטאַשקינ'ס בוך לידער א. נ. „פון האַרבסט ביז האַרבסט", איז דער אויסגעשריי און אָנקלאַגע פון אונדזער געפּייניקטן דור, אנט־קעגן דעם אומגעריכטן אויפשטייג פון דער פינצטערער רעאַקציע אין אַלע אירע פאָרמען — אין זיין הערזאישן געראַנגל פאר א בעסערער און שענערער וועלט.

פּטאַשקינ'ס לידער זיינען דורכגענומען מיט סאָציאַלן פּאַטאָס און א ליידנשאַפטלאַכן באַגער פאר יושר. אים איז פרעמד די פּראַ־זעאַלאָגיע פון יעדן מין ; ער קריינקט אפילו ניט אויף דעם באַ־קאַנטן „וועלט־שמערץ" פון אונדזערע פּאַטענטירטע קליינשטעטלדיקע און גרויס־שטאָטישע דיכטער.

זיין טעמאַטיק איז קאָנקרעטנט און דורכאויס ערדיש ; דער געיאָמער און געשריי פון אונדזער אויפגעשרויפטער צייט יאָמערט אויף פון זיינע לידער, און זיין ציל ווערט דערגרייכט דורך די באַ־שיידנסטע מיטלען אויף דעם באַשיידנסטן אופן. אין זיין ניכטערקייט

באַמערקט ער, ווי „אויף יעדער טאַט מאָרד רוט" און אָנטקעגן אַט
דעם מאָרד קעמפט ער, דורך דעם באַשייד פון זיין ליד.

פטאַשקינ׳ס געזאַנג איז דאָס געזאַנג פון דעם פאַרגעסענעם
מענטשן, וואָס עקזיסטירט נאָר אויף אַזוי פיל אין די אויגן פון
הערשנדיקן קלאַס, אויף וויפל דער לעצטער זעט אַ שונא אין דעם
באַהערשטן און שפירט אין אים די געפאַר פון זיין אייגענעם אומקום.
ווייטיקט ער און בלוטיקט — פטאַשקין — אויף דעם פאַקט, וואָס —

„די פאַבריק איז אָפן
צוויי טעג אין וואָך.
דו קאַרגסט
די קינדער ברויט,
און זיי בעטן אומעטיק: נאָך!"

ער ווייסט און פילט דעם ווייטיק פון —

„ווייסן, אַז באַ די טונקעלע טרעפ
וואַרט די נאַכט
אין הונגער,
און יעדע שעה וואָס דערנענטערט זיך,
איז א שונא . . ."

ער הערט און פאַרנעמט, ווי —

„ס׳ברומט דער געשוואָלענער לאַרם
אויפן קאַלטן ברוק פון די שטעט.
קינדער וויינען: „מיר ווילן, ס׳זאָל זיין וואַרעם
אין שטוב, אין בעט!"

וואָס מערער און אויפמערקזאַמער ער קוקט זיך צו צו דעם
עלנט פון אונדזער צייט, אַלץ מערער ווערט ער אויפגעטרייסלט דערפון
און אַלץ בולט׳ער געלינגט עס אים אַפּצושפּיגלען, אין אַ בילדלעכער
און געלייטערטער פאָרם. ער אָנט דעריבער —

„טויטע קוימנס שרעקן מיט הונגער."

זעט, פילט און הערט, ווי —

„ס׳פרירן די פיס אין דער נישט־באַהייצטער שטוב.
אַרבעטלאָזע שילטן די אומזיסטע סוף."

דאָס אומפאַרמיידלאַכע פייגנבלעטל פון דעם הערשנדיקן קלאַס, מיט
זיין העסלאַך פרומן אָנשטעל פון פ י ל א נ ט ר אָ פּ י ע — די
„אומזיסטע סוף"!

די מאַמענטן פון שילדערן קינדער קומען בא פטאַשקינ׳ען ארויס,
זייער און זייער רירנד. ער זינגט:

„ס׳טוליען זיך קינדער אין די קאַלטע שטיבער.
פאַר׳חלש׳טע בליקן פרעגן:
ווען וועסטו ברענגען אַ זעקל קוילן, טאַטע ליבער?"

צוליב דער קעלט פארגעסן זיי אין הונגער און — פארקערט...
פטאשקינ'ען איז נאָענט דער מענטש מיט אלע זיינע נויטן. און אויב די פרייד איז פארשוואונדן און די נויט האָט זיך ווי א סטראשידלע באַזעצט אויף אונדזערע קעפּ און רוקנס און פרעסט אונדז אויף פאר דער צייט, גיסט ער זיך מיט אלעמען צונויף אין א מאָנונג —

„ גיט אונדז עפעס צו טאָן ! —
וויינען בליקן.
„אונדז גייט דאָס ניט אָן" —
טענה'ן טויטע פאַבריקן."

ער שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ בא דער טענה פון „טויטע פאבריקן" און העלט־אויף מיט דער העלזערישקייט פון אן אמת'ן זעער וואָס אנט, ווי —

„דורך די קראַנקע נעכט טראָגט זיך אַ רייטער
און באַלייכט רויט
די שטעט.
און א שטומער אומרו פויזעט היגטער די גרויע פייכטע ווענט."

די דאַנקבארסטע פונקציע פון א דיכטער — דאָס פאַראויסזען דעם גאַנג פון דער צייט !

דער „שטומער אומרו" ווארפט אָן א שרעק און דראָעט מיט גע־פאַר. פרעגט דעריבער עמיצער :

„פארוואָס לערנט איר זיך ניט ליבן
שטאָט דראָען
אין די שווערע שעה'ן ?"

איז דער ענטפער —

„— מיר האָסן !"
ברומט דער המון פון פיין געטריבן."

און פטאשקין איז ד ע ר ד י כ ט ע ר פון אָט דעם המון !

פטאשקינ'ס צוגאנג צו וועלט און מענטש איז א כלל'ישער. דער געזונטסטער צוגאנג פון א היינט־צייטיקן דיכטער. ער רעדט דערי־בער זעלטן אין זיין אייגענעם נאָמען. בלויז אין איין מאָמענט, אין זיין ליד „פראָסטיקע טעג" — דערהויבט ער זיך צו לירישן פאַטאָס און לאָזט זיך הערן אויף אזא וואונדערליך רעוואָלוציאָנערן אופן. ער זינגט :

„טעג פרירן, משוגענע טעג.
ס'טרייבט אַרויס דער פראָסט פון דער קאַלטער שטוב.
ווער ס'האָט ניט קיין ארבעט, איז זיין שטוב די גאַס.
קאָכט די גאַס מיט המון'ישן צאָרן.
אין די זאַטע פענצטער ברום איך אַריין: א י ך ו ו אָ ר ן !"

און וואָרענען וואָרנט ער, מיט דעם סטיכישן כח פון המונ'שן פויסט.
און דער לאָזונג זיינער, וואָס איז שוין אגב דער לאָזונג פון דעם המון
— איז:

„מיר ווילן דער טאָג זאָל ווערן העלער.״
און ער וואָרנט ווייטער:
„אונדזער משפט וועט אָפּסמאַליען, ווי אַ ווילדער פייער,
די וועגט פון דער וועלט.
די ערד אונטער די פיס וועט ווערן פרוכטבאַר און נייער —
מעלדן די פירער פון המון,
וואָס פאַרלאַנגט דעם ברויט פאַר זייערע טעג — שוין!״

דער פאַרלאַנג פאַר „ברויט פאַר זייערע טעג — שוין״, פאַלט אָן צווייפל זיכער צונויף מיט דעם גערעוו פון אונדזערע טעג, אויף אַלע וועגן און אומוועגן פון אונדזער רחבות'דיקער וועלט, און איז בלי שום ספק איבערגעגעבן אוממיטלבאַר און אין אַ געלונגענער געלייטערטער דיכטערישער פאָרם.

פּטאַשקין פירט אונדז מיט אַ זיכערער האַנט דורך אַלע סעזאָנען פון יאָר, וואָס וויטיקן ארוים פון זיין געמעל אויף אַ כאַראַקטערים־טישן און סימפּטאָמאַטישן אופן. ער לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון די פוסטע האָפנונגען פון דעם ווינטער. ער זאָגט קלאָר —

„ווינטער האָט מען געהאָפט,
אַז דער פרילינג וועט קומען מיט גרוס פון רעטונג.
אָבער נישט איין זומער האָט געבראַכט
אין דער גאָב פון שטראַלן,
קאַלטן חוזק.״

און אָט דעם „קאַלטן חוזק״־מיקראָב וויל ער, ווי אַ געניטער כירורג — אינגאַנצן עוקר מן השורש זיין. וואָרנט ער דעריבער און זאָגט —

„צי דו וועסט זיך קערן אַהער צי אַהין,
ווי אַ וואָלקן, אָנגעלאָדן מיט שטורם
שטייט הינטער די פּלייצעס דער יום הדין,
און דראָט די טעג, ווי אַ שטיינערנע פויסט פון הויכן טורם.״

און דורך דעם באַשייד פון אָט דער „שטיינערנער פויסט״, העלט בא אים אויף די וויזיע פון דער נאָענטסטער וואָר. און כאָטש עס דוכט זיך אים, אַז „ס'איז נאָך אַלץ געהיים און שטום״, אָנט ער שוין אָבער, ווי —

„די האָפנונג גרינט,
און באַלד וועט דער קול אַ שטראַל טאָן: „איך קום —
באַשטימט!״

און דאָס קול קומט טאַקע און דראָט, מיט ליידנשאַפט און כח. ער זינגט:

„אַ קול אַ שווערער, וואָס איז קאַלט און טונקל,
דראָט דעם חושך, וואָס איז נאַס און בלינד,
און וואַרפט אַרויס אַ פויסט,
און פון דער פויסט פונקען:
געווג מיט שקר געהויזט!"

ווי אַ סאָציאַלער דיכטער מיט רעוואָלוציאָנערן שוואונג, פּילט פּטאַשקין שאַרף דעם ווייטיק פון „טראָגן דעם בזיון (פון אונדזער צייט. י. ב.) — ווי באַנדאַזשן אויפן קאָפּ". זיין געזונטער חוש זאָגט אים אָבער אונטער אַז „יעדע קלערונג אונדזערע יערט מיט האַס". און פון דעם האַס ארויס הערט ער, ווי —

„ס'וואַיען שטורמס אין די קאַלטע נעכט."

און ווי —

„ס'הענגען איבער אַנטשלאָפענע גאַסן צוקרעכצטע שעה'ן."

און ער שרייט־אויף —

„וואַרט! וועט איר דערוואַרטן, אַז די נאַכט וועט אָנהויבן דראָען,
און אַ שווערער כריפּ וועט אַ פּלאַם טאָן רויט:
איר האָט זיך אויסגעקליבן דעם טויט!"

קאַנטיק — דער אומפאַרמיידלאַכער משפּט פון דעם זיגער איבער דעם באַזיגטן . . .

פּטאַשקין זינגט פון דעם גורל פון עלנטע מענטשן —

„וואָס פון זייערע צודריקטע פינגער
איז ארויסגעפאַלן דער שליסל פון לעבן —
דער שוואַרצער לאַבן פון האַרטער פּראַצע."

און אַז „דער שליסל פון לעבן" פאַלט ארויס פון די „צודריקטע פינגער", איז — לויט פּטאַשקינ'ען — און אויך ניט פון מיין שטאַנדפּונקט — ניט ראַטזאַם זיך אונטערצוגיבן דעם פינצטערן גורל; באַדאַרף מען קעמפן, זיי צוריק, און אינגאַנצן וואָלט איך געזאָגט — אריינצוקריגן, אויף קיינמאָל מיט זיי זיך **ניט צו שיידן. דעריבער** מאָלט פאַר אונדז פּטאַשקין אַ „פרילינג" וואָס אָטעמט מיט „שאַרפער אומרו". ער זינגט:

„אין די אָרעמס פון בוימער ציטערן אָדערן.
ס'רוישט אין די בלעטער דער זוניקער ווייַן.
מיר שרייען אַ פרישן געשריי און מיר פאָדערן,
און אַ שאַרפער אומרו שטראָמט אין די רואיקע הייזער אַריין."

און „דער שאַרפער אומרו" פאַרלאָזט אים ניט; דער „שאַרפער אומרו" דערפירט אים אָפּט, צו דער העלסטער זעאונג פון שטורמדיקע טעג. ער זינגט אזוי:

„און כמאַרעס וועלן דראָען דעם טאָג,
און רעגן וועט קומען, ווי אַ קללה פון הימל —

און דאָס פייער וועט זיין שטאַרקער פון רעגן.
און מויערן וועלן פּלאַצן,
און הערצער וועלן ציטערן
ווי הילצערנעביידלעך אין שטורם."
און טאָמער פילט ער זיך צומאָל אנטמוטיקט, דערשעפּט — איז זיין תפילה צום ים:
„גיב אונדז, ים, דיין ווילדן וואוט
און דאָס געיעג פון שוימיקע טריט.
מיר דאַרפן געדולד און מוט
און צאָרן, וואָס בריט."
און דער „געדולד און מוט און צאָרן, וואָס בריט" קומט אים טאַקע זייער צוניץ, אין די בלוטיקע טעג פון אונדזער באַזיגטער און געצווימטער פרייהייט. ער זינגט —
„אין הילוך פון באַזיגטע וואוינט דער טרויער,
און אין זייערע שטיבער הוסט שווינדזיכטיק די נויט.
אָבער דער געדאַנק מוז ברענען העל אין דער נאַכט פון מפּלה,
און עקשנות מוז נעמען אַ האַמער אין האַנט פון דאָס ניי
און צוגיין צום באַרג מיט באַגייסטערטע טריט,
און נעמען קלאַפּן אין שטיין פון פינצטערן אָנהויב."
און דאָס „קלאַפּן אין שטיין פון פינצטערן אָנהויב" איז אַגב זייער סימפּטאָמאַטיש פאַר אַזאַ סאָציאַלן דיכטער ווי פּטאַשקין איז און וואָס האָט גלייכצייטיק דעם אומגליק צו זינגען אין, און פון א תקופה, וואָס בלוטיקט אונטער די קנאַפּל פון פינצטערע רעזשימען. און אויב פּטאַשקין האָט זיך דערהויבן צו דער זכיה פון שיקן
„אַ ברכה די הענט פון געפּייניקטן דור,
וואָס האָט געשוואוירן צו וואַקסן אין גבורה!"
שיק איך אים אליין — פּטאַשקינ'ען — אן ענלאַכע ברכה, אויך „צו וואַקסן אין גבורה" אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג, וואָס דאַרף, מוז און זאָל ווערן די פאַנען טרעגערין פון אונדזער דערלייזונג.

## בער שנאַפּער — מיין שטאָט

בער שנאַפּער געהערט צו דעם יונגערן דור דיכטער אונזערע וואָס זענען צו אונזערע ראַנדן געקומען נאָך דעם לעצטן מלחמה און רעוואָלוציע פּעריאָד. אים אליין, ווי די מיט־חברים זיינע פון זיין צייט — איז שוין נישט אויסגעקומען צו פּאַקן און צו מאָזלען דורך די לאַבירינטן פון א נישט צעאַקערטער ערד; זיי אַלע האָבן אין אונדזער ליטעראַטור שוין געטראָפן באַלאַדענע פעלדער און פולע שייערן מיט תבואה, וואָס האָט זיי געמוזט א שטויס טאָן פאָראויס, צו וויטערדיקע דערגרייכונגען און זינגן. עס איז אים אליין, ווי די אַנדערע דיכטער

פון זיין צייט — אויסגעקומען צו זיין די עדות און מיטשעפער פון א ניי און אייגנאַרטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער דיכטונג. דערפאַר אפשר האָט בער שנאַפּער זיך געקענט פאַרגינען דעם נישט דאַנקבאַרן לוקסוס, צו פאַרעפנטליכן אין זיין ערשטן בוך לידער א. נ. „מיין שטאָט", אַזעלכע צוויי פעסימיסטישע לידער, ווי „און ס'זענען שוין די ווערטער מיינע מיד" און „נאָך דער לויה פון מיינע לידער", וואָס דריקן אויס די יאוש־שטימונג פון אונדזערע שריפטשטעלער, בנוגע דעם גורל פון אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור. ס'איז אָבער א פיינלאַכע איבערלעבונג פאַר דעם לייענער, זיך אָנצושלאָגן אָן אַזאַ פעסימיזם בא א יונגן דיכטער וואָס האָט אַלע מעגלאַכקייטן — לויט דער קוואַליטעט און פאַרנעם פון זיינע דיכטערישע אַרבעטן — צו שפּילן א גאָר גוטע ראָל אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער דיכטונג.

בער שנאַפּער מאָלט זיך אליין, ווי „דאָס גרויסע אייביק־אָפּגענאַרטע חלום'דיקע וואַנדער־קינד" וואָס בעס'ט זיך און וויל אויפשטיין איינמאָל אין א נאַכט „אַראָפּנידערן צום שטילסטן ברונען פון מיין האַרץ, דערטרינקען דאָרט מיין קאָפּ" און „ווערן צומאַרגנס א הענדלער אין מיין שטאָט".

אין בער שנאַפּער'ס שטאָט איז נאָך אַלץ „ווי געווען"; דער מאַרק איז נאָך „די סאַמע מיט וועלט". פונדעסטוועגן אָבער, זעט ער שוין און ווייסט, אז אין זיין שטאָט ווערן פלוצים „אַלע קינדער זקנים", ווייל אין זיין שטאָט „איז גאָט אדורכגעגאַנגען" און צומאַרגנס איז דער צלם אלהים געבליבן הענגען אויף יעדן ביימל און זיך אויסגעגרינט...

אָן אויסגעצייכנט בילד וואָס איז אינזיך כולל דעם שוידער פון דער צייט אין וועלכער דער דיכטער לעבט.

אויף א וואונדערלאַכן און זייער בילדלאַכן אופן מאָלט פאַר אונדז שנאַפּער אויס דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, ווי מענטשן שטייען אויף באַגינען, זיך וואַשן די נעגל צו ברכות. דער דיכטער פאַרלירט זיך אָבער נישט אין דעם עקסטאַז פון זיין געמעל, ווייל באַלד געפינען זיינע העלדן זייער גאָט איינגעהילט אין א טלית פאַרשלאָפן: א „גאָט וואָס האָט שוין מער קיין ווילן נישט און האָט שוין מער קיין כח, צו גיין אליין אין שול אריין" . . .

די געזונטסטע איראָניע פון א קערנדיקן דיכטער !

שפּעטער־צו, אין האַרבסט — שטייט שוין עמיץ אין זיין שטאָט „און קוילעט אָפּ די נאַכט ווי א שעפּס".

ווער האָט בא אונדז ביז שנאַפּער'ן געקוילעט די נאַכט ווי א שעפּס ?

און דאָ דערפירט ער זיין שטאָט צו אַ סימבאָל, וואו עס „בלוטיקט שוין דער מאָרגן".

זיין הארבסט איז געמאָלן מיט אייגנאַרטיקן כח; די בילדער זיינע זענען געשריבן אין אַ סטיל, וואָס געהערט בלויז צו אים אליין. די בילדלאַכקייט פון אַ טייל פון זיינע לידער גרעניצט זיך אָפט מיט דער פרימיטיווער שיינקייט פון דער אומשולד אליין, און אָטעמט מיט דער ראָמאַנטיק און געמיטלעכקייט פון דעם ווייטסטן עבר. אָט איז אַ מוס־טער: —

„אויף די שפּיץ פינגער
קומט די נאַכט —
און שטעלט אַוועק פאַר יעדן שוועל
אַ פולע לבנה
ווי אַ שטרייך מעלקשעפל מיט מילך
און אַלע קינדער פון מיין שטאָט
טרינקען פאַרן שלאָפן־גיין
די זיסע מילך פון דער לבנה —
און אלע מיידלעך פון מיין שטאָט
וואַשן זיך פאַר יעדן חלום־גיין
מיט ווייסער מילך פון דער לבנה
די בלאָע אויגן אויס —
זיי זאָלן קאָנען קוקן לויטער
דעם חלום גלייך אין ד'אויגן אַריין
און אַלע זקנים פון מיין שטאָט
טינקען איין פאַר יעדן חצות
די לאַנגע ברייטע בערד זייערע
אין זילבער־מילך פון דער לבנה —
זיי זאָלן קאָנען פאַר גאָט קומען
מיט א הדרת פנים."

קיין פירוש אויף אזעלכע לידער איז נישט נויטיק; אזעלכע לי־דער זענען בא שנאַפּער'ן פאַראַן אין אַ גאַר היפּשער צאָל.

שנאַפּער'ס לידער זענען פול מיט פּאַטאָס. באַם סאַמע אָנהויב פון דעם צווייטן טייל פון זיין בוך גייען שוין בא אים די הייזער — „גלייכע
אויסגעשטרעקטע
און אויסמושטירטע ווי די זעלנער"
אין אַ מאַרש איבער חורבות,
„נאָך ברויט
נאָך שרויט
און

נאָך טויט.״
זיין שטאָט ווערט פּלוצים
„אויסברוקירט מיט שטיינער
ווי מיט הערצער מענטשישע:
אַ שטיין — אַ האַרץ
אַ האַרץ — אַ שטיין״!

דאָ „ליגן גאַסן אויסגעשטרעקט ווי העלזער אָפּגעפליקטע״; אויסגע־שטעלט צו דער געפאַר פון חלף, אָן א ווידערשטאַנד. און אז עס רוקט זיך אָן אַ טאָג, גיסט ער בלויז אויס „די נאַכט ווי א שווארצע פּאַמיע, אין פּאַמעשאַף פון סאמע מיטן מארק״. זיין שטאָט „לויפט אום א נאַקעטע אינגאנצן, אויף אַלע גאַסן פון דער וועלט״. און אויף די ראַנן פון זיין שטאָט בייטן מיידלעך אוים די הערצער „אויף פּראַסטע לאַבנס ברויט״ און די יונגען „מיט אויגן: אויוונס אויסגעלאָשענע״ גייען דאָ אַרום פארצווייפלט און דערשלאָגן „גרייט א יעדע רגע אויף א בים״.

דאָס זענען טראַגישע בילדער פון א שוידערליך שלעכטער צייט, געמאָלן פון א דיכטער וואָס שטייט שוין באַם סאַמע אָנהויב פון זיין ארבעט, אויף זיינע אייגענע פים און אייגענער הויך. דער־פאַר איז טאַקע פארדריסלעך וואָס עס איז בא אים אינגאַנצן אָפּוועזנד דער מאָמענט פון מרידה; דער מאָמענט פון ווידערשטאַנד קעגן דער וועלט, וואָס איז „כידוע גראָב און שטאָליק״ און הענגט ווידער ארוים דאָס שילדל, אלט און תמיד ניי געראָטן: פּאַר הינט און בעטלער איז דער אריינגאַנג שטרענג פאַרבאָטן״, ווייל די עלעמענ־טאַרסטע אויפגאַבע פון דעם דיכטער איז, נישט נאָר אָפּצושפּיגלען די קאָנפליקטן פון זיין צייט, נאָר — דער עיקרשט און הויפּטזעכליך — לויט שנאַפּער׳ן אליין — „קוקן לויטער דעם חלום (פון דער צייט) גלייך אין ד׳אויגן אריין״ און דורך דער פארמיטלונג פון זיין דיכטונג, דעם חלום מיט לעבן באַפליישן און באַבלוטן.

## סראָל אַשענדאָרף — אין אַ גרויסער, פרעמדער שטאָט

אז סראָל אשענדאָרף איז געקומען „אין א גרויסער, פרעמדער שטאָט״ זוכן מענטשן, זוכן ברויט — האָט ער „מענטשן געטראָפן אונ־טער זיבן שלעסער״. שוין בא די ערשטע טריט זיינע האָט ער באַ־מערקט, ווי —

„ס׳האָט די רייכקייט איבער אלץ געהויבן איר שיכור׳ן קאָפּ.
נאָר דאָס מויל פון דער נויט איז מיט א פויסט פארשטאָפּט,
ס׳וויינט דער עלנט פון קעלער ביז קעמערלעך פון דאַך.

דער הונגעריקער מענטש האָט געקענט בערג ריזיקע אויפרייסן,
דאָס דינע פענצטער פון שפייז־געוועלבל צוברעכן—איז ער שוואַך".
איז ער אזוי איבער „דער גרויסער, פרעמדער שטאָט" געגאַנגען —
„און אַנטקעגן געקומען איז מיר אזויפיל צער, אזויפיל עלנט".
די „גרויסע, פרעמדע שטאָט" באַגעגנט אים מיט געלעכטער און פרעגט: „ווער האָט דיך דאָ באַדאַרפט ? ווער האָט דיך אהער געבראַכט" ?

עס קומט אים דעריבער אויס צו שפאַנען „אין איינזאַמער איבער דער גרויסער פרעמדער שטאָט". דאָס וויכטיקסטע וואָס אים אינטערעסירט איז, — דער מענטש. זוכט ער אים טאַקע אויף — דעם מענטשן — און געפינט אים „בא אַ טויער, פינצטער און פאַרמאַכט", וואָס סימבאָליזירט די איינזאַמקייט, אָרימקייט, נויט און עלנט פון דער גרויס־שטאָט. אָט איז אַ מוסטער פון סראָל אַשענדאָרפ'ס אַ בילד:
„ס'איז נאַכט
איך בלאָנדזשע איבער גאַסן, אַ ווינט מאַכט ציטערן מיין גוף,
טפּעס נעמט אין מיר וויינען, נעמט אין מיר קלאָגן אזוי טיף."
און ער פרעגט :
„אָ, וואָס זאָל איך טאָן? איך בין עלנט, בין פארלאָזן אַליין.
אויף וועלכער שוועל מיין מידן קאָפּ לייגן, אויף וועלכן שטיין ?".
און אזוי באַקומט זיך אַ רעאַל בילד פון היינט־צייטיקער גרויס־שטאָט: אַ בילד פון יחידישן עלנט, מאַטעריעלער זאָרג און עקאָנאָמישער אומבאַהאָלפנקייט, אין דעם סאַמע צענטער פון איבערפליסנדיקער עשירות.

און אז דער מענטש ווערט מיד? טוליעט ער זיך צו אַ קאַלטער מויער צו, וואו ער וועט „מסתמא אזוי ליגן ביז אינדערפרי". סראָל אַשענדאָרף געהערט אָבער, לויט דער קאָנסטרוקציע פון זיין פּערז, שפּראַך, פאָרם און פאַרנעם פון זיינע לידער — צו יענעם מין פּריווילעגירטע דיכטער, וואָס זענען באַלאָדן מיט דעם כח פון אַלע דיכטערישע פאַטענצן. לייכט טאַקע באַלד בא אים אויף „אַ פענצטער קעגנאיבער": עס רופט אים עמיצער אריין אין אַ וואַרימער ליכטיקער דירה, וואו ער טרעפט דאָרט אַלץ, מכל טוב. דאָס פיינלאַכסטע דערביי אָבער איז, וואָס וויפל ער עסט דאָרט און טרינקט, קען ער „נישט זאט ווערן", און אפילו אין בעט, מיט די „דיקע פיינע דעקן" וויל אים אויך „נישט ווארים ווערן". דער סוף איז, אז ווען ער כאַפּט זיך אויף, זענען אַלע זיינע אברים אדורכגעגליווערט און
„אַ גאַסנקערער קערט אויס נאָך אַ נאַכט מיינע פון היינטישן עלנט."
דער פּועל יוצא פון זיין ארומשלייכן זיך איבער דער „גרויסער, פרעמדער שטאָט" איז —
„אָ פרעמד איז מיר די פרייד פון בויען, און נאָך פרעמדער די פרייד

פון א ווינקל פאַר מיין גוף און פאַר מיין קאָפּ, מיד און גרוי."
די איראָניע דערפון איז, וואָס —
„אין מיין קאָפּ טאַגאָרע און בערגסאָן, אין העמד — לייז און קויט.
איך בין זאַט מיט געדאַנקען און הונגעריק נאָך שוואַרץ ברויט."

דערפאַר אפשר זענען אַלע זיינע לידער דורכגעזעלט מיט רעד־וואָלוציאָנערן פּאַטאָס. מיט זיין הונגער „נאָך שוואַרץ ברויט" איז אַשענדאָרף'ן געלונגען, אויף א בילדלאַכן אופן צו סימבאָליזירן די צייט אין וועלכער מיר לעבן, א צייט, אין וועלכער ער אליין איז „איין גרויס געשריי קעגן אַלע פאַרגאַנגענע דורות און קעגן די וואָס טוליען זיך צו זיי."

אין דעם צווייטן העלפט פון זיין בוך שוואַנגערט שוין באַ אים די צייט מיט א צווילינג אין איר בויך: אונטערגאַנג און אויפקום. דאָ מאָלט פאַר אונז דער דיכטער א שטילקייט, וואָס ווירקט מיט דער מורא פון א באַלאַגערטער שטאָט, וואו „פון יעדנס אויגן קוקט שטום ארויס אַזאַ פּחד." און ווער מיינט איר האָט באַלאַגערט די שטאָט? דערזעלבער שונא — דער הונגער! און „אָן איין שאָס גייען אויס אַלטע, גייען אויס יונגע". „צוועלף יאָריקע רופן דיך שוין" און „קראַנקע ווייבער זוכן אָפּפאַלן אין מיסטן."

א שוידערלעך בילד פון אונזערע טעג.

אַשענדאָרף'ס בילדער זענען אַלע געמאָלן מיט דעם זעלטענעם כח פון פּשטות. דערפאַר שניידן זיי זיך איין אין דיין זכרון, ווירקן אויף דיר עמאָציאָנעל און פאַרפאָלגן דיך לאַנג נאָך דעם ווי דו האָסט זיי שוין איבערגעלייענט.

אַשענדאָרף זעט „א וועלט, וואָס שרייט אין צוואַנגען פון נויט." איבער דער וועלט זעט ער אויפגיין א פרילינג, וואָס איז „נישט א גרינער, נאָר א רויטער." ער זעט —

„אומעטום פאַרלוירנקייט. אומעטום: צעמישונג, כאַאָס, צושטערן.
און אינמיטן אַלעמען פיל איך אַ וואַקסן, אַן אויפגיין, א יערן."

אַזעלכע דואַליסטישע בילדער פון „כאַאָס, צושטערן, אָן אויפגיין, א יערן," טרעפט מען זעלטן אין אונזער היינט צייטיקער דיכטונג. דערפאַר איז סראָל אַשענדאָרף'ס וואָרט א געווינס פאַר אונדזער דיכ־טונג. וואָרט, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק — „ווישט אָפּ מחיצה צווישן פעלקער און שטאַמען". דורך דעם כח פון זיין — אַשענ־דאָרף'ס — וואָרט, רעוועט אויף באַ אים דער כלל:

„מיר זענען נישט פון די וואָס וואַרטן, מיר זענען די וואָס קומען!"

ער פילט, ווי
„עפּעס וואונדערלעכס, עפּעס גרויס האַלט אין געבוירן ווערן"
און ער דערפירט דעם מענטש צו א גרוב, וואָס „איז א קוואַלנדיקער

ברונען און ער „שעפּט פון אים פולע עמערס רו, פולע עמערס גלויבן".
דערנאָך ערשט קומט א בילד פון —
„א מחנה ארבעטער פון עלנט געטריבן און פון הונגער,
מיט בונט אין אויגן און געביילטן קראַמף אין די פינגער."
עס וואַקסט מיטאַמאָל אויס אַ מאָנסטער בילד פון א מאַסן־גערדרענג, וואו —
„בלוטן צינדן זיך אָן, פּנימ'ער ווערן געהייליקט אין שיין פון געפאַרן,
דורך דער לופט שרייען שטיינער ארויסגעריסענע פון טראָטואַרן."
דאָ פילט איר ממש דעם אויפגעשריי פון א רעוואָלטירנדן כח: דער ציל ווערט דערגרייכט דורך די פשוט'סטע מיטלען, אָן דער אָנגענו־מענער באַמבאַסטיק פון אַלע אונדזערע פסעוודאָ פּראָלעטאַריכטער צוזאַמענגענומען.

סראָל אַשענדאָרף מאָלט פאַר אונדז דעם שטורם אַ נאַקעטן, מיט די אַלע גרויזאַמקייטן זיינע. זיך אַליין מאָלט ער, ווי ער איז „געשטאַנען אין דער ערשטער ריי און אויסרופן צעוואָרפן אַקעגן, ווי הייסע שטיקער בליי". דערנאָך איז געקומען כאַאָס. „ס'האָט הונ־גער אַ זומערדיקן טאָג אויפגעריסן, ווי דינאַמיט". צוליב דער גאַנצ־קייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, נעמט ער אויך אריין די פאַרפייניקטע חברים. ער שרייבט: —
„און די אין תפיסה ליגן פאַרפייניקט, שווייגן שטיל און פאַרשטיין,
אַז די נייע לוחות קריצט מען אויס נישט מיט די הענט, נאָר מיט ציין"!
אין אָט די נייע לוחות וואָס מ'קריצט בא אים „מיט ציין", ליגט דיכטערישער כח פון גרויסן פאַרנעם.

זיין „צער איז נישט דער פון גיין פאַרלוירן, נאָר דאָס איז דער פון ווייען, פון ווערן אויפסניי געבוירן". און אַז ער ליגט שוין אַ פאַרוואונדעטער אין בלוט איז ער נאָך אַלץ באַהעלט פון אַ פאַר־שיכור'נדן אָפּטימיזם און ער מונטערט, מוטיקט און טרייסט —
„אָבער נישט פאַר'יאוש'ט חבר, ס'וועט זיין גוט, ס'וועט זיין גוט."
און ער זאָגט אָן, אַז —
„אַ וועלט אַ נייע בליט אויף פון חורבות, אויס מאָך און שימל.
אויף ערד גייט אויף אַ שטערן, וואָס פאַרטונקלט אַלץ פון הימל!"
און ער אַליין איז אויך אַ שטערן — אַ שטערן אויף דעם דערנער־וועג פון אונזער דיכטונג.

## י. ל. טעלער — לידער פון דער צייט

די מערסטע לידער פון י. ל. טעלערס בוך זיינען אויסגעבלוטיקט אויף דער פאָן פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן. ס'איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז דוקא די גרוילן פון אונדזער צייט האָבן גע־מאַכט י. ל. טעלער פאַר אַ דיכטער. אויף דעם זאָגן עדות די לידער

פון די ציקלען נומער פינף און זעקס א. נ. „די סדרה פון דער וואָך" און „פאַרשידנס", אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק אויך גרויס־שטאָטישע, אַלגעמיינע, און ריין לירישע מאָטיוון. לויט דעם אַלגע־מיינעם איינדרוק פון זיינע לידער, האַלט איך, אז י. ל. טעלער איז א באַגאַבטער פּאָעט, וואָס האָט גאָר א געזונטן אַנטוויקלטן חוש פאַר דעם סאַמע קערנדיקסטן אָפּקליַיב פון אונדזער שפּראַך, סטיל־און־פאָרם דערגרייכונגען פון אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג, וואָס באַשאַפט אַגב איצט, פאַר אונדזערע אויגן, א קאָלעקטיוון איכה און היינטציי־טיקע קינות פאַר די קומענדיקע דורות.

י. ל. טעלער, א גאָר יונגער דיכטער — האָט מיט דער פולער האַנט אויסגענוצט די אַלע דערגרייכונגען פון אונדזער פּאָעזיע. ער האָט זיך, אזוי צו זאָגן — אויסגעטאָן פון אַלע שאַבלאָנען, און אויס־געמידן זיך צו באַנוצן מיט דעם געמאָסטענעם פערז און אינגאַנצן פאַרראַטן דעם צום וויפלטן מאָל זיך באַנייענדיקן גראַם אין זיין דיכטונג. אמת, דער פרייער פערז וואָס ווערט בא אים אָנגעווענדט אויף זיין כמעט דורכאויס היינטצייטיקער טעמאַטיק, גרעניצט זיך ערגיץ וואו מיט דער סטיליסטיק פון דער פּראָזע. דאָס איז אָבער שוין די נאַטור פון דעם פרייען־פערז, וואָס אפילו עלטערע דיכטער, פון לאַנג איינגעבירגערטע אין דער מלוכה פון דער פערזנקונסט — מיידן ניט אויס אַזא גורל. און דער נאָמען פון טעלערס בוך, „לידער פון דער צייט" — אַנטשפּרעכט באמת דעם אינהאַלט פון די לידער זיינע.

טעלערס שפּראַך־עמפּינדליכקייט איז באמת איבעראַשנדיק און אָטעמט מיט דער שעפערישער וויַיכקייט, סובטילער און בויגעוודי־קער צאַרטקייט פון אַן איידעלן אינסטרומענט. אָט זיינען ביישפּילן פון זיין מייסטערהאַפטער שפּראַך־עשירות, וואָס ברענגט מיט זיך גלייכצייטיק א שפע פון בילדער:

„אזוי האָט אויך געדאַנק אָנגעפּלוצימט אויף דיר." (51)

„אַ קאַטעריִנטשיק האָט געצאַפּט אַ פּאָלקסליד." (51)

„געראַנגלט מיט חלומות און אויסגעזיגט א מוט." (41)

„אַ יידענע האָט פאַרפּאַטשט די הענט און זיך אריינגעשאָטנט אין אַ טויער." (25)

„האָט דייטשע גלוסטונג פאַרקלעקט ווי שטיוול פרישן שניי." (23)

וואָס פאַר א עשירות פון בילדער און שפּראַך־בויגעוודיגקייט! געמט מען נאָך דערצו אין אָנבאַטראַכט, אז דער יונגער טעלער איז די לעצטע יאָרן א מיטאַרבעטער אין אַ טאָג־צייטונג, און ווייסנדיק פון דערפאַרונג אז די טאָג־צייטונג האָט שוין צוריבן נישט איין טאַלאַנט־פולן דיכטער אונדזערן — איז באמת צו באַוואונדערן אָט דעם שעפע־רישן עלעמענט אין י. ל. טעלערס דיכטונג.

אין זין פון שפּראַך־עמפּינדליכקייט, ווי אויך אין זין פון איראָ־ניש־גראָטעסקיעזן און סאַטירישן אויפנעם פון זאַכן און געשעהענישן, ווי מיר וועלן באַלד זען — שטייט מיר דוכט י. ל. טעלער אונטער דעם איינפלוס פון מ. ל. האַלפּערן און, דער עיקר׳שט — יעקב גלאַטשטיין. טעלער דערמאָנט בכלל א סך אָן די אינזיכיסטן, א מאַנענדיקער און שעפּערישער כח אין אונדזער הײנטצייטיקער דיכטונג — מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס ז י י ן ליד איז א סך פאַרשטענדליכער און קלאָרער פון ז י י ע ר ן א ליד.

טעלער, ווי מיר אַלע — לעבט אין א צייט פון כמעט כולו נאַכט. איראָניזירט ער נישט אומזיסט אזוי גאַליק אין זיין ליד „מאַריאַ״ :

„נאַכט. און ניט נצרת.
גאָט צאָלט מיט סאַמעט, מיט זייד,
און האָט א שליסל צו דיין טיר.״

זיין טעמאַטיק, נישט נאָר קלוג־זיין — באַגעגנט זיך דאָ און דאָרטן מיט דער טעמאַטיק, סאַטירע און חוזק פון יעקב גלאַט־שטיין. דער אונטערשיד איז בלויז דער, וואָס בשעת גלאַטשטיין למשל הייסט זיך אויפוועקן „ווען מען וועט גיין אויף די באַריקאַדן״, זינגט טעלער אין זיין ליד „מיגאָר״ צו זיינע חברים אזוי :

„איר זייט גערעכט, חברים.
פון אייך שמעקט די רעוואָלוציע
ווי בראָנפן און ס׳דרייט זיך אייך
אַפילו ניט דער קאָפּ.
אז אייער שטיין וועט טרעפן
אין מיין פענצטער
וועט עס מיך אסור פאַרדריסן.״

דער צוגאַנג איז דאָ אביסל אַן אַנדערער — „חברים״ — ביידע אָבער האָבן זיי ניט קיין טענות און שטעלן זיך גלייכצייטיק אוועק פונדרויסן פון יעדן אקטיוון אנטייל אין דער רעוואָלוציע. אין דעם ליגט די פאַרצווייפלונג פון איין און דערזעלבער אַנשויאונג, בנוגע דער פּראָבלעם פון רעוואָלוציע — בא גלאַטשטיינ׳ן און בא טעלערן.

טעלער נעמט־אויף דעם געברויז און גערעוו פון אונדזער צייט אויף א געזונטן און אוממיטלבאַרן אופן. ער זינגט אין זיין ליד „מע־דיטאַציע בא דער סטייוועסענט קירך״ אזוי :

„אַלץ וואָס שטומט און לעבט
איז אַן אָפּבילד פון מיינע
אויפגעוואַכטע חושים.
מיין יעדער גליד איז דורכגעשטראָמט מיט פייער.
דאָס פּנים גליט מיט ליבע און מיט מאָרד.

## אימפרעסיעס פון א לייענער

װער זוכט עס איצט א קיום דורך מײַן גוף ?"

און װײַטער —

„אַלע רעדן איצט דורך מײַנע תנועות

און מײַן גאַנג."

און אז —

„איך טראָג דעם חורבן־גלוסט פון קעלער,

די מורא פון ייִד."

און „דאָס אָפּבילד פון מײַנע אויפגעװאַכטע חושים" באַקומט אַזוי אַ זין און אויסדרוק בײַ י. ל. טעלער, דורך דעם אויסגעשריי און אויפזוכנג פון זײַנע גוט פאַרטראַכטע, דער עיקרשט — גוט־געבויטע „לידער פון דער צײַט."

און דער עיקר פון אַלע עיקרים פון זײַן היינטצײַטיק געזאַנג איז :

„איך זוך אין מיר די שפּורן פון מײַן שטאַם.

אַ לאַנגער שװערער שליט־װעגס

פון 'װי'

און 'װאָס'

צװישן ייִדען און מיר."

איז דאָס עצם זוכן „די שפּורן פון מײַן שטאַם", בײַ אַ יונגן דיכטער, בכלל אַ װינשנסװערטע מדרגה, װאָס קען אײַנעם פירן באַרג־אַרויף און צו גאָר לײַטישע דערגרייכונגען, אויף דער באַזע פון אַן אינטימען דערגרונטעװען זיך צו דעם סאַמע שורש פון אײגענער אָפּ־שטאַמונג, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ ייִדן — צו גאָר װיכטיקע, נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע אמת'ן. עס שאַדט אָבער נישט אויך דאָ צו דערמאָנען דעם קאָנטיקן אײַנפלוס פון יעקב גלאַטשטײן אויף אונדזער יונגען י. ל. טעלער. און דעם לעצטנס ענליך זײַן צום ערשטן, דער אונטערשיד — באַשטייט בלויז אין דעם, װאָס בשעת גלאַטשטײן נ ע מ ט שוין אויף דעם ייִדענס צװאָה װי אַן אַקסיאָמע, זוכט ערשט דער יונגער טעלער — טאַקע צוליב זײַן יונג־זײַן אפשר — „די שפּורן פון מײַן שטאַם", די סאַמע נאָענטסטע — „צװישן ייִדן און מיר." און טעלער פאַר'סך הכל'ט „די שפּורן פון מײַן שטאַם" אַזוי :

„פאַרציט די שטאָרן. לעשט־אויס דעם קנויט.

מײַן שטאַם איז אַ בייזע לעגענדע."

איז דאָ נישט שייך צו קריטיקירן טעלערס איבעראײַלטן סך הכל. ער איז, װי געזאָגט — יונג. װעט ער האָפענטליך נאָך האָבן געװנוג געלעגנהייטן, בײַ דעם ערשטן און נאָענטסטן אומבײַט פון אונדזער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, צום בעסערן — זיך צו אַנדערשן און אויך אַ נ ד ע ר ש צו זינגען. דערװײַל אָבער פאַרפאָלגט אים תמיד דאָס װאָס ער באַנאָמענט די „בייזע לעגענדע", און עס געפינט טאַקע אויך אַ תיקון אין זײַנע „לידער פון דער צײַט."

טעלער זינגט אין זיין ליד „י. ל. ט. פאַרלאָזט דעם גן עדן און קומט צוגאַסט צו זיינע קינדס־קינדער" (אָן איינפאַל פון א יונגען דיכטער!) פון

„. . . די גרויליקע פייערטעג
פון אונדזער צייט."

און ער אונטערשטרייכט מיט ווייטיק, אַז —

„איר חזר'ט דעם דאַטום פון יעדן געשעען.
געשעען איז די צייט און ניט מער.
מיר — זיינען בלויז געווען,
שטאַרק
געווען."

און דער אופן ווי אזוי „מיר — זיינען בלויז געווען, שטאַרק געווען", און אויך וואָס מיט א ו נ ד ז איז באמת געשען, וואָלט איך דאָ צוגעגיבן — געפינט אַ קלאָרן און שאַרפן אויסדרוק אין טעלערס „לי־דער פון דער צייט". דאס טרויעריקע געזאַנג פון אונדזערע „גרוילי־קע פייערטעג" קריגט צום ביישפּיל א תיקון אין זיין ליד „ווילהעלם שטעקל זאָגט זיך אָפּ פון לעבן" וואו

„ס'טראָגט יעדער וועזן אין זיך זיין געפאַנגענשאַפט,
די בראַנד און שאַנד פון אַ פאַרלוירענער שלאַכט."

אזוי האָט י. ל. טעלער פארפיבערט זיין היינטצייטיק געזאַנג צו זיין ליריק, וואָס וואָלט מן הסתם, בא גינסטיקערע אומשטענדן — אוודאי אַנדערש געקלונגען. אזוי ווי אָבער ער געהערט, ווי מיר אַלע — צו דעם

„. . . שטאַם פון לאָמען יעקב
וואָס האָט געראַנגלט מיט חלומות
און אויסגעזיגט א מוט."

פאַרשטייט ער דעם זין פון אונדזער פיינליך לעבן און זינגט וועגן דעם אזוי:

„איך, וואס אַנגסט מיט דיר אין אַלע שלאַכטן,
ניט אויף דער מאַפּע איז מיין ציל,
נאָר אין געדאַנקען."

(„צו א גויאישן חבר")

אזוי ווייטיקט זיך אוים זיין ליד בא דעם אָנגעזיכט פון אונדזער ייד־און־מענטש דערפאַרונג, אין די בלוטיקסטע טעג פון זיגערישן פאַשיזם.

„אַמאָל האָט דעם שטערן־צייכן
געטראָגן דער שלעגער,
און היינט — הבל."

(„בריסקער יידן רעדן")

## אימפרעסיעס פון א לייענער

פאר'סך הכל'ט ער אונדזער אומגליק, אין געצײילטע פערזן. זיין גע־זונטער אינסטינקט גאָלט אָבער אויף מיט קלוגער איראָניע, אנטקעגן אונדזערע פייניקער, און ער דונערט־אויף :

„פאָלט צוריק און שפּאָלט אַ וועג.
פירט זיי דורך
די בלאָנדע
שילטנדיקע
הורן
צום צערעמאָניאַל פון שפייען מיר אין פנים."

און ער גאָלט און שוידערט ווייטער :

„נאָר מיין הויך איז נאָך דאָ אויף דער שויב
פון א ווינער קאַפּיי, מיין ליפּ איז נאָך דאָ
אויף אַ ווינער גלאָז טיי.
שיקט מיך אָפּ מיט טויזנט באַנען
אין געגראַטעטע וואַגאָנען."

און אין אָט דעם שוידער און קלוגער איראָניע, ווײנט דאָ אויף דאָס קלאָג־ליד פון אונדזער צייט. דערפאר, ווי געזאָגט — האַלט איך, אַז דער נאָמען פון טעלערס בוך איז זייער אַ טרעפליכער און אנט־שפּרעכט באמת, אין די פולסטע דעמאָלן — דעם תוכן פון זיינע לי־דער. און דער דיכטער וואָרנט, מיט דעם העלזעערישן כח פון זיין פארקלאָרט וואָרט :

„דורך דער טראַכט פון אייערס אַ טאָכטער,
דורך דעם זילב פון אייערס אַ ליד,
וועל איך אויפגיין פונדאָסניי
אין אייער מיט.
אַהאַספאַר, דער אייביקער
ייִד."
(„פליטים־ליד")

דער חוזק און ארויסרוף, לאַגישער פארטראַכט און קלאָרסטע זעאונג פון א קרעפטיקן דיכטער, אונטער דעם שוידערליכסטן צייכן און בייטש פון דעם מערדער !

און אַז דעם דיכטער קומט אוים צו ריידן דירעקט צו אונדזערע שענדער און הענקער, איז ער ניט איבעריק איבערקלייבעריש אין זיין שפראַך, און ער גאָלט מיט דער פשטות פון היימישן לשון, וואָס דער־מאָנט אגב אויך אָן גלאַנטשטיינ'ן און, זיי ביידע צו לענגערע יאָר — אָן משה לייב האַלפּערן. טעלער זינגט :

„מיין שכן, באַהאַלט דיין פּרוי ווי לאַנג איך שפּאַן נאָך
אויף קורפירסטענדאַם. ווייל מיינע אויגן דיינען ווילדע שענדער
פון דיין גרעטכענס הויכן בוזעם און איר שווערן הינטן."
(„ליד צו אדאָלף, פריץ עטצעטערא")

דער צער און פּיין, װײטיק און צאָרן זײנער, געפינט אָבער דעם סאַמע בעסטן אױסדרוק אין זײן ליד „די תּפילה פון אַ ייד אין די הײנ־טיקע טעג", װאו עס קללה'ט־אױף זײן װײטיק אױף דעם טעמפּער־ראַמענטפולסטן אופן פון זײן נשמה־ציטער. טעלער זינגט:

„קלײד זיך אָן אין די גבורות פון אונדזער לעגענדע.
פאַרקרענק זײ מיט דער קרענק װאָס מאַכט ראָסט פונם מאַרך אין די ביינער,
זשאַװערט די קנאָכן און ברעכט די געלענקען,
און מאַכט דעם זכר בלוטיקן װי ס'איז גאָרניט די טבע פון אַ מאַן.
װי מ'װאַלגערט בלעך, טו װאַלגערן זײערע לײבער
אַז ס'זאָל זײ פאַרגײן די תּאװה
צו אונדזערע טעכטער און װײבער.
און װײטער —
„זײ פּוקד אױף די זכרים פון אשכנז, זײ זאָלן מער ניט ברענגען זײער גלײכן אױף דער װעלט."

זײן אױפגעשרײ און קללה קומט דאָ פון דער סאַמע טיפסטער טיפעניש פון דעם דיכטערס נשמה, און שטעקט אָן דעם לײענער װאָס טײלט די טראַגיק פון אונדזער גורל און אױך די טראַגיק פון אונדזער דיכטער װאָס זינגט אין זײן ליד „משפּט" װעגן די קרבנות פון די װאָס פּײניקן אונדז און שטראָפן:

„מען שטעלט זײ מיט די פּלײצעס צו אַ װײסער מױער.
מען פאַרבינדט זײ די אױגן און מען בינדט זײ די הענט,
פאַרקעמט זײ די האָר און מ'צעכראַסטעט זײ דאָס העמד.
אײנער פאַלט און שרײט אַ גרױס,
אײנער דריגעט מיט אַ פּוס,
און אײנער װיגט זיך װי אַ שיכור
באַ דער װאַנט."

י. ל. טעלער דערפירט אזוי זײן ליד צו דעם אױפגעװײן פון הײנטצײטיקע קינות, װאָס װאָרצלען בלי שום ספק אין דער פּסיכיק פון זײן „ערשט געדענקען" װאָס איז געװען

„דאָס קראַכן פון שױבן
באַם שכן אױפן דאַך."

דער עיקרשט אָבער — באַ דעם פינצטערן ליכט פון אונדזער הײנט־צײטיקער װירקליכקײט, װאו

„יעדער זומער דערמאָנט מיר פונדאָסנײ
די אַנגסטן־פרײדן
פון אַ קלײנעם ייד."

(„עמיגראַנטיש")

װאָס איז פאַר אונדזערע אױגן אױסגעװאַקסן צו זײן דער דיכטער פון

דעם פיינפולן, אָבער זייער געראָטענעם בוך פּאַטעטישע „לידער פון דער צייט" — י. ל. מעלער.

## מעשה און ניגון.

וועגן בוך „געווען איז א מענטש" פון יעקב זיפער

אין צייטן שטורמישע און שלעכטע, ווען געפארן לויערן איבער אונדזערע קעפּ פון אלע מעגלעכע און אוממעגלעכע ווינקלען, אין אַזאַ צייט ווילט זיך דעם מענטש אַנטלויפן פון זיך אליין און זיך פאַר־געסן אַן אַלץ, אין זיין אייגענעם געביין. און ווי אַלעמאָל, פּרואווט ער, דער מענטש — זיך צו ראַטעווען מיט דעם כח פון זיין וואָרט, וואָס איז, ווי לייט ווילן האָבן — דער כח פון גאָט. און איינע פון די מיטלען זיך צו ראַטעווען פון דער אייגענער פארצווייפלונג איז אַן יעדן צווייפל די מעשה, וואָס איז געוויינליך פארוועבט אין דער ראָ־מאַנטיק פון דעם עבר, וואָס גרעניצט זיך בטבע, צוליב איר לעגענדארישן הינטערגרונט — מיט יענער וואָרהאַפטיגקייט פון לעבן, וואָס פאַלט צונויף מיט דעם חלום וואָס איז ערשט געווען וואָר און איז שוין איצט, באַם ליכט פון דער ווירקלעכקייט — טאָקע נישט מער ווי א שיינער חלום. און כאָטש ניט אַלעמאָל קען דער וואָס איז גרייט צו דערציילן א מעשה, אַ מעשה דערציילן, פיבערט אָבער אַלע־מאָל דער שעפערישער מענטש מיט מעשות אין שלעכטע צייטן, אַזאַ צייט אין וועלכער מיר לעבן למשל — אין וועלכע ער זוכט און געפינט אַ באַרעכטיקונג און זין פאַר־און־פון זיין שווערן קיום.

און יעקב זיפער'ס ערשטלינג־בוך „געווען איז אַ מענטש", איז אַ פּאַרזוך, דערצו נאָך — ווי מיר ווילן באַלד זען — זייער און זייער אַ געלונגענער, באַ אַ פּאַקטישן אָנהויבער אין אונדזער פּראָזע־לי־טעראַטור — צו „דערציילן ווענן איינעם אַ מענטשן וואָס איז די שרעקן בייגעקומען און מיט בטחון געקוקט דער שרעק אין די אויגן." ס'איז באמת א גאָר גרויסע, גלייכצייטיק אָבער אויך — דאַנקבאַרע אויפגאַבע, וואָס פאַרפליכטעט צו א זעלטענעם נסיון.

„געווען איז אַ מענטש" איז „אַ מעשה ווענן א מענטשן וואָס האָט לאַנג נישט געוואוסט ווער ער איז, און פון זיין בוידים־שטיבל געקוקט אויף דער וועלט און געבענקט און געוואַרט." און וואָס דער מענטש „האָט געהערט און געזען, האָט ער געטראָגן צווישן מענטשן."

דאָס בוך זיפּער'ס „געווען איז א מענטש", איז א בוך פון כולו בטחון און כולו גלויבן —" . . . שרה קרוין, . . . האָף צו אים." און דער העלד פון בוך איז — דער בעש"ט, יענע לעגענדארישע פערזענ־לעכקייט, וועגן וועמען זיפער דערציילט אין זיין עמאָציאָנעל געלייר־טערטן און געמיטלעכן אריינפיר, אז די מענטשן „האָבן אים צוגע־

דריקט צום הארצן און אים געגעבן אייביק לעבן." א זכיה און זעל־טענע דערשיינונג בא מענטשן בכלל.

דאָס בוך זיפּער'ס באשטייט פון פינף זעלטן גראַטענע און ביז גאָר געלונגענע און אינטערעסאַנט איבערגעגעבענע מעשות, וואָס קייטלען זיך איינע אין דער אַנדערער הארמאָניש אריין און מאַכן גלייכצייטיק אויך דעם איינדרוק פון זעלבסטשטענדיקע, גוט פאַר־טראַכטע און אויף דעם פשטות'דיקסטן אופן איבערגעזונגענע, ווייל אין א פאַראיינפאַכטן און ריטמישן סטיל איבערגעדיכטעטע — מע־שות.

יעדע איינע פון די פינף בעש"ט מעשות זיפּער'ס שפּיגלט אָפּ א באזונדערן ליכט־און־שאָטן ווינקל — עטאַפּ — אין דעם שטימונגס־פולן און פשטות'דיק לעבן פון דעם בעש"ט, וואס איז נאַטירליך גלייכ־צייטיק אינזיך אויך כולל די סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט.

די ערשטע מעשה — „ערשטע טריט" — שילדערט אויף א וואונדערליכן און רירנדיקן אופן די קינדער יאָרן און ערשטע, אומזי־כערע וואָגלעניש פון דעם בעש"ט; זיין פאַרטראַכטקייט, איזאָלירט־קייט, אָרימקייט, צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור און זעלטענע עמפּינד־לעכקייט צו נגינה — דעם ניגון פון דער וועלט. די דאָזיקע מעשה, ווי דאָס גאַנצע בוך — האַלט אייך געשפּאַנט צוליב דער רירנדיקער שילדערונג פון א יידיש קינד, א יתום — וואָס האָט צוליב זיין נישט געהובלטקייט און ווי עס האָט זיך די ארומיקע אויסגעוויזן — פאַר־שטאָפּטן קאָפּ — זיך העכסטנס ארויפגעארבעט צו ווערן א בעלפער בא א קליינשטעטלדיקן מלמד. מ'באַדאַרף אָבער אליין לייענען אויפ־מערקזאַם די מעשה אויף צו דערפילן די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען פון דעם העלד פון דער מעשה און אויך די איבערלעבונגען פון די געשילדערטע ביי־טיפּן, ווי די באָבע, די מאַמע, די דינסט יעוודאָכע און א סך אַנדערע און שפּעטערדיקע טיפּן, און קרעטשמע און פאַר־וואָרלאָזטע חדר־סביבות. דער עיקרשט — זיין נטיה אויפצופּאַסן די שיינקייט פון דער נאַטור און פאַרנעמען דעם ". . . ניגון פון די גראָזן בשעתן וואַקסן. . ." און אויך די גרויסע בענקשאַפט זיינע צו קומען „. . . צו דער מדרגה פון גאולה." און ווי עס איז שוין די נאַטור פון יעדער עכט געשילדערטער מעשה, איז אויך די מעשה פון די „ער־שטע טריט" פאַרוועבט אין א נעץ פון מעשות, קלענערע און אויך גרע־סערע — אין דער מעשה גופא. איז בשעת איר לייענט אָט די מעשה, באַמערקט איר אליין נישט, צוליב דער קינסטלערישער שילדערונג אין א ראַם פון פשטות — ווי איר וואַנדערט מיט דעם מחבר אין־און־איבער דער וועלט פון נעכטן, וואָס מאַכט אייך באמת זיך צו פאַרגעסן אין דעם צער פון אונדזערע טעג, די אייגנטלעכע אויפגאַבע, מיר דוכט — פון דערציילן א מעשה. אום דאָס צו דערגרייכן, מוז אָבער דער

מחבר פון אזא מעשה זיין אַן ערשט־קלאַסיקער קינסטלער, וואָס זאָל מיט דעם כח פון זיין וואָרט אייך קענען אריבערטראָגן אין דער וועלט פון נעכטן וואָס גרעניצט זיך ערגיץ וואו מיט דעם נאָך אַלץ פאַרנעפּלטן מאָרגן. און יעקב זיפּער באַזיצט אָט דעם כח פון ד ע ר צ י י ל ן דערפאַר, ווייל בשעת איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אָן דער שילדערונג זייר־נער פון סרולטשעס חדר־איבערלעבונג, בין איך בשעת מעשה, ווי ער אליין, סרולטשע, אליין אויך געזעסן אין חדר „אריינגעקוקט צו א חבר אין חומש אָדער גמרא און זיך מיטגעשאָקלט (בפועל ממש) און מיטגעזאָגט מיט אלעמען . . .” און בשעת איך האָב געלייענט די רירנ־דיקע שילדערונג זיפּער׳ס איבער דעם „הויכן קופערט”, בשעת סרולט־שעס מאַמע האָט אויפגעפּאַקט „זיינע (דעם טאַטענס) תפילין” און אים געזאָגט אין א תחינה־טאָן:

„— פּאָרכט זיך נישט מיין קינד, דער טאַטע וועט דאָרט תענוג האָבן. לאָמיר ביידע לויבן גאָט מיטן גאַנצן הארצן . . .” האָט מיר אויף אַן אמת פאַרקלעמט באַם הארצן, און די אויגן מיינע האָבן מיך אומגעריכט פאַרראָטן . . .

אין דער צווייטער מעשה, „אליין מיט דער וועלט” — ווערט גע־שילדערט סרולטשעס באַגעגניש מיט דעם הארציקן יגיעת כפּים׳ניק אַלעקסי, אין מאַרק, בשעת דער פּויער רופט אויס זיין סחורה:

„ווייבלעך, א מציאה —
ווייס ליים פון ווייסן באַרג . . .”

סרולטשען געפעלן דעם פּויערס הענט. און אויף דעם פּאָרשלאַג פון אלעקסין פּאָרט ער מיט אים אָפּ אין דערבייאיקן וואַלד, וואו אלעקסי האַלט זיך אויף — און ער פאַרברידערט זיך צו אים אויף תמיד.

זיפּער׳ס כח פון באַמאָלן די נאַטור און סרולטשעס עלית נשמה אין אירע גבול׳ן, קומט דאָ ווידער צום אויסדרוק אויף דעם אוממיטל־באַרסטן און פּשוטסטן אופן. דערביי איז אויך ווינשנסווערט אויפ־מערקזאַם צו מאַכן אויף זיפּער׳ס אינטערפּרעטאַציע פון סרולטשעס „א ניגונדל” אין פיר מדרגות אין וועלכע עס פאַרקערפּערט זיך „. . . מיט פרייד און זיכערקייט” דער ס״ה פון זיין שפּעטערדיקן גלויבן אז „ס׳איז געווען און ס׳וועט נאָך אויך אנדערש זיין.” און ווי פריער, אין דער ערשטער מעשה — קומען אויך דאָ אריין מעשות אין דער מעשה און בילדער אין בילדער. דאָ קומט פאָר א באַגעגע־ניש פון סרולטשען מיט א באַ׳פּיאה׳טן יידן, דעם בראָדער דיין — וואָס בלייבט דאָ איבערנעכטיקן בא אלעקסין און סרולטשען. דער בראָדער דיין באַמערקט די מאָדנעקייט פון דעם ליים־פירער און ער ווערט געפּלעפט פון זיין קליידונג, אויפפיר און אויסזען. און בשעת סרולטשע כאַפּט זיך פאַרטאָג ארויס אין פאַרשנייטן וואַלד, גיסט

זיך צונויף מיט דער נאַטור און פּראַוועט דאָרט זיין התבודדות, באַמערקט ער אפילו נישט ווי דער בראָדער דיין גייט אים נאָך צוזאַמען מיט זיין באַלעגולע און ער הערט נישט ווי „דער באַלעגולע האָט אַזש געצאַפּלט: רבי, נעמט אים אין שטאָט אריין. ס'איז א נסתר." אין דער פּשוט'קייט פון אָט דער באַלעגולישער פּראָזע, וואָרצלט שוין דער אָנזאָג אויף דער צוקונפטיקער התגלות פון דעם בעש"ט. דערווייל ווערט געשלאָסן א שידוך, אונטער די אויגן — צווישן סרולטשען און דעם דיינ'ס טאָכטער, א גרושה. סרולטשע זאָגט צו צו קומען אין שטאָט אריין „ווען דער פראָסט וועט לאָזן." אַלעקסי לאָזט זיך אוועק צו די הייליקע מקומות „רו געפינען", דער בראָדער דיין מיט זיין באַלעגולע פאָרן אָפּ אין שטאָט אריין און סרולטשע בלייבט אייבער איינער אליין — „אליין מיט דער וועלט", אליין מיט גאָט — וואָלט איך געזאָגט.

„אליין מיט דער וועלט" איז א לאָגישער המשך פון „ערשטע טריט" און ביז גאָר פיין און קלאָר געשילדערטע מעשה, וואָס צווינגט צו לייענען ווייטער זיפערס „געוווען איז א מענטש".

„מיט מענטשן", די דריטע מעשה זיפערס — ברענגט סרולטשען שוין אריין קיין בראָד, זוכן זיין באַשערטע. פון די דאָרפסגייער דערוואוסט ער זיך, אז ר' אברהמ'ל, ר' גרשון קוטעוועס פאָטער — איז נפטר געוואָרן. ערב פסח קומט ער אָן קיין בראָד און דערפרעגט זיך אויף דעם רב ר' גרשון — זיין צוקונפטיקן שוואָגער. דער געהויבענער רב ווערט גלייך אנטוישט אָן זיין צוקונפטיקן שוואָגער, און ער פּרוּווט גלייך צושטערן דעם שידוך צווישן סרולטשען און זיין שוועסטער:

„— וואָלט ער כאָטש געקאָנט א פּרק משניות" — טענה'ט ער.

„— דעם טאַטענס רצון איז בא אונדז הייליק," — טענה'ט אָבער אסתר. און אַזוי בלייבט עס. מ'רופט אים אויף מאָנטיק, ווייל דער רב ר' גרשון, וויל דורך אים נישט פאַרשעמט ווערן — און מ'מאַכט אים חתונה בא א מנין פון בטלנים. עס העלפן נישט ר' גרשונ'ס טענות צו זיין שוועסטער און זיין אָפענע אגיטאַציע: „קענסט נאָך חרטה האָבן."

„— כ'וועל אַזוי לאַנג זיין מיט אים, ביז זיין מויל וועט נעמען ריידן ווי איצט זיינע אויגן."

אזוי ווערן געשילדערט אין בולט'ע קאָלירן די באַציאונגען פון דעם מיחוס'דיקן רב ר' גרשון, צו דעם „עם הארץ" סרולטשע און פון אסתר'ן צו איר מאַן. און אז זיי פאָרן אָפּ קיין בראָד, באַגלייט זיי נישט קיינער. אינטערעסאַנט איז אָבער סרולטשעס באַלדיקע באַגעגעניש מיט מעבעלע שניידער, וואָס דערמאָנט אים גלייך אז „איר וועט פעלן בא אונדז אין פאַליש." די נאָמענלאָזע עמך'ניקעס אָנען

און באַנעמען שוין יאָ, אַז זיי פּאַרלירן עפּעס אין סרולטשען — „איר וועט פעלן באַ אונדז אין פּאַליש"! ער דערציילט אים אויך פון זייער נייעם בעל תפלה, וועמען זיי ווילן רופן ר' לייב, נאָר ער באַשטייט דווקא אַז מע זאָל אים רופן פּראָסט און פּשוט „לייב שרה'ס", וואָס איז אגב דער צוקונפטיקער תלמיד פון דעם וואונדערליכן בעש"ט. און מעבעלע שניידער לויבט אים ווי אַ למדן וואָס „לאָזט זיך נישט אויפרופן צום ספר מיט מורנו." ווידער די וואונדערליכע אָפּשאַצונג און באוואונדערונג פון אַן עמד'ניק פון אַ למדן! און סרולטשע ענט־פערט: „זיי האָבן גאָר פאַרגעסן ווי צו אַ פּשוטן יידן צו ריידן . . ." און סרולטשע אליין וויל זיך דווקא אידענטיפיצירן מיט די פּשוט'ע יידן, און ער אונטערשטרייכט, „אַז דער פּראָסטער ייד קאָן דאַווענען, איז געגוג פאַר אים." און צוליב אָט דעם צוגאַנג און פאַרבריִדערונג זיינע צו דעם פּשוטן מענטשן פון פאָלק, האָבן זיין דור און אויך די שפּעטערדיקע דורות דעם בעש"ט פאַרערליכט, און ווי פריער גע־זאָגט — „צוגעדריקט צום האַרצן און אים געגעבן אייביק לעבן." די אוממיטלבאַרע באַליבונג פון פאָלק, אָנערקענונג און לויב, פאַר דער אויפגעקומענער פּשטות'דיקער צוגעבונדנקייט פון זיין באמת גרויסן זון וואָס איז פון אים אליין אַרויסגעוואַקסן.

זיי באַזעצן זיך אין דאָרף וואו זיי לעבן פון סרולטשעס „גראָבן ליים", אסתר האָט שוין אָבער „געפילט בחוש, אַז סרולטשע פאַר־באָרגט עפּעס אין זיך, און ס'האַרץ האָט איר געזאָגט אַז ס'איז צום גוטן." און צום גוטן איז עס אויך געווען!

און אַז אסתר פאָלגט סרולטשען איינמאָל נאָך אין וואַלד, און זי טרעפט אים באַם טייכל מיט די פיס אין וואַסער ברומענדיק אַ ניגון, דערקלערט ער איר אַז פאַרשטיין איז ניט דער עיקר; „ס'איז געגוג אַז מ'פילט, און ס'ווערט שוין פרייליך אויפן האַרצן."

און דאָס גאַנצע לעבן פון דעם איצטיקן נסתר און שפּעטער־דיקן בעש"ט ווערט אין די מעשות זיפערס געשילדערט ווי אַ לאַנגע קייט פון אַ געפילס־לעבן, וואָס גרעניצט זיך מיט דער פרייד פון ז י י ן און זעטיקט זיך דערמיט „וואָס ס'איז געווען", און לייגט האָפענונג אויף דעם וואָס „ס'וועט נאָך אויך אַנדערש זיין."

דערנאָך ווערט סרולטשע אַ קרעטשמער. אָבער אסתר, נישט סרולטשע — פירט די קרעטשמע. די פּויערים באַמערקן זיין אויפ־פירונג, דער עיקרשט — אין וואַלד. זיי קריגן פאַר אים דרך ארץ, רופן אים כישוף מאַכער און פאַרשפּרייטן ווענן אים לעגענדעס. אַנ־דערע רופן אים אפילו הייליקער, צוליב זיין באַהעפטן זיך מיט דער נאַטור און די ניגונים זיינע וואָס זיי הערן אים אָפט זינגען אין וואַלד. זיי דערקענען אפילו אָפט זייערן אַ ניגון אין זיינעם, „אָבער — ער ציט אים אַנדערש, אַזוי איידל און צוגעלייגט אַז ס'נעמט אָן באַ

דער נשמה.״ און זיי דוכט זיך: „אַז אַלץ זינגט מיט אים דאַן, אפילו די גראָזן שורשן צום טאַקט פונם ניגון און די בערג זיינען אויך נישט קיין שטומע, נאָר לעבעדיקע צוהערער.״

דער ניגון פון דער וועלט!

און אַז די פויערן הויבן בא אים אָן צו בעטן אַ ברכה, אַן עצה, טרייסט ער זיי מיט אַ שמייכל: „נאָר נישט אָפּגעלאָזט, שכנים, אַ מענטש דאַרף פרייליך זיין און די נשמה איז שוין ריין.״

דער גרויסער זין און פילאָסאָפישע וועלטאַנשויאונג פון דעם בעש״ט.

אינטערעסאַנט איז דאָ די באַגעגעניש פון דעם צוקונפטיקן בעש״ט מיט דעם לעגענדאַרישן דאָבאָש — דעם גזלן. סרולטשע מאַכט זיך אליין דאָ שוין קלאָר: „וואו ס׳איז דעם מענטשן שווער צו לעבן, דערקלערט ער דעם גזלן — דאָרט קען מען א י ם גרינגער דערשפּירן. ע ר איז אומעטום. און דאָרט וואו די סכנה איז גרעסער און די וועלט שטילער, פילט מען אים בעסער.״

סרולטשע ווערט געשילדערט ימים נוראים אין אַ שטעטל מיט אַלע ישוב׳ניקעס. און געדאַווענט האָט סרולטשע אין פּאַליש מיט די באַלמעלוכעס. ער דערקלערט עס אסתרן אַזוי:

„— די אייגעלעך פון פרנס שטעכן אונדז דורך, און די באַלעבאַטים יחוסן זיך מיטן לומדות, אָבער די אויגן פון די באַלמעלוכעס ווארעמען מיט הכנסת אורחים. אפילו האַלטנדיק די מחזורים פאַרקערט, דאַווענען זיי ווארימער.״

דער געזונטער אײַנשטעל פאַר דעם היימישן עמך׳ניק וואָס האָט אַלעמאָל געדינט גאָט אויף אַ מער געוויסנהאַפטן און ערלאַכן אופן, ווי די קהל׳שע קליאַמקעס, כלי קודש, אָפיציעלע רעדלפירער און גבירים.

און אַז די היימישע באַלמעלוכעס פון ישוב מאַכן אליין אַ מנין, מאַכן זיי אָפּ צווישן זיך „אַז אַזוי ווי סרולטשע קען זינגען, וועט ער דאַווענען פאַרן עמוד, וועט ער שוין זיין דער מורנו . . .״

און עס גייט אוועק אַ געמעל פון „פרייליכע ימים נוראים״ אויף אַן הינטערגרונט פון שיין געמאָלענע נאַטור־בילדער. פאַר די אויגן לעבן אויף בילדער פון אַ סביבה צווישן היימישע און פאַרהיימישטע עמך׳ניקעס וואָס האָבן „די שווערע עברי ווי דאָס מעסער האַקט קוליעס שטרוי אין שעטשקאַרניע.״

אינטערעסאַנט איז דאָ צו זען ווי אַזוי זיפּער ברענגט ארויס דעם צוזאַמענשטויס צווישן דעם פרנס פון שטאָט מיט די דאָרפישע עמך׳ניקעס. די שילדערונג איז אַ געזונטע און דורכאויס רעאַלע, אין הסכם מיט דעם שפּעטערדיקן בעש״ט וואָס איז נאָך דערווייל אַ נסתר — וואָס האַלט אָפּ די עמך׳ניקעס פון „געבן פעטש״ און ענט־

פערט די דיינים, אז „בא אונדז דאָרט, איז ליכטיקער ווי דאָ.״

דער דיאַלאָג צווישן סרולטשען און די דיינים איז אַן איינגע־האַלטענער און קלאָרער :

„— איר זעט, דיינים, — האָט זיך אויך סרולטשע נישט געקאָנט באַהערשן, — ס'איז דאָ אזא גרויסע וועלט מיט וואונדער און נאָר די קליינע הענט פאַרשטעלן . . .״

עס העלפט דאָ נישט דעם פּרנס'עס חוצפה און סטראַשן מיט „קנס און מלקות״ ווייל „זיי האָבן עפּעס דערפילט אין זיין קול מער ווי אין די רייד״ — דער צוקונפטיקער שאָטן פון צוקונפטיקן בעש״ט — און סרולטשע מיט די היימישע באַלמעלובעס קומען אָפּ מיט אַ לייכטער שטראָף. און אין דעם דערפילן „אין זיין קול מער ווי אין די רייד״ סרולטשעס, וואָרצלט שוין אַ בלאַסער אָנזאָג אויף דער התגלות פון דעם בעש״ט.

און פון דאַן אָן און ווייטער האָט שוין סרולטשע „צוגעקראָגן אַ טיטול. די ישוב'ניקעס האָבן אים שוין גערופן ר' סרולטשע קרעטש־מער.״ עס באַווייזט זיך דאָ ווידער דער וואונדערליכער פויער אלעקסי, וואָס ווערט ווידער גאַנץ אָפּט פאַרפאַלן „מיט סרולטשען אויף גאַנצע טעג.״ און אז אַלעקסי רעדט שפּעטער מיט באַגייסטערונג „פון די קריי־טעכצער וואָס זיי האָבן ביידע געפונען, מיט וועלכע מ'קען היילן קראַנ־קע״ צושפּרייט זיך די נייס איבער דעם גאַנצן ישוב; פויערים און ישוב'ניקעס הויבן אָן צו קומען נאָך עצות צו ר' סרולטשע קרעטש־מער. און כאָטש ער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר זיי, צוטראָגט זיך אָבער זיין נאָמען אויך אין ווייטע געגנטן, „און דאָרט האָט מען שוין געוואוסט פון דעם הייליקן מאַן דעם 'בעל שם' וואָס וואוינט אין אַ דאָרף און היילט מיט קרייטעכצער.״

אזוי איז אויפגעקומען דער לעגענדאַרישער נאָמען — בעל שם.

סרולטשע איז נאָך אָבער אַלץ דער באַשיידענער מענטש וואָס אַנטלויפט פון כבוד, אַזעלכער איז ער אייגנטליך אויף זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן — און „באַהאַלט זיך אוים אין די בערג.״ און כאָטש לומ־דים און באַלעבאַטים מאַכן פון אים חוזק, האָט אָבער דאָס פּשוט'ע פאָלק געצויגן צו אים און אים געזוכט. אויסגעלייגט פאַר אים זיינע טענות און צרות, און פון זיינס אַ וואָרט געטרייסט געוואָרן.״

אין דעם איז געליגן דער כח און די גבורה פון דעם בעש״ט.

סרולטשע ווערט מיטאַמאָל אומרואיק. עפּעס פעלט אים, נאָר ער ווייסט נאָך אַליין נישט וואָס. עס נעמט אים ארום „אַ בענקשאַפט אַלץ ארומצונעמען, איינצוזאַטעמען און ווערן איינס מיט דעם . . .״ אין זיין דמיון וואַכן אויף בילדער פון אַמאָל, וואָס ווערן דאָ אגב געמאָלן פון זיפערן מיט דעם כח פון קינסטלערישער וואָרט־עקאָנאָמיע — וואָס טראָגן זיך פאַרביי דיינע אויגן מיט דער פלינקייט פון ביל־

דער אין קינאָ. און סרולטשע אַלײן רעדט אָפּגעהאַקט און קורץ: „ס'איז אַזױ שײן אױף דער װעלט". עס רעדט זיך דאָ און אומעטום פון אַ װעלט אַ קאָנקרעטער, נישט קײן אילוזאָרישער און אױך נישט קײן הימלישער. און ער פרײט זיך מיט דער פרײד פון דעם לעבן און װײטיקט מיט דעם צער פון אַלץ װאָס לעבט . . . און ער דער־פילט מיטאַמאָל „אַ ציטעניש צו מענטשן, צו גײן און דערצײלן, עפּעס זאָגן." און אַפילו אין דעם שטילן מעקן פון זײנע בהמות דוכט זיך אים װי ער הערט: „מ'דאַרף גײן מ'דאַרף זיך אומקערן צו הײם און אײנענע."

דער ערשטער, קלאָרער און אָפענער רוף, צו דער התחיבות פון זײנע אױפגאַבן!

און אַז די עדה ײדן באַגעגענען אים שפּעטער אין הױז, און אײנער פון זײ װאָגט און פרעגט אים: „פאַרװאָס באַהאַלט איר זיך פון אונדז?" דערפילט ער זיך גלײך „פרײ פון דער משא פון זײן פאַרשטעלט", און ער פילט מיטאַמאָל „אַז ס'פאַלט אַראָפּ דער צור־דעק מיט װעלכן ער איז געװען פאַרדעקט און פאַרשטעלט אַזױ לאַנג." און ער הײסט דער עדה ײדן אַרױסגײן „אין פעלד, װעט איר זען װי ס'איז שײן. גײט אַרום אין װאַלד, װעט איר דערהערן װי ע ר לעבט מיט אַלע זײנע באַשעפענישן."

דאָ האָט איר זײן גאַנצן װעלט־באַנעם אױסגעדריקט אױף אַ פּשוטן אופן אין געצײלטע װערטער.

און אַז לײב שרה'ס דערצײלט אים װער ער איז און ער זאָגט אים, אַז „ס'איז נישט גענוג צו זיצן אין די בערג און זען װי דער װאַלד לעבט. קומט זען װי ײדן לעבן . . ." נעמט זיך סרולטשעס פּנים בלײכן. און אַז אַלעקסי מישט זיך דערבײ אױך אַרײן און זאָגט: „זײ זײנען גערעכט, סרולטשע" און סרולטשע רופט אױס: „דאַרף מען ברענגען אַביסל פרײד", און ר' לײב שרה'ס שרײט מיט פרײליכ־קײט אױס: „יאָ, בעל שם!" — קומט דאָ אײגנטליך פאַר די התגלות פון דעם בעש"ט. און דאָ מאָלט זיפּער אױס אַ זעלטן און אומפאַר־געסליך בילד: עמיצער פאַרציט אַ ניגון, דער עולם כאַפּט אים אונ־טער, און „קײנער האָט שױן נישט געװאוסט װאו איז דער אָנהױב פון ניגון און װאו דער סוף". אַזױ ביז אין װײסן טאָג אַרײן, װען מען האָט זיך געלאָזט אין װעג אַרײן אין שטעטל. און אַז אסתר האָט זיך הױך צוכליפּעט פון גרױס פרײד, האָט איר סרולטשע, װאָס איז שױן איצט געװען דער בעש"ט — אײנגערױמט אין אױער אַרײן:

„— אסתר, מ'דאַרף עס אָנהױבן מיט שמחה."

אַזױ איז דער בעש"ט נתגלה געװאָרן מיט שמחה, צו ברענגען פרײד אױף דער װעלט.

„— זינגט ײדן, האָט ר' לײב שרה'ס אונטערגעיאָגט דעם עולם

— דער נסתר איז נתגלה געוואָרן, ס'וועט שוין זיין ליכטיק יידן! זינגט ווי איר קענט !"

און אז סרולטשע איז שפּעטער ארויפגעזעצט געוואָרן אויף דעם שטול פון צווייגן וואָס אלעקסי האָט פאר אים אין וואלד אויסגעפלאָכטן, האָט ר' לייב שרה'ס אויסגערופן :

„— דאָ אויף דער שטול פון פּראָסטע צווייגן, מיטן פּראָסטן פאָלק. זעצט זיך, רבי!"

אזוי האָט דאָס פּשוט'ע פאָלק אויף דעם פּשוטסטן אופן מיט פרייד מגלה געווען זיין בעל שם, ווענמס התגלות ווערט פון זיפערן טאַלאַנטפול געמאָלן אין דער דריטער מעשה „מיט מענטשן", וואָס זינגט זיך אריין ווי אַן אומענדליך שיינער ניגון, ווי אַן המשך צו די פריערדיקע צוויי מעשות פון זיין וואונדערליכן בוך „געווען איז א מענטש."

אין דער פערטער מעשה „געפונען א תלמיד", זיצט שוין דער בעש"ט אין מעזשעבעזש „אין א פשוט שטיבל" אין דער מסיבה פון „פּשוט'ע יידן, עם הארצים." דאָ טויכן אויף די היימישע עמך'ניקעס מיט אלע חנ'ן פון זייער לעקסיק :

„— הפּנים, אז מ'זעמיר אויכעט שטיקלעך 'בשרס' (מענטשן)."

„— דער'באשעם' האָט געזאָגט . . ."

„. . . — כ'טרעל (כ'זינג) דאָך, אז סע טרעשטשעט (קנאַקט) !"

און די שפּראַך וואָס פאַרבינדט דאָ דעם בעש"ט מיט דעם פאָלק און דאָס פאָלק מיט דעם בעש"ט איז — א ניגון וואָס „ווערט אלץ אייגענער, נעענטער און רעדט צו דער נשמה, כאַפּט אלעמען ארום..." די נשמה פון חסידיזם !

און אז דער בעש"ט קומט ארויס א צעשמייכלטער, נעמט ער „וועבן א מעשה". און די מעשה פאַרכאַפּט, און קיינער באַמערקט אפילו ניט ווי איין מעשה וועבט זיך אריין אין אַ צווייטער און וויפלטער מעשה — די מעשה פון דער וועלט, מיט איר פרייד און צער. און דער מיסטיציזם לייזט זיך דאָ אויף אין אַ נעץ פון שיינקייט. און אַז דער מעזריטשער מגיד רוקט זיך ארויס, איז ער זיך מתודה „ווי ער האָט געבענקט קיין מעזשעבעזש, ווי עס האָט אים געצויגן צום אמת'ן ליכט." און אזוי פאַרבלייבט דער עולם אויף וועטשערע באַם בעש"ט. און אזוי ציט זיך עס אוועק אויף טעג און נעכט. און יעדער קומט „נאָך א ברכה און א סגולה" און, דער עיקרשט — „מ'גייט אוועק געטרייסט און גרייט ווייטער אָנצוהויבן פון דאָס ניי."

און דער באשייד פון דעם בעש"ט איז אַלעמאָל געווען, אז „כל זמן איר קוקט נאָר אויף זיך אליין, זענט איר טרויעריק. טוט אָבער אַ קוק ווי די וועלט לעבט מיט אייך און איר וועט ווערן פריילעך."

דאָ קומען אויך צום אויסדרוק די רדיפות פון די פּרנסים און

רבנים אויף די נאָכפאָלגער פון בעש"ט. לויט זיפערס שילדערונגען ווירקן זיי אָבער פונקט פאַרקערט. די פּאָפּולאַריטעט פון דעם בעש"ט און די חסידים זיינע וואַקסט און פאַרשפּרייט זיך „איבער גאַנץ פּאָדאָליען, און גאַליציען, גרייכט ביז וואָלין און גרויס פּוילען", און די אנ"ש (אנשי שלומינו) געפינען שוין וועגן ווי אזוי זיך צונויפצורייידן — דורך דער פאַרמיטלונג פון א ניגון און מעשות — די וועגן פון בעש"ט! און אויף די יאַרידים דערציילט מען פון א יידן וואָס קומט אַלעמאָל „אָנגעטאָן אין א סמערינגע מיט א רויטן גאַרטל און באַגלייט פון א פשוטן פּויער."

דער אָנהויב פון דער לעגענדע וועגן דער לעגענדאַרישער פּערזענלעכקייט — דער בעש"ט.

און דאָ וועבט זיך דער געוועב פון א מעשה אין א מעשה, ווי דער דערמאָנטער ייד „אין א סמערינגע מיט א רויטן גאַרטל" — באַגעגנט זיך מיט א צוויטן יידן און ווי ער ברייינגט אַלעמאָל יענעם יידן א ביישפּיל, דערציילנדיק יענעם א מעשה . . . עס ווערט אין באַגינען א היבשער רעדל אויף דעם מאַרק און יידן פאַרשפּעטיקן צו קומען דאַווענען. און אז זיי באַווייזן זיך אין א שפּעטער שעה אין בית המדרש, בראש מיט דעם יידן „אין א סמערינגע" — פרעגט דער מגיד :

„— ווי האָסטו זיך אונטערגענומען מבטל צו זיין יידן פון תפילת ותיקין?" — ענטפערט דער בעש"ט :

„— רבי, כ'וועל אייך דערציילן א מעשה." און דעם מגיד'ס פּנים ווערט ביסלעכווייז ווייכער און ער באַמערקט אליין נישט ווי ער ווערט מיטגעריסן פון דער מעשה. און אז דער בעש"ט האָט פאַרענדיקט האָט ער געוואָרפן א שאַרפן בליק אויף דעם מגיד „וואָס איז איצט געווען דורכגענומען מיט רחמנות און מיטגעפיל צו די שעפּעלעך" וועגן וועלכע ער האָט דערציילט. און דערפילנדיק דעם שאַרפן קוק, האָט דער מגיד א ציטער געטאָן און מיט דרך ארץ אויסגערופן: „נאָט אייך אָפּ שלום, זעצט זיך צו . . ." און דאָ קומט ווידער א מעשה אין א מעשה, און נאָך א מעשה אין א מעשה . . . און בשעת דער מגיד עפנט די אויגן, זעט ער גאָרנישט, „ער הערט בלויז ווי דער פרעמדער ייד רעדט שוין גאָר וועגן עפּעס אנדערש; וועגן א ניגון וואָס יעדער באַשעפעניש זינגט, מ'דאַרף נאָר וויסן ווי ארויסצוברענגען אים." און נאָך אַלע פאַרוואַנדלונגען פון אַלע דערציילטע מעשות, נאָך דעם ווי דער ייד „אין א סמערינגע" איז שוין אינגאַנצן ניטאָ — דערוויסט זיך צום סוף דער עולם און אויך דער מגיד, אז „ס'איז דער בעל שם! דער מעזשעבעזשער! דער ליים פּירער! דער בעלפערער יונג!" און דער מגיד רופט אויס מיט באַגייסטערונג :

„— שאַט יידן ! . . . א ייד וואָס קען מיט מעשות מתפלל זיין, האָט א גרויסן כח !" און ער דערהערט א שטימע רופן :

„— ווער א תלמיד !" און ער ענטפערט: „בין איך, און דו ווער ביסטו?" „א תלמיד. לייב שרה'ס!" אוןביידע באַשליסן, אז „מ'קען גיין אינאיינעם. מ'דאַרף אונדז !"

אזוי ווערט געשילדערט אין דער פערטער מעשה „געפונען א תלמיד", דער בעש"ט, די סביבה זיינע, און דער אויפשטייג פון זיין תלמיד. און די פערטע מעשה איז אַ געזונטער און קלאָרער המשך פון די פריערדיקע דריי מעשות וואָס האַלטן אייך געשפּאַנט מיט דער חנ'עוודיגקייט פון זייער פּשטות, אידאַמאַטיק און סטיל.

„לאָמיר זיך געזעגענען", די פינפטע און לעצטע מעשה — שילדערט שוין די פּטירה פון דעם בעש"ט. דער בעש"ט לאָזט פּלוצים וויסן זיין תלמיד ר' לייב שרה'ס, אז ער „וואָלט געוואָלט זען אנשי שלומינו." דער בעש"ט דריקט אים די האַנט, געזעגנט זיך מיט אים און פאַרזאָגט: „גרים די נאָענטע און דערפריי די וייטע." דאָ ווערט ווידער אויפסניי און הערליך געשילדערט אַלעקסי, ווי אזוי ר' לייב שרה'ס האָט אים אונטערוועגנס באַגעגנט אין זיין נייעם גילגול — אין דער ראָל פון א צערטליכן פּאַסטוך. אַלעקסי איז בלויז עלטער געוואָרן, אָבער די פּשטות זיינע און די האַרציגקייט זיינע זיינען די־זעלבע ווי פריער. און זיפּערס שילדערונג פון אַלעקסין פּאַלט דאָ ווידער צונויף אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט מיט דער פּשטות פון זיין הויפּט העלד — דעם בעש"ט.

און וואו נאָר לייב שרה'ס איז געקומען האָבן אים די חסידים אַרומגערינגלט און זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם בעש"ט. ר' לייב שרה'ס האָט אזוי ארום באַזוכט א סך שטעטלעך און זיך באַמיט צו ברענגען וואָס א גרעסערן עולם צום בעש"ט. און דער עולם האָט גערעדט, אז ר' לייב שרה'ס האָט „אויף שבועות געהייסן קומען." און ערב שבועות זיינען טאַקע יידן געקומען קיין מעזשבעזש „ווי אין ארץ ישראל אמאָל . . . ווען מ'פלעגט עולה רגל זיין."

און אז אַלעקסי איז צום בעש"ט נישט געקומען „איז דער בעש"ט צו אים געקומען." און אז אַלעקסי באַמערקט סרולטשען צו אים קומען און דעם גרויסן עולם אהינטער אים, רופט ער אויס באַגייסטערט: „לאָמיך אים אַנטקעגן גיין." דער עולם גאַפט און הערט פּלוצים ווי דער בעש"ט הויבט אָן:

„— דער צער פון געבוירן ווערן, איז גרעסער פון דעם צער פון אַלע טעג אויף דער וועלט, און דער צער פון יעדן טאָג אויף דער וועלט, איז האַרבער פונם צער פון טויט." און עס גייט אוועק א סדרה פון אַ זאָגעכץ וועגן „דעם קינד אין דער מאַמעס בויך. . ." און דער עולם גאַפט און הערט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם. און דער בעש"ט זאָגט ווייטער און ווייזט אָן אויף די גראָזן . . . און די עדה יידן גיסט זיך צונויף אין א געזאַנג צו דער יצירה. און אז דער בעש"ט גע־

זעגנט זיך שוין מיט אלעקסין קומט ער אָן מיט דעם עולם צוריק אין שטאָט אריין „מיט געזאַנג". ס'איז גרויסער יום טוב, אָבער קיינער קען זיך פונדעסטוועגן נישט דערמאָנען „דאָס לשון פון וואלד." . . . דער בעש"ט ליגט זיך אוועק אויפן בעט. קיינער רעדט טאקע נישט אָבער אלע פילן אז „דאָס איז די צוואה פון בעש"ט געווען." און אזוי ווי ס'איז גראָד שבת און „מ'טאָר נישט דאגהן" פארציט מען ווידער א ניגון און — מ'זינגט. שבועות באַנאכט, ווען די תלמידים זיינען אוועק זאָגן 'תיקון' — האָט דער בעש"ט לעבן זיך געטראָפן ר' לייב שרה'ס.

„— לייב, הערסט עפּעס ?

„— חסידים זאָגן תיקון.

און דער בעש"ט דערציילט אים פון א שפּילפויגל וואָס „זינגט... א חתונה ניגון איצט."

„— לייב, פרעגט ער — ביסטו אויך מרגש דאָס געזאַנג פון דער וועלט ?" — און ר' לייב דערציילט אים פון פאָלק, אז „ווען נישט דער ניגון וואָס זינגט פון יעדן ארויס, וואָלט חלילה —". און דער בעש"ט דערקלערט אים :

„. . . דארפסט זיי זאָגן לייב, אז ס'איז אזוי ווי א קייט וואָס איין רינגעלע איז באהאַפטן אינעם אנדערן, אז ס'קומט צום סוף פון איין רינגעלע, הייבט זיך אָן א נייס."

און אז דער בעש"ט דערזעט פּלוצים ר' דוד פאַרקעס, פרעגט ער אים :

„— דוד, זאָג מיר, וואָס טוסטו מיט א ניגון וואָס פארענדיגט זיך ?

„— כ'הויב אים אָן נאָך אמאָל . . ."

„— און אז דו קומסט ווידער צום סוף ?

„— זינג איך איבער דעם ערשטן פאַל . . .

„— הייסט עס, האָט דער בעש"ט געצויגן ווייטער — הייסט עס, לייב, אז מ'ענדיקט מיט דעם וואָס מען האָט אָנגעהויבן און דער ניגון ציט זיך ווייטער. ביסטו, הייסט עס, גערעכט לייב, אז ווען נישט דער ניגון וואָלט חס ושלום די וועלט קיין תקומה נישט געהאַט. זינגט זשע דעם ניגון ווייטער !"

די גרויסע צוואה פון דעם גרויסן נפטר — דעם בעש"ט!

און ווייטער: „מ'דארף ענדיקן דאָרט וואו מ'האָט אָנגעהויבן."

און דאָ גייט פאַר אים דורך זיין גאַנץ לעבן אין א קייט פון אומענדליכע בילדער, וואָס זיפּער מאָלט ווידער מיט דער דערמאָנטער וואָרט-עקאָנאָמיע זיינער, וואָס דאָמינירט זיינע מעשות.

„— ווער זינגט אזוי שיין ?" — גיט ער זיך א טרייסל און גייט אוים אין פרידן.

משה רבינו, דערציילט די לעגענדע — איז אויסגעגאנגען מיט א קוש פון גאָט. דער בעש"ט, ווי ער ווערט געשילדערט אין יעקב זי־פּערס „געווען איז א מענטש" — איז אויסגעגאנגען מיט א ניגון.
וועמענס טויט איז געווען שענער ?

און אויב ס'איז אמת אז „נאָר א ניגון בלייבט פון יעדן מענטש", איז דער ניגון פון דעם „מענטש וואָס איז זוכה צו בלייבן לעבן צווישן מענטשן אויך נאָכן דערוויסן זיך ווער ער איז". — דער ניגון פון־און־וועגן בעש"ט — אין יעקב זיפּערס „געווען איז א מענטש" — דער סאַמע שענסטער וואָס איך האָב ווען געהערט. און לייענען לייענט זיך דאָס בוך „געווען איז א מענטש", ווי א זעלטן גוטע פּאָעמע, צוליב דעם ריטמישן סטיל אין וועלכן ס'איז געשריבן, און אויך צוליב דער פּשטות פון דער שפּראַך און געשפּאַנטקייט פון דעם זעלטן שיינעם סיפּור המעשה.

און אויב ס'איז אויך אמת, לויט דעם בעש"ט'ס צוואה — „אז מ'ענדיקט מיט דעם וואָס מען האָט אָנגעהויבן און דער ניגון ציט זיך ווייטער" — וויל איך דאָ זאָגן, אז זיפּערס אייגענער ניגון, דער קינסט־לערישער טאָן וואָס ער האָט אָנגעשלאָגן מיט זיין „געווען איז א מענטש" — מוז פון אים געצויגן ווערן ווייטער, ווייל אזעלכע ווערק ווי זיין „געווען איז א מענטש", פאַרפּליכטן צו ווייטערדיקע מעשים — צו נייע, שעפערישע ארבעטן.
כן ירבו !

## ל. מאַטעס — 1929־1897

### צו זיין צענטן יאָר צייט

ליטעראַטור איז פאַר ל. מאַטעס'ן ניט געווען קיין אבסטראַקציע, נאָר א רוחניות'דיקער מוז, ווי לופט פאַר זיינע קראַנקע לונגען. אלע־מאָל, אין די פּיינליכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, ווען די קראַנקהייט זיינע האָט אים געפּייניקט אָן אן אויפהער — איז ער געווען אקטיוו, נישט נאָר אין דעם שעפערישן זין פון זיינע אייגענע ארבעטן, נאָר אויך אין זיין באַציאונג צו ליטעראַטור בכלל, און צו אונדזערע הייר־מיש־יידישע דיכטער, בפרט. פון יעדן איינעם האָט ער געוואוסט, און פון יעדן איינעם האָט ער אויך געטראַכט, זייענדיק גרינטליך באַ־קאַנט מיט יענעמס ליטעראַטור־ארבעטן.

און האָט צומאָל צו אים פאַרבלאָנדזשעט א גאַסט פון ניו יאָרק, איבערהויפּט א שריפטשטעלער — איז דאַן באַ אים געווען אַן אמת'־ער יום טוב, און די גרויסע ליכטיקע אויגן זיינע זיינען נאָך גרעסער און ליכטיקער געוואָרן, און מיט קינדערישער פרייד האָט ער גערעדט און דיסקוטירט וועגן אַלץ און אַלעמען, דער עיקרשט אָבער — וועגן אונדזער ליטעראַטור און אירע שעפער.

לויט זיין גאַנצער קאָנסטרוקציע, האָט ל. מאַטעס נישט באַדאַרפט זיין דער „ווייסער פּרינץ פון דער ווייסער פלאַג", נאָר דער פּרינץ פון א לויטער לעבן, וואָס לאָזט זיך אידענטיפיצירן דורך דער לויטערקייט פון ליבטיקע אויגן, וואָס מאַטעס האָט געהאַט, דער עיקר'שט — דורך דער אַסקעטישקייט פון זיין פּערזאָן, וואָס האָט אינזיך געהאַט די מילדקייט פון א קינד. האָט אָבער דער גורל אַנדערש געוואָלט, און דורך זיין אייגענער פעדער איז באַצייכנט, ווי „דער ווייסער פּרינץ פון דער ווייסער פלאַג", וואָס איז אפשר געווען אין איינקלאַנג מיט זיין קראַנקן לעבן, אָבער זיכער ניט מיט דעם מהות מענטש, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן די לאַסט פון א צעבראָכן צוויי און דרייסיק יאָריק לעבן.

ל. מאַטעס איז אליין געווען ליד, און אלעמאָל איז מיר ליב געווען אים אויסצוהערן, אין מיין טאָג טעגלאַכן קאָנטאַקט מיט אים. אין זיין געגנוואַרט האָט אלעמאָל געבליט אונדזער ליד מיט וועלכן ער איז געווען אזוי אינטים פאַרבונדן. מ'קען אָן איבערטרייבונג קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אז ל. מאַטעס איז חוץ דיכטער אויך געווען, איינער פון די שעפערישסטע און בעסטע לייענער פון אונדזער ליטעראַטור, באַטש אלע ווייסן ווי שווער און אומבאַקוועם עס איז אים אָנגעקומען דאָס לייענען.

זיין באַציאונג צו ליטעראַטור און שריפטשטעלער איז געווען אַן אינטים חבר'ישע, אָבער אָפטמאָל אויך א מאָדנע, אין שייכות מיט זיינע אייגענע ארבעטן. אָט איז א ביישפּיל: כ'האָב אים אמאָל געוויזן א רעצענזיע איבער א זשורנאַל, און דוקא ניט זייער קיין גינסטיקע. איז נאָך דעם ווי ער האָט דאָס איבערגעלייענט, האָט ער אַן אויפגערעגטער צו מיר א זאָג געטאָן:

„— זאָל דאָס גיין צום טייוול! אַן אונדזעריקער אפילו, אז ער שרייבט וועגן א זשורנאַל אָדער זאַמלבוך, געפינט ער אויך ניט פאַר נויטיק צו דערמאָנען קיינעם פון די מיטאַרבעטער, ווי פּראָפעסיאָנעלע רעצענזענטן טוען דאָס געוויינלעך — אחוץ דעם הויפּט רעדאַקטאָר, מיט זיין נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט."

דער דיכטער אין אים האָט זיך געפילט געקריינקט און באַליידיקט, וואָס דערזעלבער רעצענזענט האָט אים אויך נישט דערמאָנט...

כ'האָב אים איינמאָל געטראָפן לייענען די לויב-געזאַנגען וואָס די חברים שריפטשטעלער אין אייראָפּא האָבן געשריבן וועגן אונדזערן א חבר, א רעדאַקטאָר פון א זשורנאַל — צו דער געלעגנהייט פון זיין באַזוך אין ווארשע. האָט מאַטעס אויף דעם אזוי רעאַגירט:

„— עס לוינט זיך שוין בעסער צו זיין א רעדאַקטאָר פון א חודש זשורנאַל, איידער צו זיין א טאַלאַנטפולער דיכטער. וואָלט דער באַטרעפענדער גאַסט ניט געווען דער רעדאַקטאָר פון א זשורנאַל,

האָט ער ווייטער צוגעגעבן — וואָלט מען זיך זיכער מיט אים אַזויפיל ניט געצערעמאָניעט.״

איך האָב געבראַכט די צוויי פאַקטן ווי אַן אילוסטראַציע פון זיינע מענטשלאַכע שוואַכקייטן, אום דאָס בילד מיינס פון ל. מאַטעס, זאָל ניט ארויסקומען פאַראיינזייטיקט.

אַ שמילער, דורכאויס אַ שווייגנדיקער — איז ער אין דעם סאַנאַטאָריום געלעגן, קענגאיבער אים האָט גע׳שכנ׳ט אַ צווייטער פאַציענט, און דווקא זייער אַ באַריידעוודיקער. פרעג איך אים איינמאָל:

— ווי אַזוי קענט איר דולדן זיינע אייביקע פּלאַפּלערייען ?

— אויב ער קען דולדן מיין אייביק שטום זיין, איז זיין ענטפער געווען — מעג איך אוודאי און אוודאי דולדן זיין באַריידעוודיקייט . . .״

צוליב זיין איזאָלירט לעבן איז ל. מאַטעס געוואָרן אַ מתמיד און אויך — אַן ענו.

דורך דעם ליכט פון זיינע אויגן האָט גערעדט זיין עניוות.
דורך די ביכער זיינע — זיין התמדה.

זיין אָפּגעזונדערט לעבן האָט זיך ניט נאָר אָפּגעשטעמפּלט אויף דעם גייסט פון זיין שאַפן, וואו אָפטמאָל איז דאָס געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון זיינע ווערק, (זע זיין בוך „דער ווייסער פּרינץ פון דער ווייסער פלאַג״ און „אַ יידישע טראַגעדיע״) — נאָר אויך אַ באַזונדערן איינפלוס געהאַט אויף זיין גאַנצער לעבנס־עמפּינדונג, וואָס האָט זיך טיילווייז קאָנקרעטעזירט אין אַ נאַאיווער באַציאונג צו מענטשן, זאַכן און געשעהענישן, צוליב דער באַגרענעצטקייט פון שטח און דירעקטע לעבנס דערפאַרונגען מיט מענטשן, זאַכן און געשעהענישן.

ל. מאַטעס האָט זיין ליד אויסגעוויטיקט אונטער זייער ניט קיין גינסטיקע אומשטענדן. דערפאַר איז זיין ליד אַזוי באַזעלט מיט דעם דורכזיכטיקן ציטער פון אַ ליידנדיקער נשמה.

זיין ליד איז אַן צוויפל זיין טרייסט געווען. אין זיין פאַל, האָט עס זיכער אויסגעפילט דעם זין פון זיין לעבן.

ל. מאַטעס איז געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער, און אַ ליידנשאַפטליכער דעבאַטאַנט. אונטער אַלע אומשטענדן איז ער גרייט געווען זיך איינצושטעלן פאַר זיינע אמת׳ן, כאָטש ער האָט אַן יעדן צוויפל געוואוסט די פּרייז וואָס ער האָט אָפט באַדאַרפט דערפאַר באַצאָלן. נישט איינמאָל האָט ער היבשע עטלאַכע טעג געפיבערט, אויף דעם חשבון פון אַ דיסקוסיע און איינשטעל פאַר זיין אמת.

אין זיין געגנוואַרט האָט אַלעמאָל אויפגעלעבט דאָס לעצטע וואָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

מיט אַלע זיינע כחות האָט ער זיך געריסן צו דעם אויפגאַנג פון

אונדזער יידיש ליד, און מיט פרייד האָט ער באַגריסט יעדע נייע דער־שיינונג אין אונדזער קולטור־וועלט.

זיין ערשטן באַנד לידער „אָפענע טויערן" האָט ער באַ־צייכנט, ווי „די ערשטע גראַמען" זיינע, און מיט זיין בוך „סטודיאָ" האָט ער באַצייכנט דעם „צען יאָריקן יובילייאום פון זיין ליטעראַרי־שער טעטיקייט."

מיין איינדרוק איז, אז ל. מאַטעס האָט אָנגעהויבן מיט זיין „ווייסער פרינץ", אָדער — אמווינציקסטן — מיט זיינע „מאָמענטן".

איך האַלט בכלל נישט פון קיין כראָנאָלאָגישע דאַטן. די חטאות נעורים אונדזערע, באַדאַרפן מיר בכלל ניט נעמען אין אָנבאַטראַכט. מיט יעדן ניי־געשאַפן ליד אונדזערס, באַדאַרפן מיר פאַרצייכענען א נייעם אָנהויב . . .

אין די רייפערע לידער זיינע, די פון זיין ביכל „מאָמענטן" און „ווייסער פרינץ" — האָט ל. מאַטעס באַוויזן סמנים פון קאָנצענטרירט־קייט. ער האָט דאָ אזוי צוזאָגן שוין אָנגעהויבן צו באַפרייען זיך פון זיין צעשוואומענער רעטאָריק און דערמיט ווי אונטערשטראָכן אָן איבערברוך, צום בעסערן — אין זיין שאַפן.

„ווייסע טריט", ווי די אַנדערע ביכער פון ל. מאַטעס, מיט דער אויסנאַם פון זיין בוך „אין קאַראַהאַד" — זיינען דורכגעזעלט מיט דער רעזיגנאַציע פון א מידן לעבן, וואָס איז פון אייביק אָן געווען פאַר'משפט צו איינזאַמקייט, צווישן „גרויע ווענט." אַלעמאָל איז ער געווען באַהערשט פון דעם געפיל, אז ער איז „א בעטלער אין טאָג־ליכט" וואָס „קניט אין דאַנקונג און קושט מיט ליפּן לאַנג טויט, מיט ליפּן לאַנג טויט, א קניענדיקער אין דאַנקונג, פאַר דאָס פּיצל ברויט פון מיין ברויט . . ."

א צוגעשמידטער צום בעט איז אים אויסגעקומען צו זען בלויז דורך דעם פענצטער „שבת־פרייד איבער גאַסן שפּאַנען", אין וועלכער ער האָט זיך צום אומגליק ניט באַטייליקט, און פאַרשעמטערהייט האָט ער זיין קאָפּ „צוריק אין בעט אריינגעבאָפּט." אונטער אזעלכע שווי־דערליכע אומשטענדן האָט ל. מאַטעס גע'חלומ'ט דעם חלום פון זיין ליד. אים איז אויסגעקומען „אריינגעמען דאָס שטיקל הימל דורכן פענצטער, און מיט די שטערנדלעך טיילן זיין בעט און זעט, און וואָס נאָר איינער וויל."

פאַנאַנדערפאַל האָט אַלעמאָל געערדט פון זיין „יעדן גליד" און פאַנאַנדערפאַל האָט אויך אַלעמאָל געשריגן פון זיינע „אויסגעזעצטע שויבן." דערפאַר האָט אים אַלעמאָל דאָס שווייגן זיינס „געבראַכט טרייסט און רו", די רו פון א דיכטער וואָס איז בטבע די אומרו אליין . . .

דאָס לעבן איז פאַר ל. מאַטעסן געווען א מיסטעריע, און „די

שטערן" האָבן אים „דעם סוד פון ווייטער אייביגקייט פארטרויט." ס'האָבן אים די „שלאָפלאָזע לאַנגע נעכט" זיין „ענד דערציילט" און געהערט האָט ער און פארנומען דעם סוד מיט אלע זיינע חושים, וואָס האָבן אים אין די אויערן אריינגעזונגען דאָס „ליד פון טויט" — זיין „פ א ר ב ־ פ ו ל   ג ע ז א נ ג"...

אין זיין איזאָלירטקייט האָט ער אלעמאָל געטראַכט פון „פריינט" און אפילו „פיינט", כאָטש איך צווייפל זייער, צי ער האָט דאָס לעצטע — פיינט — בכלל געהאַט. און געוואָרט האָט ער, אז „עמיצער זאָל קומען גוט נאָוונט זאָגן, א גוטע נאַכט." און געפילט האָט ער ווי „ס'טראַכט קיינער ניט פון מיר" און ברויט געקניפּט און געקייט, זיין „בענקשאַפט צו שטילן"... און אז ער האָט שוין עמיצן יאָ אויסגע־חלומ'ט, א וואונדער איז געשען „ס'האָט אין מיר געקלאַפּט", האָט ער „גערופן, און אַן אָרימאַן איז אריין" און זיך פאר זיין „אָרימקייט פאַרשעמט" און — „אַרויס". און אז די נאַכט „האָט אים שוין צו־געוואָרפן א שטערן", האָט ער ערשט „ניט געקענט קומען" וואו ער אליין האָט געוואָלט. ס'איז אים דעריבער אויסגעקומען בלויז אוועק־צושטויבן „דעם שטויב פון פענצטער" אום „די גאַס צו זען", און גע־בליבן זיינען זיינע ליכטיקע „אויגן זיצן אין לעבער טיף — טרויערן, באדויערן"...

אלעמאָל איז אים אויסגעקומען צו „ליגן. זען די פרייד פון אַן ערשט געבאָרן שטערנדל אין נאַכט, און ליגן." און זיין „אויג שטומט, רעדט ניט מער."

און האָט ער שוין יאָ דערזען דאָס ליכט פון דעם טאָג, איז זיין תפילה צו דער זון געווען:

„זון,
שטעך מיר די אויגן אויס
איך זאָל דיין בלוטיקן ניט זען.
איך קען ניט זען
קיין בלוט..."

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ל. מאַטעס געווען אומגלויב־ליך פּראָדוקטיוו, ליטעראַריש. און נאָך איידער ער האָט באוויזן צו פאַרענדיקן איין בוך, האָט ער שוין גע'חלומ'ט און געטראַכט פון א צווייטן.

„— וואָס יאָגט איר זיך אזוי ארויסצוגיבן אייערע ווערק?

„— איר אלע קענט וואַרטן, אָבער ניט איך..." איז זיין ענט־פער געווען.

דערפון נעמט זיך די שפע פון אזוי פיל ביכער בא אים, די לעצטע עטלאַכע יאָר פון זיין קורצן לעבן.

איבער די אלגעמיינע לידער זיינע טראָגט זיך די מעלאַנכאָליע

פון דער ביטערער קראַנקהייט זיינער — טובערקולאָזיס — וואָס האָט אים אזוי יונג און פרי פאַרצערט. און די נעמען פון די ביכער זיינע, זיינען דאָ ניט קיין צופעליקע, נאָר — אין פולן הסכם מיט זיין שטילן לעבן, ווי „דער ווייסער פרינץ פון דער ווייסער פלאָג", „מאָמענטן", און די גאָר לעצטע זאמלונג פון זיינע לידער וואָס ער האָט שוין ליידער נישט דערוויזן אליין צו פאַרענדיקן — „ווייסע טריט."

און דאָס וואָס ל. מאַטעס האָט אין לעבן אין די אלגעמיינע לידער זיינע נישט דערגרייכט, האָט ער בלי שום ספק יאָ דערגרייכט, ווי א דערגאַנצונג פון זיין לעבן — אין די קינדער לידער זיינע — זיין בוך „אין קאַראַהאָד" — וואָס ציכענען זיך אוים מיט א באַזונדערער לעבנס פרייד, און שטיפערישער יוגנטלעכקייט.

אין לעבן איז ל. מאַטעס געווען א זעלטענער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם נישט באַלעסטיקט, און מיט זעלטענער סבלנות אויף זיך געטראָגן די לאַסט פון זיין שטילן לעבן, באַזיצנדיק גלייכצייטיק א זעלטענעם געפיל פון אחריות און מסירת נפש פאַר זיינעם א חבר.

„— די זון וועט שיינען, און די לבנה מיט די שטערן וועלן אויך ניט פאַרמינערן זייער שיינקייט . . ." גיט מיר איבער ל. מאַטעס'עס א מיט־פּאַציענט פון דעם לאָס אַנדזשעלעסער סאַנאַטאָריום, וואו ל. מאַטעס איז געשטאָרבן, דעם 30טן אָקטאָבער, 1929 — זיינע לעצטע ווערטער — „איך וועל — — — —"

„ — איך מוטשע זיך אויפן טויט" — זיינען זיינע לעצטע ווערטער צו מיר אליין געווען, א נאַכט פריער.

א ליכטיקער איז ער צו אונדז געקומען „דער ווייסער פרינץ פון דער ווייסער פלאָג", און א ליכטיקער איז ער אויך פון אונדז אוועק. און זיין ליד גייט פאַר מיר איצט אויף, ווי דאָס לעבן זיינס — אין יענעם זעלטענעם ליכט פון דעם נאָך זעלטענערן ענו, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן דעם נאָמען: ל. מאַטעס.

# מיניאַטור־עסייען

## די קרוין פון דער נאַטור

דער יחיד ווערט פון דעם לעבן בא דער האַנט געפירט ווי א קינד פון א דערוואַקסענעם מענטשן.

קעגנאיבער דיר, פאָראויס — שפּרייט זיך די וועלט מיט איר צויבער, וואָס לאָקט דיך פון אלע מעגלאַכע ווינקלען אויף א סודות'דיקן אופן.

הינטער דיר באַרגן זיך אלע אָנגעקליבענע דערפאַרונגען פון דורות, וואָס שטויסן דיך צו גיין אויף א זיכערן וועג, וואָס האָט אין לויף פון יאָרן פאַרלוירן דעם אָנהויב און וויברירט מיט א בענקשאַפט ערגיץ וואו זיך צו פאַראַנקערן, ווי דער לעצטער אָנהאַלט פון א בריק.

איבער־דיר און פון־דיר גייט אויף די זעאונג פון אחרית הימים, וואָס שטעלט דיך אליין, דעם מענטש — אוועק אין דעם צענטער פון דער וועלט, ווי א בריק וואָס פאַרבינדט דעם נעכטן מיט דעם מאָרגן.

די וועלט, אין איר פּאַטענץ — האָט באַ די אָנהויב־טעג פון איר „וויסט און ליידיק״־זיין שוין פאַרמאָגט, אויף אזא אָדער אַן אַנדערן אופן — אַלע אירע אוצרות, וואָס זיינען אונדז שוין איצט באַקאַנט — אין א רויער פאָרם, און געוואַרט אויף דעם גניוס פון דעם מענטשן, וואָס זאָל זייער באַשייד באַשטימען און זיי אָנרופן מיט א נאָמען.

האָבן זיך יאָרן אין דער אייביגקייט ארייגגעגאָסן; דער מענטש איז אין זיין קאַמף פאַר זיין אייגענעם קיום איבערגעגאַנגען פון איין סטאַדיע צו א צווייטער, און אויף דעם סמך פון זיינע אָנגעקליבענע דערפאַרונגען, אויף דער פּאַן פון זיינע נויטן — האָט ער די דערמאָנ־טע אוצרות, ווי די אילוזיעס פון זיין דמיון — צום לעבן ארויסגע־רופן, און פאַר יעדן פון זיי א נאָמען געפונען, און פאַר יעדן פון זיי — א פונקציע באַשטימט.

אזוי האָט זיך דער מענטש ביסלאַכוויז דערקלעטערט צו זיין איצטיקער גדולה און געוואָרן, ווי ער אליין האָט זיך ליב צו באַציי־כענען — „די קרוין פון דער נאַטור.״

## יחיד און מאַסע

אידייען לויכטן אַלעמאָל אויף אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם יחיד. פון אים ווערן זיי צום לעבן געבראַכט און פון אים ווערן זיי אויך איבערגעפלאַנצט אין דער מאַסע, וואָס נעמט זיי אויף ווי מאַמע ערד נעמט אויף די זריעה.

און אַז עס גיט זיך איין, דער באָדן איז רייף און מאַמע ערד נעמט אויף די זריעה — בליט זיך עס פאַנאַנדער אין רייפע ברויטן.

און אַז עס גיט זיך נישט איין, מאַמע ערד נעמט נישט אויף די זריעה — גייט עס אינגאַנצן לאיבוד, אָדער — עס קומט־אויף א מפּיל, וואָס איז אַן אומגליק פאַר זיך און אויך אַן אומגליק פאַר יענעם.

און וואָס עס איז גילטיק פאַר דעם יחיד, קען אויך גילטיק זיין און גינסטיק פאַר דער מאַסע — באַ גינסטיק רייפע אומשטענדן.

מאַסע איז א סכום פון יחידים וואָס נעמט אויף די אידייע פון א יחיד און ווענדט עס אָן אויף אייגן לייב־און־לעבן, ווי א קליינעם צוגאָב צו א גרויסן פּליוס.

אזוי ווירקט דער יחיד אויף דער מאַסע, וואָס ווירקט אויף דעם יחיד געגנזייטיק צוריק.

די מאַסע נעמט אויף די אידייע פון דעם יחיד פאַר דעם נוצן פון

דעם כלל און ברענגט איר אין דעם לעצטן ס"ה צוריק צו דעם יחיד, ווי צו א קליינעם אָפּצווייג פון זיך — פון דעם גרויסן כלל.

## ליד

באַ דעם ראַנד פון דער וועלט איז אַ מענטש אויף דער ערד געזעסן און געזען ווי דער ווינט האָט אויפגעווירבלט אַ הויפן מיט זאַמד אין זון און — געשוויגן.

אויף אַ צווייגל פון אַ בוים איז אַ פויגל געזעסן און מיט צעעפנטע אויגן מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם מענטש געקוקט און געשוויגן.

אונטער דעם בוים, אויף דער ערד, איז אַ קלאַפּער־שלאַנג אין שטויב געליגן איינגעשלענגלט, געקוקט אויף דעם מענטש און — געשוויגן.

אויף דעם שפּיץ פון אַ שטיין־באַרג האָט אַ בוים זיך געגרינט אַנטקעגן דעם מענטש וואָס איז אויף דער ערד אין טאָל געזעסן און — געשוויגן.

און אַז דער מערב־ראַנד האָט זיך פּלוצים אין בלוט צעגאָסן, האָבן בוים, קלאַפּער־שלאַנג, פויגל און מענטש אויפגעהעלט ווי אין חלום און אויפגעזונגען אין אַ ניגון, וואָס האָט זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט דעם בלוט פון דעם מערב.

און דער מענטש האָט דעם ניגון גערופן: ליד!

## קריזים

די לעצטע שפּורן פון שפּיז זיינען פון דער קיך פאַרשוואונדן.

די ליידיקע טעפּ דערפילן דעם קריזים און הויבן זיך נאַכלייסיק אָן צו שטויבן אין דער פאַרוואָרלאָזטער קיך.

דאָס זופּ־טעפּל פאַרקלייבט זיך אין אַ ווינקל פון דעם נאַקעטן אויוון און בלייבט זיך מעלאַנכאָליש אין איר איינזאַמקייט . . .

די סקאָוועדרע באַזעצט זיך אין אַ פינצטערער שאַפע און הויבט בּיסלאַכווייז אָן צו זשאַווערן.

די מייז דערקלערן אַ סטרייק; אַנטלויפן און פאַרראַטן די אָרימע קיך אינגאַנצן . . .

די סלויעס, טעלער, גלעזער, שיסל, לעפל און גאָפּלען, פאַרלירן זייער פּריוולאַבקייט; זיי ווערן אַלע פילאָזאָפיש, רעזיגנירן און — שווייגן . . .

די באַלעבאָסטע זיצט פאַר'אבל'ט אין אַ ווינקל ווי פאַרגליווערט און זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט דעם אויוון מיט די כלים, און מיט זיך אַליין.

אַלע צוזאַמען שטומען אין אַ כאָר.

און איבער אַלץ־און־אַלעמען, שאַלט־אויף די שטילקייט, דאָס ליד פון קריזים.

# אינהאלט

## עסייען


ה. לייוויק (1939) — 5-11

יצחק לייבוש פרץ — אונדזער זון אין טאָגן (1940) — 11-16

וועגן דער יידישער דיכטונג אין אמעריקא (1929-1940) 16-37

א. לוצקי (פון א רעדע, 1929 — 37-39

ל. מלאך און זיין בוך „דן דאָמינגאָס קרייצוועג" (פון א רעדע 1931 — 39-43

אַלטער עסעלין (1940) — 43-47

וועגן לייענען (1935) — 47-51

דער ליטעראַטור־קריטיקער איז אויך א שריפטשטעלער (1934) 51-57

וואָרט (1934) — 57-59

וועגן דיכטער וואָס שרייבן אויף ליטעראַטור־קריטיק (1940) 60-63


## איינדרוקן פון ביכער


וועגן די נייע לידער פון ה. לייוויק (1940) — 63-72

יוסף ראָלניק — נייע לידער (1935) — 72-78

ב. לאַפּין — צייכנס (1934) — 79-83

א. מ. דילאָן און „די לידער" זיינע (1935) — 83-87

יעקב גלאַטשטיין — יידישטייטש (1937) — 87-93

א. לעיעלעס און זיין פּאָעמע „צו דיר—צו מיר" (1934-1940) 93-100

א. לוצקי — בראשית אינמיטן (1934) — 100-107

מלכה לי — לידער (1933) — 107-109

רחל ה. קאָרן — רויטער מאָן (1938) — 109-113

אסתר שומיאַטשער — אַלע טאָג (1940) — 113-117

אליעזר גרינבערג — פון אומעטום (1934) — 118-121

אברהם פּטאַשקין — פון הארבסט ביז הארבסט (1934) 121-126

בער שנאַפּער — מיין שטאָט (1934) — 126-129

סראָל אשענדאָרף—אין א גרויסער, פרעמדער שטאָט (1934) 129-132

י. ל. טעלער — לידער פון דער צייט (1940) — 132-139

מעשה און ניגון—געוועזן איז א מענטש, פון יעקב זיפּער (1940) — 139-151

ל. מאַטעס — פּאָרטרעט און איינדרוק פון זיינע ביכער (1929-1939) — 151-156

מיניאַטור עסייען — 156-158

אינהאלט — 159